STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07211

GEKLIBENE NOVELN

Guy de Maupassant

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07211-7

D:\YIDDISH\Titles\9780657072117T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

גי דע מאָפּאַסאַן

ג י דע מאָפּאַסאַן

געקליבענע נאָוועלן

מיט בילד, ביאָגראַפיע און אַ קריטישן עטיוד

יידיש זלמן רייזען

1923

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

יידישע אַפּטיילונג

Mopasan „Zbiór Nowel“ Tł. Z. Rejzen.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina,
M.-Stefańska 23.

דרוקעריי „ווילנער פארלאג״ פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפן-גאס 23.

גי דע מאָפּאַסאַן.

ביאָגראַפיע.

אַנרי־רענע־אַלבערט־גי דע מאָפּאַסאַן איז געבוירען געוואָרן דעם 5־טן אַווגוסט 1850 אין דעם שלאָס מיראָמעניל, ניט ווייט פון דיעפּ. פון פאָטערס צד איז ער געווען אַ לאָטאַרינ־גער, פון דער מוטערס — אַ נאָרמאַנדער. זייט מיטן XVIII יר״ה האָט זיין משפחה זיך באַזעצט אין נאָרמאַנדיע, וואו ער איז אויס־געוואַקסן און זיך געלערנט, פריער אין דעם סעמינאַר אין איוועטאָ, דערנאָך אין דעם ליצײ אין רואַן. די קינדהייט זיינע האָט ער פאַרבראַכט אויף דער פריי, און דאָס האָט אים אויסגע־צייכנט אַנטוויקלט פיזיש, אַריינגעגעבן אים אַ ליבשאַפט צו רחבות און פרישער לופט, געמאַכט אים פאַר אַ זעלטענעם קע־נער פון מענטשן און זאַכן, וועלכע ער האָט שפּעטער גע־שילדערט.

אין יאָר 1870 טרעט ער אַריין [illegible] פרייוויליקער אין דער אַרמיי, און [illegible]יקט זיך אין דער אומגליקלעכער פראַנצויזיש־פרייסישער קאַמפּאַניע, וואָס אַ סך עפּיזאָדן דערפון האָט ער אַזוי גלענצנד באַשריבן אין זיינע ווערק. צוריקגעקומען קיין פּאַ־ריז, דינט ער אין פלאָט־מיניסטעריום, שפּעטער אין מיניסטעריום פאַר פאָלקס־בילדונג, וואו ער זאַמלט אָן אַ רייכן אוצר באַאָבאַכ־טונגען אויס דעם לעבן פון די באַאַמטע [illegible] (1870—1880). דער קומענדי־טונגס־פעריאָד געדויערט צען [illegible] זיין פרייע צייט צווישן ליטעראַרישע [illegible] שפּילען זיך איבער דער סענע. זיינע ערשטע ווערק ווערן געהאַלטן בסוד. איין פלאָבער, אַ יוגנטפריינד פון זיין מוטער, איז פאַרטרויט אין דעם דאָזיקן סוד; מיט איידעלן שטאָלץ

באַגלייטנדיק דעם אויפבלי פון דעם גלענצנדן טאַלענט, גיט ער אים כסדר עצות, העלפט, מונטערט, קריטיקירט. זיין השפעה האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג: ניט קוקנדיק אויף זיין שאַרף אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליטעט, בלייבט מאָפּאַסאַן פלאָבערס אַ ליטעראַרישער יורש.

דער ערשטער באַנד לידער זיינע, און דערהויפּט די דערציילונג Boule de Suif, וואָס האָט זיך אין יאָר 1880 אָפּגעדרוקט אין עמיל זאָלאַס זאַמלבוך „די אָוונטן אין מעדאַן", באַצייכענען דעם סוף פון דעם צוגרייטונגס-פּעריאָד. פון איצט אָן איז מאָפּאַסאַן אַ מייסטער. דער ערפאָלג עפנט פאַר אים די טירן פון פאַרשיידענע אויסגאַבן, ווי Galois און Gil-Blas און גיט אים אַ מעגלעכקייט אינגאַנצן זיך אָפּצוגעבן דער ליטעראַטור.

די זאַמלונגען פון זיינע נאָוועלן ערשיינען זייער שנעל איינס נאָכן אַנדערן. אָט איז אַ רשימה פון זיי: 1881 — „דאָס הויז טעליע"; 1882 — „מאַדמואַזעל פיפי"; 1883 — די געשיכטן פון בעקאַס"; 1884 — „די לבנה-שיין", „מיס האַרריעט", „די שוועסטערס ראָנדאָלי"; 1885 — „טואַן", „איוועטע", „געשיכטן פון טאָג און נאַכט"; 1886 — „מאָסיע פּאַראַן", „די קליינע ראָק"; 1887 — קאָרלאַ; 1888 — „דער לאַורעאַט פון מאַדאַם [illegible]"; 1889 — „די לינקע האַנט"; 1890 — „די אומניצלעכע שיינהייט".

אין יאָר 1883 גיט מאָפּאַסאַן אַרויס זיין ערשטן ראָמאַן „אַ לעבן"; דערנאָך קומען „ליבער פריינד" (Bel Ami) (1885), „מאָנט-אָריאָל" (1887), „פּיער און זשאַן" (1888), „שטאַרק ווי דער טויט" (1889) און ענדלעך „אונזער האַרץ" (1890).

[illegible] פון זיין לעבן פאַרברענגט מאָפּאַסאַן אָדער אין פּאַריז אָדער אין [illegible] בויען אַ הויז, אָדער אין נסיעות, וואָס [illegible] וואו ער האָט זיך געלאָזט [illegible] זיך אין אים דערוועקט זייער פרי. ער פאָרט אַרום, לויט דעם קאַפּריז פון זיין פאַנטאַזיע, אין זיין אייגענער יאַכטע Bel-Ami, פאַרפאָרט עטלעכע מאָל קיין אַלזשיר, שטעלט זיך אָפּ אין קאָרסיקע און סיציליע, רוט לאַנג אין די פאַרשיידענע פּאָרטן פון

מיטללענדישן ים; אין רעזולטאַט פון דידאָזיקע וואַנדערונגען זיינען ערשינען: „אויף דער זון" (1884), „אויפן וואַסער" (1888), און „דאָס וואַנדערלעבן" (1890).

אין דעם איז זיין געזונט, שוין פרי אָנגעגריפן, שנעל און וואָס אַמאָל שוואַכער געוואָרן, ניט קוקנדיק אויף דער באַהאַנדלונג פון דאָקטוירים, אויף וואַסערהיילונג און פאָרגעשריבענער רו. גלייך ווי פאָרויסזעענדיק דעם נאָענטן טויט, האַלט ער אין איין שאַפן, און שטאַרבט ענדלעך אין דעם אַפּאָגיי פון זיין רום דעם 6־טן יולי 1893 אין דער הייל־אַנשטאַלט פון ד״ר בלאַנש אין פּאַסי פון אַן אַלגעמיינעם פּאַראַליז, האָבנדיק אַרויסגעגעבן פאַר 10 יאָר 1 באַנד שירים, 16 בענד נאָוועלן, 5 בענד ראָמאַנען, 3 בענד רייזע־באַשרייבונגען, 1 באַנד דראַמאַטישע ווערק, בסך־הכל 27 בענד, ניט גערעכנט זייער אַ סך נאָטיצן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און דריי בענד נאָוועלן, וואָס זיינען אַרויס נאָכן טויט: „די זונטאָגס פון אַ פּאַריזער בורזשואַ", „פּעטער מילאָן" און „דער טרעגער".

ער איז ניט געווען פאַרהייראַט, און האָט געהאַט בלויז איין ברודער, ע ר וו ע, וואָס איז געווען אויף 6 יאָר יינגער פון אים, און איז געשטאָרבן אין יאָר 1889. ערווע האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, מאַדאַם אָ ס אָ ל אַ, די איינציקע יורשטע פון דעם שריפטשטעלער.

* * *

אין יידיש איז מאָפּאַסאַן זייער פיל מאָל געדרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. די לעצטע צייט איז אַרויס אַ פולע אויסגאַבע פון זיינע ווערק אין 15 בענד, איבערזעצט פון לעאָן קאָברין (פאַרלאַג „פאָרווערטס", ניו־יאָרק), אָבער אין אייראָפּע איז די דאָזיקע אויסגאַבע אַבסאָלוט ניט באַקאַנט. זיין ראָמאַן „שטאַרק ווי דער טויט" איז אַרויס אין וואַרשעווער פאַרלאַג „יידיש". פאַראַן אויך אייניקע אַנדערע אויסגאַבן פון געוויסע ווערק מאָפּאַסאַנס אין יידיש.

גי דע מאָפּאַסאַן.

עטיוד פֿין פּאָל נעווע *).

„איך בין אַריין אין דעם ליטעראַרישן לעבן ווי אַ מעטעאָר און וועל אַרויסגיין פון אים ווי אַ בליץ“, האָט מאָפּאַסאַן געזאָגט זשאָזע־מאַריאַ ערעדיאַ, בשעת זייער לעצטער באַגעגעניש, און די דאָזיקע ווערטער ביי זייער גאַנצער קרענקלעכער פּייערלעכקייט, רעזיומירן גאַנץ גענוי די קורצע צעניאָריקע קאַריערע פון דעם שריפטשטעלער, וועלכער שאַפט מיט דער פּראָדוקטיוויטעט פון אַ מייסטער פערזן, נאָוועלן, ראָמאַנען און רייזע־זכרונות, כדי סוף־כל־סוף פאַר דער צייט אונטערצוגיין אין דעם תהום פון משוגעת און טויט.

אין 1880 ערשיינט דאָס זאַמלבוך „די אָוונטן אין מעדאַן“. צווישן די נאָוועלן פון דעם זאַמלבוך איז בלויז „דאָס קייקעלע“ „Boule de suif“ אונטערגעשריבן פון דעם נאָך אומבאַקאַנטן נאָמען מאָפּאַסאַן; אָבער צוליב אים גייען אַלע איבעריקע דערציילונגען אין זאַמלבוך אַדורך אומבאַמערקטערהייט. דער יונגער שריפטשטעלער האָט זיך גלייך קונה שם געווען.

פון איצט אָן איז ער רייך און באַרימט. אַלע לייענען אים: בורזשואַס און מיליטערלייט, קאָמערסאַנטן און וועלטלעכע מענטשן, יוריסטן און פינאַנסיסטן; יעדערער געפינט ביי אים די שילדערונג פון דער אייגענער גוט באַקאַנטער סביבה: דעם פאַמיליענווינקל, די קאַזארמע, דעם מאַגאַזין, דעם סאַלאָן, דעם געריכטס־זאַל, די קוליסן פון טעאַטער. מ׳האָט אים ליב, בפרט אַז מ׳האַלט אים פאַר אַ געזונטן און גליקלעכן. קיינער איז ניט

*) מיט געוויסע פאַרקירצונגען.

חושד אַפילו, אַז דער דאָזיקער גבר מיט דעם פאַרברוינטן פּנים, בּרייטן קאַרק און בּולטע מוסקלען, וואָס וועגן זיינע ליבּע־אוואַנ־
טיורעס גייען אַרום אַזוי פיל לעגענדעס — איז קראַנק און שווער קראַנק. די קראַנקהייט איז געקומען צו אים צוגלייך מיט דעם רום, באַגלייט אים אומעטום, שרעקט און פּייניקט אים און וועט אים שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. ער ליידט פון מאָדנע נערוועָ־
אישע אָנפאַלן, קעגן וועלכע ער ראַנגלט זיך מיט דער הילף פון נאַרקאָטישע אָדער אַנעסטעזירנדיקע מיטלען. ער האָט אויסצו־
שטיין שרעקלעכע מיגרענווייטאָגן און לאַנגע פאַרוואָגלטע נעכט. די ראיה הערט אים אויף צו דינען, און אַ באַרימטער אָקוליסט רעדט וועגן דער אַנאָמאַליע און אַסימעטריע פון די שוואַרצ־
אַפּלען. דער יונגער מאַן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט רום, ציטערט אין דער שטיל, פאַרפאָלגט פון כּלערליי „פאָביעס".

אין דערזעלבער צייט איז דער לעזער אַנטציקט פון דער געזונטער לעבּנספולקייט פון דער באַנייטער קונסט; אָבער דאָך בּלייבּט ער פון צייט צו צייט פאַרוואונדערט, טרעפנדיק צווישן בילדער, וואָס עטעמען מיט לעבּן און קראַפט, אויסטערלישע אָפּווייכונגען אין דעם געביט פון איבּערנאַטירלעכן, צוערשט אין דער פאָרם פון רמזים, שפּעטער — מער אָפנהערציקע, בּולטע, וואָס גרייכן בּיז אימה. ניט אַנענדיק קיין שום זאַך, איז דער לעזער נתפּעל פון דעם דיכטערס פולקומער אינטואיציע, וועלכע דערלויבּט אים אויסצופאָרשן אַלע באַהעלטענישן פון דעם אָנגע־
גריפענעם מענטשלעכן מוח. ער ווייסט ניט, אַז מאָפּאַסאַן אַליין לעבּט איבּער די דאָזיקע האַלוצינאַציעס, ער ווייסט ניט, אַז די דאָ־
זיקע אימה לעבּט אין אים אַליין, אַן אימה, וואָס ווערט אַרויס־
גערופן ניט דורך סכּנה, ניט דורך דעם אומפאַרמײדלעכן טויט, נאָר דורך געוויסע אומנאָרמאַלע פאַכירונגען, ביי געוויסע גע־
היימנישפולע ווירקונגען און אומבאַשטימטע דראָאונגען, די אימה פון דעם שרעק, די אימה פון איבּערלעבּן אַ „אומדערקלער־
לעכן" פּחד".

ווער עס האָט צום ערשטן מאָל געזען מאָפּאַסאַנען אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע, האָט געהאַט דאָס גע־

פיל פון אַ לייכטער אַנטטוישונג. דאָס איז געווען אַ געזונטער
יונג, ניט קיין הויכער, אָבער שטאַרק געבויט, מיט אַ גרויסן
שטערן, קאַשטאַניקע האָר, גלייכער נאָז, וואָנסן פון אַ מיליטער-
מאַן, אַ ברייטן קין און אַ מעכטיקן קאַרק. דער אַלגעמיינער אָנ=
בליק אָבער, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף קראַפט און ענערגיע,
איז דאָך געווען אַ ביסל מגושמדיק, אָן יענע פיינע ניואַנסן, אין
וועלכע מ׳דערקענט די אייגנשאַפטן פון אינטעלעקט און די סאָ=
ציאַלע לאַגע. אָבער הענט האָט ער געהאַט דינע און פיינע און
אונטער די אויגן זיינען געלעגן שיינע שאָטנס.

גערסט פלעגט ער אויפנעמען מיט דער קאַלטער העפלעכ=
קייט פון אַ שעף-דעפּאַרטאַמענט, וואָס אויס געפיל פון פליכט
הערט ער אויס די באַזוכער און טאָלערירט געהאָרזאַם זייערע
ניין מאָס רייד. אַ סך העפלעכקייט — קיין שום עקספּאַנסיוויקייט.
מיט אַ בלאַסן שמייכל האָט ער געלאָזט ריידן אַנדערע, און זיין
שווייגן האָט געבראַכט אין פאַרלעגנהייט. עס האָט זיך געפילט,
אַז זיין גלייכגילטיקער בליק גיט אַכטונג אומבאַמערקט. טיילמאָל
פלעגט ער אַריינוואַרפן אַ פראַזע, ווי מיט אַ כיוון — אַ אומבאַ-
שטימטע און אַ פאַרבלאָזע. און טראָץ זיינע אַלע אָנשטרענגונגען—
האָט אין אַלצדינג דורכגעבליקט זיין טיפע גלייכגילטיקייט.
משמעות, אים איז ווייניק אָנגעגאַנגען אי דער שמועס גופא אי
דער שמועס-פירער אי ער אַליין.

אַזאַ קבלת-פנים פלעגט אָפּקילנדיק ווירקן אויף יונגע ענטו-
זיאַסטן, וואָס זיינען געוויינט געווען צו די ליטעראַרישע שמועסן,
בשעת וועלכע זאָלאַ פלעגט אין אַ לירישן טאָן אַנטוויקלען זיינע
געוואַגטע טעאָריעס, און דאָדע האָט מיט אַ ברייטער האַנט גע=
שאָטן מיט לעבעדיקע בילדער און גלענצנדע ווערטלעך. מאָפּאַ=
סאַנס שמועס איז געוויינטלעך באַשטאַנען פון באַנאַליטעטן און
אַלגעמיינע ערטער, — קיין שום באַקענטעניש, קיין שום אָפּנ=
הערציקייט; קאַרג היטנדיק זיינע איינדרוקן, האָט ער קיינמאָל
ניט געלאָזט פאַלן אַ טרעפנדע באַמערקונג, ניט דערציילט קיין
טיפּישן אַנעקדאָט. שבחים האָבן אים ניט אַרויסגעפירט פון קאַל-
טער גלייכגילטיקייט און ער פלעגט לעבעדיקער ווערן נאָר—כדי

צו דערציילן אַ גראָבן וויץ, גלייך ער וואָלט הנאה געהאַט צו איבערראַשן און מיסטיפיצירן.

איבעריקנס האָט זיך געדאַכט, אַז קונסט האָט ער געהאַלטן פאַר אַ צייטפאַרטרייב, ליטעראַטור — פאַר אַ באַשעפטיקונג אין בעסטן פאַל אַ אומנוצלעכע, האָט גערן דעגראַדירט די ליבע צו דער מדרגה פון אַ פיזיאָלאָגישער פונקציע און האָט מיט חשד זיך באַצויגן צו די מאָטיוון פון די שענסטע מעשים טובים.

מ'זאָגט — דאָס אַלץ איז געלעגן אין זיין פערזענלעכקייט. איך גלייב עס ניט. זייער מעגלעך, אַז ער האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פון דער מענטשהייט, ניט געגלייבט אין איר אומאייגננוציקייט און ניט צו הויך געשאַצט אירע מידות טובות, אָבער איך זאָג זיך אָפּ צו גלייבן, אַז ער פערזענלעך זאָל ניט האָבן געשטאַנען העכער פון זיינע העלדן. און אויב די ראָלע, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, דערקלערט זיך אפשר טיילווייז מיט זיין איינגעוואָרצלטן פּעסימיזם, זע איך אין דער דאָזיקער ראָלע איבערהויפּט אַ מענטשנס פאַרטיידיקן זיינע באַהאַלטענע געדאַנקען קעגן דער נייגעריקייט פון דעם המון.

דערין האָט ער אפשר אַריבערגעשטיגן די אייגענע ערוואַרטונגען. פילע, וואָס האָבן געהערט, ווי ער לייקנט אין מאָראַל, קונסט, ליטעראַטור, דערציילט זיינע ליבע-אַוואַנטיורעס, וועלכע האָבן זיך אָפּט אָפּגעשפּילט ווייט ניט אין אַ אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן געזעען, ווי ער איז שטענדיק אַזוי אַריינגעטאָן אין שיפלען זיך, — זיינען געקומען צום אויספיר, אַז ער לאָזט זיך ניט אָפּטיילן פון זיינע שרעקלעכע נאַרמאַנדער, וועלכע הוליען און זיינען מזנה אין זיינע נאָוועלן און ראָמאַנען פון אָנהייב ביזן סוף מיט אַזאַ ווירטואָזער איינגעגלייבטקייט און רואיקער אוממאָראַלישקייט.

אַוודאי איז ער אַן עכטער נאָרמאַנדער לויטן גייסט און גוסט; מחמת אינסטינקט איז ער גערודליק, אומצוטרוילעך, פאַרשלאָסן, אַלעמאָל אויף דער וואַך, ווייס דעם ווערט פון געלט און קען היטן זיינע אינטערעסן; דערין איז ער דער קאָנטראַסט פון זיין לערער פלאָבער, וועלכער האָט געאַרבעט לשם קונסט

און האָט מיט אַן אמת געהאַסט די מאַטעריעלע גוטיקייטן. הגם ניט אויפן חשבון פון זיין זעלבשטענדיקייט, האַלט דאָך מאָפּאַסאַן, אַז זיין מלאכה דאַרף אים איינטראָגן געלט. ער פאַרדינט אַ סך און שפּאָרט אָפּ. שפּעטער, אַז ער איז געוואָרן רייך, עלעגאַנט, וועלטלעך, האָט ער ליב דאָס געלט פאַר יענע תּענוגים, וואָס מ׳קען פאַר דעם קריגן, און ברענגט עס אויס מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט עס אויך ליב צוליב אַ העכערן ציל: דאָס געלט דערלויבט אים צו געבן אַ רואיק עלטער דער מוטער, פאַרזאָרגן דעם ברודער און שפּעטער זיין ברודערס טאָכטער.

צונויפמישן מאָפּאַסאַנען מיט די העלדן זיינע איז אַ גראָבער טעות און ניט דער ערשטער. די לעזער האָבן ליב צו געפינען דעם שרייבער אין דעם העלד, צו זוכן דעם אַקטיאָר אונטער דער מאַסקע.

זיכער איז גערעכט געווען ט ע ן, ווען ער האָט געזאָגט: „די פּראָדוקטן פון שכל ווערן ניט געשאַפן פון שכל בלויז; דער גאַנצער מענטש העלפט-מיט זיי אַרויסצוברענגען". אָבער אין דעם מענטשן זיינען איינגעשלאָסן דאָס לעבן זיינס, זיינע זכרונות, זיינע באָבאַכטונגען. יונגערהייט האָט מאָפּאַסאַן געלעבט מיט די נאָרמאַנדישע פּויערים, געטיילט זייער אַרבעט, גערעדט זייער שפּראַך און באַמערקט זייערע זשעסטן. אָט פאַרוואָס דער פּעטער אַמאַבל, למשל, איז אַזוי וואונדערלעך לעבנסגעטריי.

און אָט פאַרוואָס אויך מאָפּאַסאַן אַליין זאָגט: „איך האָב ניט די נשמה פון אַ דעקאַדענט, איך קען ניט אַריינקוקן אין זיך, און די אָנשטרענגונג, וואָס איך מאַך, כדי אַריינצודרינגען אין פרעמדע נשמות — איז אומאויפהערלעך, הענגט ניט אָפּ פון מיין ווילן, איז ניט בייצוקומען. דאָס איז אַפילו קיין אָנשטרענגונג ניט: די דאָזיקע נשמות באַוועלטיקן מיך, דרינגען מיך אַדורך. איך ווער פון זיי אָנגעזאַפּט, גיב זיך זיי אונטער, ווער דערטרונקען אין די ווירקונגען, וואָס רינגלען מיך אַרום".

דאָס איז די אייגנשאַפט פון די גרויסע ראָמאַניסטן. ווער האָט עס שטאַרקער געפילט ווי ב אַ ל ז אַ ק? „ער איז אין דער

שליטה פון זיינע העלדן, זאָגט טען, זיי פאַרפאָלגן אים, ער זעט זיי, זיי ווירקן און ליידן אין אים, אַזעלכע אומצווייפלהאַפטיקע, אַזעלכע מעכטיקע, אַז זיי הערן ניט אויף אַליין זיך צו אַנטוויקלען מיט דער אומאָפּהענגיקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון רעאַלע וועזנס".

אַזוי איז אויך מאָפּאַסאַן. מיט אַ פּען אין האַנט, איז ער דער העלד פון זיינע דערציילונגען. ער שפּירט אין זיך זייערע ליידנשאַפטן, זייער האַס, זייערע גוטע און שלעכטע מידות. ער מאַכט דורך גילגולים און דער אַווטאָר פאַרשווינדט. אומזיסט פרעגסטו זיך — וואָס טראַכט ער וועגן דעם, וואָס ער האָט דערציילט? וואָס טראַכט ער וועגן דעם? אפשר — גאָרניט. און אויב ער טראַכט יאָ עפּעס, וועט ער עס אונז ניט זאָגן. איבעריקנס איז אַזאַ באַציאונג אינגאַנצן אָנגעמאָסטן צו דער ליטעראַרישער טעאָריע פון „ליידנשאַפטלאָזיקייט", וואָס איז דאַן געווען אין דער מאָדע. דאָך, דער דאָזיקער מאָדע אויף להכעיס, איז ער ווייט ניט קיין באַשעפעניש אָן געפיל פון רחמנות, וואָס קוקט גלייכגילטיק אויף ליידן. ער האָט טיף מיטלייד צו די שוואַכע, צו די קרבנות פון סאָציאַלן שקר, צו די מאַרטירער אָן אַ נאָמען.

פאַרוואָס האָט מאָפּאַסאַן שוין ביי זיין ערשטן אַרויסטריט גענומען דעם לעזער? דערפאַר, ווייל אויסמיידנדיק דעם ראָמאַנטיזם און קלאַסיציזם, האָט ער די פראַנצויזישע ליטעראַטור בלויז אַריבערגעטראָגן צו דער קלאָרער אוממיטלבאַרער ניכטערער פּאָעזיע פון נאַטירלעכקייט, און האָט אָנגעהויבן דעם דור זיינעם צו דערציילן פּשוטע לאָגישע מענטשלעכע געשיכטן, ענלעכע צו יענע, וואָס האָבן אַזוי אַנטציקט אונזערע עלטערזיידעס. דער פראַנצויזישער לעזער, וואָס האָט קודם-כל האָלט, מען זאָל אים ווילן, האָט זיך גלייך דערפילט אין דער היים.

ער האָט זיך געקוויקט מיט די „בעקאַס-געשיכטן", פּונקט אַזוי ווי זיינע עלטער-זיידעס האָבן זיך אין XII יאָרהונדערט געקוויקט מיט די „וואַלד-הינער" און דער „געשיכטע פון דריי מענעסטרעלן מיט די הויקערס".

אין מאָפּאַסאַנען איז, דאַכט זיך, מגולגל געוואָרן די נשמה

פון איינעם פון די דאָזיקע וואַנדער-זינגער, די אויסדריקער פון דעם גייסט פון דעם אויפקומענדיקן דריטן שטאַנד, וואָס פלעגן אויף די ירידן און חגאות זינגען זייערע אויסגעלאַסענע „פּאַבליאָ״.

נאָך אוממיטלבאַרער ווי די טרובאַדורן האָט ער פון זיינע ווערק פאַרטריבן אַלע אַבסטראַקטע און אַלגעמיינע טיפּן, און האָט אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין פּאָעמען ניט דעם מיטאָס, נאָר דאָס לעבן זעלבערט.

אין די דערציילונגען מאָפּאַסאַנס שטייען-אויף תחית-המתים די עלטער-עלטער-זיידעס, וועלכע ער האָט משמעות גאָר ניט געקענט.

אָבער מאָפּאַסאַנס געשיכטן, וואָס דערמאָנען די „פּאַבליאָ״ לויט סיוזשעט און מאַניר, זיינען זייער ווייט פון זיי לויט דעם גייסט. אין XIX יאָרהונדערט איז דער פאַרנאַנטער גאַלישער שאַרפזין שוין לאַנג פאַרטרונקען געוואָרן אין זומפּ פון שמוץ און געמיינהייט. אין דער פאַרוואָרפענער פּראָווינץ פאַרשווינדט די אַלטע גוטמוטיקע תמימות, און צוזאַמען דערמיט אויך דער ממזרישער געלעכטער און שטיפערישע לוסטיקייט. מאָפּאַסאַן קען ניט קיין גוטמוטיקייט, וואָרים ער האָט זי קיינמאָל ניט באַגעגנט. די ירושה פון די מיטלעלטערלעכע געשיכטנדערציילער, איז אַריבער צו אַ טרויעריק און סקעפּטיש האַרץ. פּונקט ווי זיי שרייבט אויך מאָפּאַסאַן אָן שום הינטערגעדאַנק, ניט זאָרגנדיק וועגן מוסר-השכל אָדער מאָראַל, פּונקט ווי זיי איז ער פרעמד פון סאַטירע, פּונקט ווי זייער אָפּטימיזם אַזוי אויך זיין מיזאַנטראָפּיע איז ניט בכוח פאַרצושטעלן זיך אַ בעסערע מענטשהייט.

און ער פלייסט זיך אַפילו גאָרניט צו אַמיזירן: ער דערציילט פון פאַרגעניגן וועגן, ניט גלייכגילטיק איבער דעם פאַקט, וואָס האָט אים איבערראַשט מיט באַנאַליטעט אָדער טראַגיזם. די געשיכטנדערציילער, וואָס זיינען ניט געווען פעאיק צו גענעראַליזירן, האָבן יוצא געווען מיט אויסלאַכן זייערע העלדן. מאָפּאַסאַן צוליב זיין פעסימיזם, פאַראַכט די מענטשן, די געזעלשאַפט, די ציוויליזאַציע און די וועלט.

אַוודאי האָט ער אָנגעשריבן אַ סך געשיכטן מיט דער איינ-

ציקער כוונה — צו לאַכן. אָבער מיט וויפל פינסטערע דערציילונגען האָט ער אויסגעקויפּט די דאָזיקע לוסטיקע עקסקורסיעס אין דעם געביט פון געזונטער עולם־הזהדיקייט, גראַנדיאָזן קאָמיזם און שפּאָטישן געלעכטער!

פונדעסטוועגן אָבער איז די דאַנקבאַרקייט פון די לעזער פאַרן אויפלעבן די אַלטע געשיכטן געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן שלום געמאַכט אַפילו מיט דעם פינסטערן עלעמענט, בפרט אַז פילע דענערווירטע און פאַרקריפּלטע היינטיקע נשמות האָבן דערין געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געשטילט זייער קרענקלעכע סענסיוויטעט.

אַחוץ אַלעמען האָט די פאָרם פון מאָפּאַסאַנס נאָוועלע, אָן אַ פּגימה אין פּרט פון קאָנצענטרירטקייט, גענויקייט און קלאָרקייט, צום בעסטן זיך געפּאַסט פאַר דעם לאַטייניש געשמאַק פון די פראַנצויזישע לעזער: קיינמאָל ערלויבט מאָפּאַסאַן דער פאַנטאַזיע זיינער ניט אַראָפּצוגיין פון אָנגעמערקטן וועג, ווי פאַרלאָקנדיק דאָס זאָל ניט אויסקומען. אָנטרויענדיק דעם אינסטינקט זיינעם זוכט ער ניט קיין עצות: ער זאָגט זיך אָפּ פון דער ערפאַרונג פון זיינע פאָרגייער און גיט זיך ניט אונטער דער קאָנטראָלע זייערער.

די איינציקע אַוטאָרן, אויף וועלכע מאָפּאַסאַן איז זיך אַמאָל סומך, זיינען שאָפּנהויער און הערבערט ספּענסער, אויב ניט רעכענען דעם פראַגמענט פון לעבאָקס ווערק „ווען מילבן“, וואָס ער דרוקט איינגאַנצן איבער אין „איוועטע“.

קיינער איז אַזוי ווייניק ווי ער ניט געווען קיין ביכערפרעסער; ער איז דער גרעסטער מאָלער אין דער ליטעראַטור.

זיינע העלדן, די קליינע מענטשעלעך, האַנטווערקער אָדער פויערים, באַאַמטע אָדער קרעמער, גאַסנפרויען אָדער וואַגאַבונדן שטעלט ער אַוועק אין ראַמען מיט אַ קלאָר געצייכנטן, אָבער שוואַך געפאַרבטן פּייזאַזש, און דער דאָזיקער פאַראיינפאַכטער פּייזאַזש גיט גלייך דעם טאָן דער דערציילונג. אויב די אַקציע אַנטוויקלט זיך שנעל, צווישן עלעמענטאַרע נשמות, ווערט דער פּאָן געצייכנט מיט ברייטע שטריכן, אָן פיינע דעטאַילן. אויב

אָבער קאָמפּליצירטערע נשמות קווענקלען אָדער מאַכן שהיות, פאַרבלייבט דער קינסטלער מיט זיי לענגער, כּדי אָנצוקוויקן זיך מיט דעם אָנבליק פון אַ נאַטור-ווינקעלע, באַטראַכטן אַ קליינע איינצלהייט פון אַ ביימל אָדער אַ בלום, אַ באַרגשפּאַלט אָדער אַ צופלוס.

אויב די העלדן זיינען גראָד גענייגט צו טרוימערישקייט — ווערט דער האָריזאָנט ברייטער, דער פּייזאַזש באַקומט אַ מעלאַנכאָלישן טאָן, כּדי אויסצוטיילן דעם פאַרקלערטן סילועט און דאַן טוט די דעקאָראַציע ערשיינען בהדרגה, ענדערנדיק זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון די ליידנשאַפטן, פאַר וועלכע זי דינט אַלס ראַם.

אַזוי-אַרום ערלויבט זיך מאָפּאַסאַן ניט אין זיינע נאַטור-שילדערונגען צו מאָלן מער, ווי עס זעען זיינע העלדן, פרייוויליק פאַרשמעלערט ער דעם האָריזאָנט זיינעם, אָפטמאָל — ביז דער מדרגה פון קנאַפּער און טעמפּער אויפנעמלעכקייט.

קיינמאָל נעמט די גלייכגילטיקע נאַטור ניט קיין דירעקטן אָנטייל אין די טרעפענישן פון זיינע העלדן: איר גייט ניט אָן ניט זייערע ליידן ניט זייערע פריידן; בלויז איינמאָל ברעכט מאָפּאַסאַן דעם דאָזיקן פּרינציפּ: די גרויסע טרויעריקע ווערבעס קלאָגן און וויינען איבער דעם קערפּער פון דער טויטער קליינער ר אָ ק

און פונדעסטוועגן פאַרגעטערט מאָפּאַסאַן די נאַטור ליידנשאַפטלעך, בלויז זי אַליין רירט אים און אין זיין באַציאונג צו איר פילט זיך אַ פאַרבאָרגענער ליריזם. אָבער ער באַהערשט זיך: דער קינסטלער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ער וועט שאַטן דער דערציילונג, ווען ער זאָל דערלאָזן אַ השתפכות-הנפש פון אַ פאַרליבטן.

עס ערשיינט אַ אומבאַקאַנטער... מיר זעען, ווי ער גייט פאַזע פּלויט, קלאַפּט אָן אין טיר, און דערקענען באַלד, פונוואַנען ער איז און וואָס ער דאַרף. אַ וואָרט, וואָס ער לאָזט פאַלן, דער גאַנג זיינער, אַ צוק פון די מוסקלען, אַן אָפּגעריסן קנעפּל — דאָס אַלץ גיט אים אונז צו דערקענען. מיר טרעפן זיינע אינסטינקטן, זיין כאַראַקטער, זיינע געוואוינהייטן. עטלעכע ווערטער, פשוטע, נאַטירלעך, עפּעס ווי צופעליק צונויפגעגרופּירטע, האָבן געטאָן דאָס

דאָזיקע וואונדער. אַדאַנק דעם אייגעבוירענעם חוש, טיילט מאָפּאַסאַן גלייך אויס אַ כאַראַקטעריסטישן פּרט, אַ טיפּישן שטריך, וועלכע באַשטימען און רעזיומירן דעם מענטשן. דערין האָט ער ניט קיין גלייכן צו זיך.

ער פאַרשטייט און דערקלערט זיינע העלדן אָן באַוואוסטזיניקער אָנשטרענגונג. פּשוט ער קוקט אויף זיי, כאַפּט־אויף און פאַרצייכנט אין פלוג אַלע זשעסטן, די אָפּשטאַמונג, און דעם צוזאַמענהאַנג און די באַדייטונג זייערע טרעפט ער גלייך און זיי ריידן מער צו זיין האַרץ ווי אויסגוסן און באַקענטעניש. ער דרינגט תיכּף אַריין אין דעם סוד פון דער פיזיאָנאָמיע, טרעפט די טרויערס און די שמייכלען, באַמערקט דעם לשון פון די זשעסטן. קיין שום זאַך בלייבט נישט פאַרבאָרגן פאַר זיין אומברחמנותדיקן בליק, וועלכער שטעלט־פאָר דעם איידלסטן אַפּאַראַט פאַר די געניסטע אויסמעסטונגען און מאַכט איבעריק לאָגישע דערקלערונגען און פּרושים און גיט אים די מעגלעכקייט צו לייענען לויטן אייגענעם פאַרלאַנג.

„אַלע טונקעלע סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין האַרצן".

מיט שנעלע שטריכן וואַרפט ער אָן, וואָס ער זעט. זיינע ווערק — דאָס איז אַ גרויסע זאַמלונג פון שטאַרקע עסקיזן, פון סינטעטישע סקיצן. אַזוי ווי אַלע גרויסע קינסטלער פאַראייניפאַכט ער. אין זיין געמעל איז ניטאָ קיין שום פּאָעזיע בכוונה, קיין שום געמאַכטע נאַאיווקייט, אָבער ריכטיקייט און גענויקייט פון די ליניעס, פולקומער חוש פון באַוועגונג, ריטמישע לייכטקייט און דער דפק פון לעבן אַליין. זיינע פּאָרטרעטן פירט ער אויס אַלעמאָל פינקטלעך ביז אויף אַ האָר, אָבער קיינמאָל מאַכט אים מאָפּאַסאַן ניט וואַרימער דורך צערטלעכקייט, מאַכט ניט ווייכער דורך גוטמוטיקייט.

טיילמאָל ווערן די קאָנטורן געצייכנט שאַרפער און עס ערשיינט אַ קאַריקאַטור. ער האָט ליב אַרויסצושטעלן פאַרהעסלעכטע קערפּערס, פאָרמען פאַרקריפּלט פון אַלטקייט און פון זיצן אויף איין אָרט. באַזונדערס דער פרויענלייב, „וואָס איז געווען אַזוי צאַרט", מאָלט ער מיט אַ איינגעהאַלטענעם שמייכעלע, ווי דאָס

דאָזיקע לייב איז געשענדט פון יאָרן, געשטעמפּלט פון קנייטשן און ראַצן, מיאוס אַטראָפירט אָדער אויפגעקוואָלן. ער איז אַ מייסטער צו מאָלן פּנימער ווי זיי ווערן חיהש אונטער דער ווירקונג פון גראָבע אַפּעטיטן, צעקאָכטער וואולגאַריטעט, אומזיניקע טרוימערייען און אומהיילבאַרער נאַרישקייט, און סיקען זיין אַז קיינמאָל לעבט ער ניט איבער אַזוי אינטענסיוו „די פרייד פון שאַפן“, ווי אין דידאָזיקע מינוטן.

ער האָט ניט קיין קאָנקורענט אין דעם, ווי אַזוי ער דיספּאָנירט זיין מאַטעריאַל, אָנווענדנדיק כסדר האַנדלונג און שמועס און באַהאַלטנדיק מיט גרויס בריהשאַפט פון לעזער, וואוהין ער פירט אים.

העכסט געוויסנהאַפט אין אָנהייב, ווערט מאָפּאַסאַן מיט דער צייט אָפּגעלאָזענער.

דורכגעטראַכט זיין דערציילונג, פאַרשרייבט ער זי ניט־איבערצומעקן, כמעט ווי מאַשינאַל.

די ראיה און דער חוש־הריח האָבן זיך אַנטוויקלט ביי דעם שריפטשטעלער אויפן חשבון פון זיין געהער, וועלכער איז ווייניק מוזיקאַליש. איבערחזורונגען, אומהאַרמאָנישע קלאַנגענקאָמבינאַציעס שאָקירן מאָפּאַסאַנען ניט אַלעמאָל; אין דעם פרט האָט ער ניט געירשנט דעם פאַנאַטיזם פון זיין גרויסן לערער. ער יאָגט זיך ניט נאָך אַ זעלטענעם וואָרט, זאָרגט זיך ניט וועגן נעאָלאָגיזמען און לעבט ניט איבער די יסורים, וואָס האָבן אָוועקגעהרגעט פלאָבערן. מאַנכע האָבן דערין איינגעזען אַ לייכטזיניקע באַציאונג צו דער שפּראַך און האָבן אויפגעוואָרפן מאָפּאַסאַנען, אַז זיין לשון איז ניט רעגלמעסיק, אָבער דער סך־הכל פון די דאָזיקע „אומרעגלמעסיקע“ פּראַזן בלייבט פונדעסטוועגן דאָס גרעסטע מייסטער־ווערק.

לאָמיר אָבער פון דער אויסערלעכקייט אַריבערגיין צו דעם איבעווייניקסטן תוך און אַ קוק געבן, וואָס איז באַהאַלטן הינטער דידאָזיקע ווערטער, וואולגאַרע אָדער ראַפינירטע, בלאַסע אָדער פינקלענדיקע, אַנדערש גערעדט — וואָס איז מאָפּאַסאַנס וועלטאָנשויאונג. על־פי יושר קען ער אָנגערופן ווערן דער גרעסטער

פּעסימיסט פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ער איז אין דער העכסטער מאָס באַשאָנקען מיט יענער קאַלטער ניכטערקייט פון שכל, וואָס האָט אויסגעצייכנט די פראַנצויזישע יוגנט, וועלכע האָט איבערגעלעבט די פּחדים פון דער אינוואַזיע און די נאַציאָ־נאַלע מפּלה פון יאָר 1870; דערצו נאָך איז ער אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף פלאָבערס „דערציאונג פון געפיל" און גלויבט אין דעם דאָגמאַט פון אייביקן אַלגעמיינעם „צער".

אָבער דער פּעסימיזם מאָפּאַסאַנס האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט דער מעלאַנכאָליע פון שאַטאָבריאַן, וואָס צערטלט זיין טרויער, מיט דעם שטאָלצן פּראָטעסט פון וויניאַי און דער פאַרשלאָסענער הכנעה פון דע ליל. גיכער פאַר אַלץ איז ער געשטעמפּלט מיט דער ווירקונג פון שאָפּענהויער. די מעטאַ־פיזיק פון דעם פראַנקפורטער פילאָסאָף ציט ווייניק צו דעם שריפטשטעלער; אינטערעסירן אינטערעסירט אים דער מאָראַליסט, וואָס שילדערט דאָס לעבן און די מענטשן; די אומבאַצווינגלעכע איראָניע און די אומשטערבלעכע סאַרקאַזמען פון דעם „גרויסן טרוימעןצעשטערער" אַנטציקן אים. עפּעס אַזוי ווי שאָפּנהויער וואָלט אים דיקטירט די פאָרמל: „זען — דאָס איז פאַרשטיין, און פאַרשטיין דאָס איז פאַראַכטן". אמת, מאָפּאַסאַנס פּעסימיזם ווערט ניט באַקרעפטיקט מיט פילאָסאָפישע ראיות, אָבער ער איז אינטערעסאַנט דורך דער בולטקייט פון די אויסדרוקן, אין וועלכע מאָפּאַסאַן קליידט אָן דאָס שוין־געזאָגטע.

„דער הימל האָט זיך מודה געווען אין זיין אַלטן געבאַרע־ניש", האָט געזאָגט סילי־פּרידאָם. און מאָפּאַסאַן איז אַן אַטעאיסט אַזוי ווי סטענדאַל און מערימע, אָבער ווייט ניט טיילנדיק זייער מנוחהדיקייט, איז ער אַלע ווײלע מתרעם אויפן בורא, אין וועמעס קיום ער גלויבט ניט, אויף דעמדאָזיקן „גאָט פון די נאַראָנים, וואָס דער שרעק פאַרן טויט האָט אים אויס־געטראַכט".

די נאַטור, די גרויסע בלינדע מוטער, איז פול פאַראַכטונג, אַכזריות און פאַלשקייט. געבערן כדי צו טויטן — דאָס איז איר געזעץ. אין אונזערע טעג, אַזוי ווי פאַרצייטנס, לויערט איבער

דער מענטשנהערטשאַפט דער אומברחמנותדיקער גורל. דער מענטש איז ניט אַנדערש געוואָרן זינט יענער צייט, ווען ער האָט געוואוינט אין נימפנהיילן און מיט שטיינער געטויט די חיות פון וואַלד. די ציוויליזאַציע — דאָס איינגעהזרטע און אויסגעטראַכטע לעבן — האָט מיט איר אַריינמישונג קיין זאַך ניט געענדערט; אומזיסט וואַרפט זי אָן קאָנוועגאַנסן און געזעצן — זי איז געבליבן אַ אילוזאָרישע מאַסקע, וואָס דעקט צו דעם באַרבאַריזם און פלאַצט אויף אַלע נעט אונטער דעם גראָבן דראַנג פון אינסטינקט. אומזיסט פּרובט זי פּענטען מיט קייטן די ווילדע חיה, וואָס ברומט און רעוואָלטירט אין דער טיף פון איר תּפיסה; אין דעם היינטיקן מענטשן, צי פּויער, צי שטאָטמענטש, צי אַדלמאַן, צי בירגער, זעט מאָפּאַסאַן אַלץ דעם אייגענעם אָדם הקדמון, וואָס געדענקט דעם וואַלד און די הייל אי אויף דער פערמע, אי אין קאַנטאָר, אי אין סאַלאָן. דאָס, וואָס זיינע פליישגעריקע אַפּעטיטן שטימען ניט מיט דער געקינסטלטער מאָראַל, וואָס די רעגירער, פּאָליטיקער און ריכטער האָבן אים אָנגעבונדן, — דאָס האָט געבוירן אַ באַשטענדיקע צביעות, וואָס מאַכט אים נאָך עקלהאַפּטיקער און געפערלעכער.

אומזיסט ווערט די ווילדקייט באַדעקט מיט סאָציאַלער, געזעלשאַפטלעכער און אַפילו וועלטלעכער אויסערלעכקייט — אומעטום קוקט זי אַפּער פון דעם שריפטשטעלערס ווערק. באַוואָפנט איינס קעגן אַנדערן, אָן מאָראַלישער פרייהייט — טוען זיינע העלדן ברענען, רויבן און שענדן; זיי טויטן צוליב דער נישטיקסטער סיבה, טויטן אַזוי ווי די נאַטור — אויס פיזישער באַדערפעניש, פון פאַרגעניגן וועגן. אמת, טיילמאָל האַלט סאָרזיכטיקייט אָפּ פון פאַרברעכן; אָבער דאַן וויפיל שמד־שפּיצלעך ווערט אָנגעווענדט צו קריגן דעם רויב, אויסמיידנדיק דעם געזעץ. די גאַנצע גייסטיקע אַנטוויקלונג, וואָס דער מענטש האָט דערגרייכט, ווערט פאַרניצט אויף אַרומצוגיין די געזעצן, וואָס דערזעלבער מענטש האָט אויסגעטראַכט.

אָבער דידאָזיקע מענטשן טרוימען דאָך פון ליבע! „ליגן!“ — ענטפערט מאָפּאַסאַן. דאָס, וואָס איר רופט ליבע, איז ניט קיין

אַנדערע זאַך, ווי אַ נעץ. וואָס די נאַטור האָט געמאַכט, דער מין זאָל ניט אויסגיין. די פרוי האָט גענומען אויף זיך די התחייבות אַריינצונאַרן אונז אַהין. די פרוי איז „אַ אייביקע אומשטערבלעכע זונה, אָן באַוואוסטזיין, אָן אומרואיקייט, וועלכע גיט אָן עקל אָפּ איר קערפּער, וואָרים דערדאָזיקער קערפּער איז די סחורה פון דער ליבע״. אירע זינדיקע טמא׳דיקע אויגן, וואָס ברענען מיט דעם פאַרלאַנג צו געפעלן — פאַרצויבערן אונז, „זי באַצווינגט אונז אויף אַ בייזן, עקשנותדיקן, קרענקלעכן אופן״. און די מענטשהייט וועט אויף אַלעמאָל בלייבן אַזוי. קיין זאַך וועט זי ניט פאַרבעסערן, ניט די רעליגיע, ניט די „אַזוי-גערופענע אומשטערבלעכע פרינציפּן״, ניט די גרויסמוטיקע אוטאָפּיעס. דער פּראָגרעס איז אַ קינדעריש זעלבסטגענאַרעניש, און די וויסנשאַפט ליגט. אומגליק איז געקומען אויף דער וועלט גלייכצייטיק מיט לעבן, און מאָפּאַסאַן ווייזט אונז די בייז-באַשערטע פּראָצעסיע פון בשר-ודמס, וואָס זייער לייב איז פאַרפייניקט פון דלות און קראַנקהייט, פאַרשקלאַפט פון תאוות און אַפּעטיטן. ביי יעדן איינעם אויפן פּנים זיינען אָנגעשריבן די הערמאַנישע אָדער לעכערלעכע יסורים פון דער עקסיסטענץ, וואָס ענדערן זי איז ער ניט בכוח און דערצו פאַרשטייט ער אין איר לחלוטין גאָרנישט. פונדעסט-וועגן אָבער טראָגט יעדערער פון זיי, סיי מאַן סיי פרוי, אַ משוגענע האָפענונג אין האַרצן. אין זיין אַרבעטס-קאַבינעט האָט מאָפּאַסאַן אַלעמאָל געהאַט פאַר די אויגן דעם שעדעוור פון ראָדען: „די כימערע״ מיט אַ קורצער נאָז, בייזן שטערן, צונויפגערוקטע אויגן, ווי זי שניידט פונאַנדער די לופט מיט דער שטאַרקער ברוסט און שלעפּט נאָך זיך דעם אומגליקלעכן, וואָס קרימט זיך אין יסורים. לייענענדיק מאָפּאַסאַנס ווערק, האָב איך אַלעמאָל זיך דערמאָנט אָן איר אַכזריותדיק בייזן פּנים. דאָס האָט זי צעבראָכן אונזער לעבן, אַוועקרייסנדיק אונז אין איר אומזיניקער שטרעבונג צום ליגנערישן אידעאַל, צו דעם לעגענ-דאַרישן לאַנד פון אומבאַוווּרטע טרוימען!

אין דעמדאָזיקן לעבן, אין וועלכן מיר דרייען זיך, אַזוי ווי פליגן אין אַ גראַפין, פּאַסירט נאָר דאָס „ערגסטע״; קיין שום

זאַך פאַרדינט ניט קיין צוגעבונדנקייט אָדער התפעלות. מיר דאַרפן ניט ערוואַרטן קיין שום פרייד פון די, וואָס רינגלען אונז אַרום, צי זיי זיינען שלעכט אָדער אומבאַהאָלפן, און מיר זיינען ניט בכוח ניט מאַכן זיי בעסער ניט העלפן זיי. יעדע אַרבעט דריקט און אַנטמוטיקט, יעדע התפעלות אין געדאַנק — איז אייטלדיק און קליינלעך. די נאַרישע גאווה פון מענטשן געווינט אַ נעבעכדיקע אַמביציע און פירט אַריין אַ אומזיניקע יעראַרכיע אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט... מאָפּאַסאַן פּאָזירט ניט, באַקענענדיק דעמדאָזיקן ווילדן ניהיליזם, ער איז אים מכניע אַלע זיינע ווערטער, אַלע זיינע מעשים. אין זיין פאַרלייקענונג פון לעבן, לאַכט ער אויס די אייגענע אָנשטרענגונגען און די אייגענע אַרבעט, באַציט זיך מיט ביטול צו רום און צו לויב.

מאָפּאַסאַן האָט ליב די נאַטור מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פיזישער ליבע, ער האָט זי ליב מיט זיין גאַנצן וועזן. אירע דופטן רייצן אים, אירע חנען באַצויבערן אים, ער גייט אויס אויף איר שויס. די העלע פאַרבן פאַרשיכורן אים און די גרויסעביימער, אַזוינע רויעדיקע און פרידלעכע, אַנטציקן אים. דאָס באָדן זיך פאַרשאַפט אים דעם גרעסטן תענוג פון די דערלויבטע פיזישע תענוגים.

קיינמאָל ניט פילנדיק קיין איבערזעטיקונג, גאַרט ער צו זען די נאַטור אין אַלע אירע פאָרמען. אָט פאַרוואָס ער האַלט אין איין אַרומרייזן, אין דער האָפענונג צו געפינען אַ ווינקעלע, וואו ער זאָל זי קענען וואָס פולער באַהערשן. צוערשט באַרייזט ער די היימישע נאָרמאַנדיע, אירע לאַנקעס און דעם ים, וואָס שווענקט זי אַרום, דערנאָך שטודירט ער די סענע, דערנאָך ברעטאַן, וואו די הויכע אינדן צעשלאָגן זיך אָן ברעג, אָווערן מיט אירע ווירציקע גראָזן, וואָס וואַקסן אויפן שוואַרצן וואולקאַנישן באָדן. שפּעטער לאָקן אים די לענדער, וואָס זיינען פאַרברענט פון דער זון, קאָרסיקע, איטאַליע, סיציליע, זייערע ברייטע האָריזאָנטן. אַפריקע, די היים פון סאַלאַמבאָ, אירע מדבריות ציען אים סוף-כל-סוף צו, די זון פאַרפלייצט זיין קערפּער מיט שיין, „אַרומשווענקענדיק די טונקעלע ווינקעלעך פון זיין נשמה“, און ער

וועט באַהאַלטן אין זיין געדעכעניש די רייצנדיקע זכרונות פון דידאָזיקע הייסע אָוונטן, ווען די לופט איז עפעס ווי פאַרביטן געוואָרן אויף דעם דופט פון געוויקסן און ביימער.

אָט פאַרוואָס מאָפאַסאַן פאָלגט בלינד דער פֿישופמאַכערין נאַטור און ראָט די קלוגע אונטערצוגעבן זיך די געזעצן אירע. אָבער זאָלן זיי ניט פרובן צו קאָמפּליצירן דידאָזיקע געזעצן דורך מאָראַל און זאָלן זיי זיך האַלטן אָן עפיקורס סענסואַליזם. מ׳דאַרף ניט פאַרלאַנגען פון אַ פרוי נאָך עפעס אַחוץ דעם פיזישן תענוג.

לאָמיר אָפּהיטן דאָס האַרץ און דעם שכל פון דעם פאַרהאַסטן „ווייבלעכן", וועלכעס מיר וועלן סיי ווי קיינמאָל ניט משיג זיין און וואָס איז אָפּגעטיילט פון אונז דורך אַ אומדורכרינגלעכער מחיצה". אָבער מ׳דאַרף זוכן תענוגים אין אַלע קושן און אין זייער פאַרשיידנאַרטיקייט.

מאָפאַסאַנס פילאָסאָפיע איז פונקט אַזוי אומקאָמפּליצירט ווי זיין בליק אויף דער מענטשהייט. זיין פעסימיזם שטייגט אין איינפאַכקייט און טיפקייט אַריבער אַלע טעאָריעס פון די נאַטוראַליסטישע שריפטשטעלער. פון אַלע זיינע צייט-חברים האָט ער איינער געמשפט און אָן אַפּעלאַציע פאַרמשפט די מענטשהייט.

פונדעסטוועגן קען מען ביי אים געפינען היבשע סתירות: די אומפאַרשטענדלעכסטע איז אָן שום צווייפל — זיין אומבאַצווינגלעכער שרעק פאַרן טויט. ער זעט אומעטום דעם ט ו י ט, ער ווערט פון אים פאַרפאָלגט. ער באַווייזט זיך אים אויפן האָריזאָנט פון אַ פּייזאַזש און ביים קרייצן זיך פון די וועגן, און ער ציטערט אויף פון דער באַרירונג פון זיין ביינערדיקער האַנט.

אַלס אַ אָנהענגער פון שאָפּענהויער, שרעקט אים דער אומדערקלערלעכער פחד פאַרן געהיימנישפולן, וואָס די ראיות פון שכל קענען אים ניט פאַרטרייבן. אין אים לעבט דער אינסטינקטיווער חיהשער שרעק פון דעם פרימיטיוון ווילדן, און אויף אייניקע זייטלעך שילדערט ער אונז אַזאַ קאָשמאַרפולע, אַזאַ פאַנישע אימה, וואָס אַנטקעגן איר קומען אויס אידיליש די שטאַרקסטע ערטער פון זאָלאַס „די פרייד פון לעבן". און דאָך האָבן דידאָזיקע זייטלעך געקויפט מאָפאַסאַנען נייע סימפאַטיעס. דער טעראָ=

ריזירטער לעזער איז בסוד נתפעל פון דעם מוט, מיט וועלכן דער
אַווטאָר איז זיך מודה אין דער שוואַכקייט, וואָס אַלע ליידן אויף
איר, און אַלע באַהאַלטן זי.

מיט אַ ביטערן תענוג הערט זיך מאָפּאַסאַן צו צו דעם לויף
פון די מינוטן, וואָס דערנעענטערן אונז צו דעם טויט, און זעט
פאָרויס אומפאַרמיידלעכע, אומפאַרריכטלעכע חורבונות. באַדויע=
רונגען באַהערשן אים אָן זיין וויסן. אויס מורא פאַר דער צוקונפט,
וואָרים „צוקונפט—דאָס איז טויט", ווענדט ער זיך צו דעם עבר,
אידעאַליזירנדיק די פאַרגאַנגענע שיינקייט און די פאַרשטאָרבענע
ליבע. אים פאַרפאָלגט די באַדויערונג וועגן די בליקן, וואָס ער
האָט אַמאָל באַגעגנט, און וועגן די קושן, וואָס ער וואָלט געקענט
געניסן. זכרונות זיינען אים טייערער ווי דיווירקלעכקייט און
מיט אומענדלעכער פיינקייט שילדערט ער דעם טרויער פון הער=
צער, וועלכע האָבן זיך באַגעגנט צו שפּעט, מידע און אוממעכ=
טיקע, און זיי ווערן אויסגעשעפּט אין די אָנשטרענגונגען צו שאַפן
זיך אַ ניי לעבן אויף די חורבות פון דעם אַלטן. אין דער העכ=
סטער מאָס באַזיצט ער יענעם פיינעם און דורכדרינגענדיקן גע=
פיל, וואָס פלאָבער רופט „די ביטערניש פון איבערגעריסענע
סימפּאַטיעס" און וואָס רירט אים אַזוי טיף, קעגן זיין אייגענעם
ווילן.

די צווייטע סתירה: דער, וואָס זיינע נערוון ליידן פון יעכ=
ווידער באַרירונג מיטן המון און וועלכער פאַראַכט טיף די מענטש=
הייט — באַטראַכט די איינזאַמקייט פאַר דער גרעסטער פּלאָג פון
לעבן. און ער קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס עס איז אוממעגלעך
אָפּצוגעבן זיך אינגאַנצן, אויף דעם, וואָס אין דער טיף פון זיין
וועזן בלייבט אַ „פאַרבאָרגענער איך, וואוהין קיינער קען ניט
אַריינדרינגען".

„ווי—ווי! האָט געזאָגט זיין לערער, „מיר אַלע זיינען אין
דער מדבר. קיינער פאַרשטייט קיינעם ניט, און וואָס מיר זאָלן
ניט טאָן, וואָס עס זאָל ניט זיין די שטרעבונג פון אונזערע הער=
צער און די צורופן פון אונזערע לעפּצן — וועלן מיר אַלעמאָל
זיין איינזאַם!"

מאָפּאַסאַנס פּעסימיזם איז לאָגיש און ברענגט אים, אַזוי ווי שאָפּענהויערן, צו רחמנות. דאָסדאָזיקע רחמנות האָט ווייניק שייכות מיט דעם רחמנות אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. זיין רחמנות איז פילאָסאָפיש שטאָלץ און נעמט אַרום דעם וועלט־שמערץ און דער מענטש—דער צביעותדיקער פאַלשער צווייפיסיקער—רופט עס, דעם אמת געזאָגט, צום ווייניקסטן אַרויס. מאָפּאַסאַן איז גרייט צו העלפן אַלע קרבנות פון פיזישע אומגליקן, סאָציאַלע אַכזריותן און פאַרברעכערישע צופאַלן פון לעבן, אָבער ער האָט אויף זיי רחמנות, ניט אַכטנדיק זיי, און האַלט זיך פון זיי אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ. פאַרקערט, די בעלי־חיים רופן אין אים אַרויס אַ ריין בודיסטישע צערטלעכקייט. ווען ער באַדויערט די בעלי־חיים, וואָס זיינען ווערט מער ווי מיר, די תּליגים זייערע, ווען ער באַדויערט אַלע עלעמענטאַרע בּרואים, געוויקסן און ביימער, לאָזט ער פריי זיין האַרץ. זיין מיטלייד צו אַלעם, וואָס לעבט אין אומגליק, ראַנגלט זיך אָן באַוואוסטזיין, „ליידט און שטאַרבט שווייגנדיקייט", האָט ניט קיין גרענעצן. און אויב ער האָט מיט ניט קיין געוויינלעכן ליריזם באַוויינט מיס האַריעט, איז עס דערפאַר, וואָס די אָרימע מיידל, נעבעך, האָט פונקט ווי ער ליב געהאַט מיט גלייכער ליבע „אַלע געגנשטאַנדן, אַלע לעבעדיקע בּרואים".

די קליינע ראָק.

I.

דער בריוטרעגער מעדעריק ראָמפּעל, וואָס די אָרטיקע איינוואוינער רופן אים פשוט מעדערי, איז אַרויס אין דער געוויינלעכער שעה פון דער פּאָסט-קאַנטאָר אין ראָיואי-לע-טאָר. דורכגעשפּרייזט דאָס קליינע שטעטעלע מיט זיין ברייטן טראָט פון אַ געוועזענעם סאָלדאַט, האָט ער דורכגעשניטן די פעלדער פון וויליאָס און זיך געלאָזט גיין צום ברעג פון טייך ברינדיל, וואָס האָט געפירט צום דאָרף קאַרוועלין, פון וואַנען ער פלעגט אָנהייבן פונאַנדערטראָגן די בריוו.

ער איז געגאַנגען גיך, לענגאויס דעם שמאָלן טייך, וואָס האָט גערוישט, געברויזט און געשוימט, טראָגנדיק זיך אין זיין גראָזיקן געלעגער, אונטער דעם שויץ פון ווערבעס. גרויסע שטיינער האָבן פאַרצאַמט דעם שטראָם, און ערטערווייז האָבן קליינע וואַסערפאַלן, אָפט אומגעזעענע, צאָרנדיק און שטיל גערוישט אונטער די גרעזער, אונטער די ליאַנעס, אונטערן שאָטן פון די ביימער. און אַ ביסל ווייטער זיינען די ברעגעס געוואָרן ברייטער און געבילדעט אַ קליינע שטילע אָזערע, וואו פאָרעלן זענען געשוואומען צווישן די געדיכטע גרעזער, וואָס פלאַטערן אין דער טיפעניש פון די רואיקע שטראָמען.

מעדעריק איז געגאַנגען, גאָרנישט באַמערקנדיק, און האָט געהאַלטן נאָר איין געדאַנק אויפן קאָפּ: „דעם ערשטן בריוו האָב איך פאַר די פּואַוראָנס, דאַן האָב איך אַ בריוו פאַר הערן רענאַרדע: אַלזאָ דאַרף איך גיין דורכן וואַלד".

זיין בלויע בלוזע, פאַרבונדן אויף דער טאַליע מיט אַ רימענעם פּאַס, האָט גלייכמעסיק און שנעל געשוועבט צווישן דעם גרי-

נעם געפּלעכט פון די ווערבעס; און זיין שטעקל, אַ דיק דעמבן דרענגל, האָט מאַרשירט ביי זיין זייט מיט דערזעלביקער באַוועגונג וואָס זיינע פיס.

ער איז אַריבער די ברינדיל איבער אַ בריקל, וואָס איז באַשטאַנען פון איינאיינציקן בוים, אַריבערגעוואָרפן פון איין ברעג אויפן צווייטן; אַלס פּערענץ צו דעמדאָזיקן בריק האָט געדינט אַ שטריק, וואָס איז געווען אָנגעבונדן אָן צוויי שטאַנגען, אַריינגעשלאָגענע אין די קעגנאיבערדיקע ברעגעס.

דער וואַלד, וואָס האָט געהערט צום הער רענאַרדע, דעם מער פון קאַרוועלין און דעם גרעסטן אָרטיקן גוטסבאַזיצער, איז באַשטאַנען פון הויכע אַלטע ביימער, גלייכע אַזוי ווי זיילן. אויף אַ האַלב מייל ווייט האָט ער זיך געצויגן פּאַזע דעם לינקן ברעג טייך, וואָס האָט געדינט פאַר אַ גרעניץ צו דעמדאָזיקן ריזעדיקן בלעטער-געצעלט. ביים וואַסער, פון די וואַרימע זונען-שטראַלן, זיינען אויסגעוואַקסן הויכע קוסטעס; אָבער אין וואַלד גופא איז גאָרנישט געווען אויסער מאָך, אויסער געדיכטן ווייכן מאָך, וואָס האָט אין דער שטייענדיקער לופט פאַרשפּרייט אַ לייכטן ריח פון שימל און טויטע צווייגן.

מעדעריק האָט פאַרהאַלטן דעם טראָט, אויסגעטאָן זיין שוואַרץ היטל, באַפּוצט מיט רויטן גאַלון, און אויסגעווישט דעם שטערן, דען עס איז שוין געוואָרן הייס אין די פעלדער, הגם עס איז נאָך ניט געווען קיין אַכט אַ זייגער אינדערפרי.

קוים ווידער אָנגעטאָן דאָס היטל און נאָך שנעלער אַוועקגעשפּאַנט ווייטער, האָט ער פּלוצלונג דערזען אונטער אַ בוים אַ מעסערל, אַ קליין קינדעריש מעסערל; אויפגעהויבן עס, האָט ער באַמערקט דערביי אַ פינגערהוט און מיט אַ פּאָר טריט ווייטער אַ נאָדל-טעשל.

אויפגעהויבן דידאָזיקע זאַכן, האָט ער געטראַכט: „מען דאַרף זיי איבערגעבן דעם מער", און איז אַוועקגעגאַנגען זיין וועג ווייטער, נאָר האָט אַלץ געקוקט אויף אַלע זייטן, גלייך ער האָט זיך געריכט נאָך עפּעס צו געפינען.

פּלוצלונג איז ער שטיין געבליבן, גלייך ווי ער וואָלט זיך

געהאַט אָנגעשטויסן אָן אַ פלויט: פאַר אים, קוים צען טריט ווייט, איז אין מאָך געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן רוקן דער קערפּער פון אַ נאַקעט קינד. דאָס איז געווען אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, דרייצן. די הענט אירע זיינען געווען צעוואָרפן, די פיס צעשפּרייט אין די זייטן, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט אַ נאָזטיכל. אויף די לענדן האָבן זיך געזען קליינע בלוט=פלעקן.

מעדעריק האָט זיך צוגעשלייכט נעענטער אויף די שפּיץ פינגער, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט אָנצומאַכן אַ גערויש, אָדער פאַר עפּעס זיך געשראָקן: ער האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן.

ווער איז דאָס מיידעלע? זי מוז ווייזט אויס שלאָפן. אָבער דאָ איז אים איינגעפאַלן, אַז ניט אַזוי שלאָפט מען, האַלב אַכט אינדערפרי נאַקעטערהייט אונטער די קילעביימער פון אַ וועלדל. זי איז אַלזאָ טויט און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פאַר=ברעכן.

אַ קאַלטער שוידער איז אים אַדורכגעלאָפן ביי דעמדאָזיקן געדאַנק, הגם ער איז געווען אַן אַלטער סאָלדאַט. רציחות האָבן אַזוי זעלטן פּאַסירט אין דידאָזיקע מקומות, בפרט אַ מאָרד פון אַ קינד, אַז ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט. אויך איז ניט געווען אויף איר קיין סימן פון אַ וואונד, קיין שום זאַך אחוץ דעם פלעק בלוט, פאַרטריקנט אויף איר לענד. ווי אַזוי=זשע האָט מען זי געטויט?

ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין שטעקל און זי גענומען באַטראַכטן. ער קען זי אַוודאַי, וואָרים ער קען דאָך אַלע איינוואוינער פון דער געגנט. אַזוי ווי ער האָט אָבער ניט געקענט זען איר פּנים, האָט ער ניט געוואוסט, ווער זי איז. ער האָט זיך אָנגעבויגן אַראָפּצונעמען דאָס טיכל פון איר פּנים; אָבער פּלוצלונג האָט ער אַ צי צוריק געטאָן די שוין געוועסט אויסגעשטרעקטע האַנט.

האָט ער דען רעכט עפּעס צו ענדערן אין דעם בר-מינן, איידער דאָס געריכט האָט עס באַקוקט? דאָס געריכט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווי עפּעס אַ גענעראַל, פון וועלכן קיין שום זאַך בלייבט ניט פאַרהוילן, פאַר וועמען אַן אָפּגעריסן קנעפּל איז

פונקט אַזוי וויכטיק ווי אַ זעץ מיטן מעסער אין זייט. אין דעמדאָזיקן נאָזטיכל שטעקט אפשר דער הויפּטבאַווייז; אַלנפֿאַלס איז עס איינער פֿון די באַווייזן, וואָס קען פֿאַרלירן זיין ווערט, ווען אַן אומגעשיקטע האַנט זאָל עס באַרירן.

ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן צו לויפֿן צום מער, אָבער אַ נייער געדאַנק האָט אים אויך דערפֿון אָפּגעהאַלטן. אויב דאָס מיידעלע לעבט נאָך אפשר, קען ער זי דאָ אַזוי לאָזן ליגן? ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פֿון פֿאָרזיכטיקייט ווייגן גאַנץ ווייט פֿון איר, און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו איר פֿוס. דער פֿוס איז געווען קאַלט, דורכגענומען מיט יענער אימהדיקער קעלט, וואָס מאַכט אונז אַזוי שרעקלעך דעם טויטן קערפּער, ניט איבערלאָזנדיק מער קיין שום ספֿקות. שפּעטער האָט דער בריווטרעגער דערציילט, אַז ביי דערדאָזיקער באַרירונג האָט זיך אים דאָס האַרץ איבערגעדרייט, און אין מויל איז אים טרוקן געוואָרן.

האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן דורכן וועלדל צו דעם הויז פֿון רענאַרדע.

ער איז געלאָפֿן מיט טריט פֿון אַ גימנאַסט. דאָס שטעקל אונטערן אָרים, די פּויסטן צונויפֿגעדריקט, דער קאָפּ אויסגעשטרעקט פֿאָרויס; זיין לעדערנע טאַש, אָנגעפּילט מיט בריוו און צייטונגען, האָט אים ביי יעדן טריט געשלאָגן איבערן רוקן.

דעם מערס הויז האָט זיך געפֿונען אין עק וואַלד, וואָס האָט דעם ווירט געדינט פֿאַר אַ פּאַרק; מיט איין זייט האָט דאָס הויז זיך דערהויבן פֿון אַ קליינער סאַזשלקע, וואָס די ברינדיל האָט דאָ געבילדעט.

דאָס איז געווען אַ גרויסער פּירקאַנטיקער גרויער מויער, זייער אַן אַלטער, וואָס האָט פֿאַרצייטנס ניט איין באַלאַגערונג אויסגעהאַלטן, און האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ ריזעדיקן טורים, אַ מעטער צוואַנציק די הייך, וואָס איז געווען אַריינגעקניט אין וואַסער.

פֿון דערדאָזיקער ציטאַדעל אויס האָט מען אַמאָל געלוגט אין דער געגנט אַרויס. דער טורים האָט געהייסן „דער פֿוקסטורים“— ניט צו וויסן פֿאַרוואָס, און פֿון דערדאָזיקער באַצייכענונג האָט

אָן שום ספק געשטאַמט דער נאָמען פון די אייגנטימער פון דעם הויז רענאַרדע*). דאָס גוט האָט שוין צוויי אָדער דריי הונדערט יאָר זיך געפונען אין די הענט פון דערזעלביקער פאַמיליע. די רענאַרדעס האָבן געהערט צו יענעם טיפּ האַלב־פּריצישער בורזשואַזיע, וואָס מ׳האָט אַזוי אָפט באַגעגנט אין דער פּראָווינץ פאַר דער רעוואָלוציע.

דער בריוטרעגער איז האַסטיק אַריין אין קיך, וואו די דינערשאַפט איז געזעסן ביים פרישטיק, און האָט אויסגעשריען: „איז דער הער מער שוין אויפגעשטאַנען? איך מוז זיך מיט אים די רגע דורכריידן". מעדעריקן האָט מען געקאָנט פאַר אַ געזעצטן מיושבדיקן מענטשן, און אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געשען עפּעס וויכטיקעס.

מ׳האָט עס געמאָלדן רענאַרדען און ער האָט געהייסן אים אַריינלאָזן. בלאַס און קוים עטעמענדיק, דאָס היטל אין דער האַנט, האָט דער פּאָסטאַליאָן געטראָפן דעם מער זיצנדיק פאַר אַ לאַנגן טיש פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירן.

דאָס איז געווען אַ הויכער, דיקער מאַן, שווערלייביק און רויט, געזונט ווי אַן אָקס און זייער באַליבט אין דער געגנט, הגם ער איז געווען אַ ווילדער כעסן. ביי אַ יאָר פערציק אַלט, איז ער געבליבן מיט אַ חדשים זעקס צוריק אַן אלמן און האָט געלעבט אין זיינע גיטער ווי אַן עכטער פּריץ. זיין הייס־געבאָרענער כאַראַקטער האָט אים ניט זעלטן פאַרוויקלט אין אומאָנגענעמע געשיכטן, פון וועלכע ס׳פלעגן אים אַלע מאָל אַרויספּלאָנטערן די שטאָט־באַאַמטע פון ראָיואַי־לע־טאָר אַלס גוטע און ליבע פריינד זיינע. איז עס דען ניט ער געווען, וואָס האָט איינמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון דער קעלניע אַ דיליזשאַנס־קוטשער, דערפאַר וואָס יענער איז שיר ניט איבערגעפאָרן זיין יאָג־הונט „מיקמאַק"? איז עס דען ניט ער געווען, וואָס האָט אָנגעבראָכן די ביינער אַ וואַלד־היטער, וועלכער האָט געוואָלט מאַכן אים אַ פּראָטאָקאָל, פאַרוואָס ער איז דורכגעגאַנגען דורך

---

* „רענאַרד" אויף פראַנצויזיש איז טייטש אַ פוקס.

זיינעם אַ שכנס ערד מיט אַ ביקס אין האַנט? איז עס דען נישט ער געווען, וואָס האָט איינמאָל זאָגאַר אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער דעם סופּרעפעקט אַליין, בשעת יענער האָט באַזוכט דאָס דאָרף צוליב אַדמיניסטראַטיווע ענינים, וואָס ביי רענאַרדען האָט עס גע־הייסן וואַל־קאָמפּאַניע; דען לויט דער קבלה פון דער משפּחה איז ער געשטאַנען אין דער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג.

דער מער האָט געפרעגט:

— וואָס איז געשען, מעדעריק?

— איך האָב געפונען אַ טויט מיידעלע אין אַייער וואַלד?

רענאַרדע האָט זיך אויסגעגלייכט, דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן ציגל־קאָליר.

— איר זאָגט... אַ מיידעלע?...

— יאָ, הער מער, אַ קליין מיידעלע, אינגאַנצן נאַקעט, ליגט אויפן רוקן, מיט פלעקן בלוט, און טויט ווי אַלע טויטע.

— מיין גאָט! — האָט דער מער אויסגעשריען. — איך קאָן שווערן, אַז עס איז די קליינע ראָק. מען האָט מיר נאָר־וואָס געמאָלדן, אַז זי איז נעכטן אָוונט ניט אַהיימגעקומען צו איר מוטער. וואו האָט איר זי געפונען?

דער פאָסטאַליאָן האָט באַשריבן דאָס אָרט, איבערגעגעבן די פּרטים און פאָרגעלייגט אַהינצופירן דעם מער.

נאָר דער מער איז פלוצלונג שטרענג געוואָרן:

— ניין, איך דאַרף אַייך ניט האָבן. שיקט מיר גלייך אַ פעלד־פּאָליציאַנט, דעם סעקרעטאַר פון דעם ראָטהויז און דעם דאָקטאָר, און גייט אַייך אַייער וועגס. גיכער, גיכער גייט, און זאָגט זיי, זיי זאָלן מיך אָניאָגן אין וואַלד.

דער פאָסטאַליאָן, אַ מאַן פון דיסציפּלין, האָט געפאָלגט און איז אַוועק, אויפגעבראַכט און באַטריבט, וואָס ער וועט ניט זיין ביי דער אונטערזוכונג.

דער מער איז אויך אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אָנגעטאָן זיין הוט, דעם גרויסן ווייכן הוט פון גרויען פילץ, מיט די זייער ברייטע רענדער. פאַרן אַרויסגיין איז ער אייניקע סעקונדן שטיין געבליבן אויף דער שוועל פון זיין וואוינונג. פאַר אים איז גע־

לעגן אויסגעשפרייט אַ היפּש לאָנקעלע, מיט דריי גרויסע פלעקן— רויט, בלוי און ווייס—דריי ברייטע בייטן פון צעבליטע בלומען; איין בייט פאַרן הויז, די אַנדערע צוויי — ביי די זייטן. אַ ביסל ווייטער האָבן זיך געהויבן צום הימל די ערשטעביימער פונם וואַלד, און לינקס, אויף יענער זייט ברינדיל, האָט זיך אויסגעשפרייט אַ סאַזשלקע, געזען זיך די ווייטע לאָנקעס, גרינער פלאַכער פליין, איבערגעריסן פון גראָבנס און פלויטן, פון פאַרקריפּלטע ווערבעס, נידעריקע מיט דיקע קורצע שטאַמען, אויף וועלכע עס האָבן זיך ציטערנדיק געוויגט דיניגקע בינטלעך צווייגן.

רעכטס, הינטער די פערד־שטאַלן, שייערס און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע בנינים, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָרף, אַ רייך דאָרף, באַוואוינט פון פי־האָדעוועוער.

רענאַרדע איז לאַנגזאַם אַראָפּ די טרעפּ פון זיין גאַניק, זיך פאַרקערעוועט לינקס, דערגרייכט דעם ברעג טייך און האָט זיך געלאָזט גיין לענגאויס מיט פאַמעלעכע טריט, די הענט פאַרלייגט אַהינטער. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך — צי גייען ניט די, נאָך וועלכע ער האָט געשיקט.

געקומען אין וואַלד אַריין, איז ער שטיין געבליבן, אויסגעטאָן דעם הוט און אָפּגעווישט דעם שטערן, פונקט אַזוי ווי דאָס האָט מעדעריק געהאַט געטאָן; דען די ברענענדיקע תּמוזזון האָט זיך שוין צעגאָסן איבער דער ערד מיט אַ פייערדיקן רעגן. דערנאָך האָט זיך דער מער געלאָזט גיין ווייטער, ווידעראַמאָל שטיין געבליבן, זיך צוריקגעקערט אויף זיינע פריערדיקע פיס־טריט. פלוצלונג אַיינגעבויגן זיך, האָט ער אַיינגעטונקט דאָס טיכל אין טייכל, וואָס האָט זיך געשלענגלט אונטער זיינע פיס, און האָט אַרומגעוויקלט דערמיט דעם קאָפּ אונטערן הוט. טראָפּס וואַסער האָבן אַראָפּגערונען איבער די שלייפן אויף זיינע תּמיד טונקל־רויטע אויערן, אויף זיין געזונטן רויטן האַלז, און איינס נאָכן אַנדערן אַריינגעדרונגען הינטערן ווייסן קראַגן פון העמד.

אַזוי ווי קיינער האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן, האָט ער

געקומען קלאַפּן מיטן פּוס, דערנאָך אויסגעשריען: „אָהאָ! אָהאָ!
אַ קול האָט אים אָפּגעענטפערט פון רעכטס: „אָהאָ! אָהאָ!"

צווישן די ביימער האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר. דאָ
איז געווען אַ קליינער מאָגערער מענטש, אַ געוועזענער מיליט
רישער כירורג, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן שם אין דער אומ
געגנט. ער האָט צוגעהונקען, ווייל ער איז פאַרוואונדעט געווע
אַמאָל אויף מיליטער-דינסט, און איז געגאַנגען מיט דער הילף פ
אַ שטעקל.

נאָך אים האָבן זיך באַוויזן דער פעלד-פּאָליציאַנט און דע
סעקרעטאַר פון דעם ראָטהויז; דערהאַלטן די ידיעה אין אי
צייט, זיינען זיי געקומען צוזאַמען. זיי האָבן געהאַט צעשראָקענ
פּנימער און זיינען געקומען צו לויפן קוים עטעמענדיק, ד
שפּרייזנדיק דאָ לויפנדיק, זיך געאיילט אָנצוקומען וואָס גיכע
און דערביי אַזוי שטאַרק געמאַכט מיט די הענט, אַז עס האָ
זיך געדוכט, מיט די הענט טוען זיי אויף מער ווי מיט די פּי

רענאַרדע האָט געזאָגט צום דאָקטאָר:

— איר ווייסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

— יאָ, אַ טויט קינד, וואָס מעדעריק האָט געפונען א
וואַלד.

— נו, יאָ. קומט.

זיי זיינען אַוועק ביידע גלייך; די אַנדערע צוויי זיינען ז
נאָכגעגאַנגען. זייערע טריט אין מאָך האָט מען ניט געהערט; זיי
רע אויגן האָבן עפּעס געזוכט דאָרט צווישן די ביימער.

פּלוצלונג האָט דער דאָקטאָר לאַבאַרב אויסגעשטרעק
די האַנט:

— זעט, אָן איז עס.

פונדערווייטנס אונטער די ביימער האָט זיך געזען עפּ
אַ העלע זאַך. אַז זיי וואָלטן ניט געוואוסט פון פריער, וואָס דאָ
איז אַזוינס, וואָלטן זיי נישט געטראָפן. דאָסדאָזיקע האָט אוי
געזען אַזוי גלאַנציק און ווייס, אַז מ'האָט עס געקאָנט אָננעמ
פאַר אַן אַראָפּגעפאַלן שטיקל וועש; דאָס האָט אַ שטראַל פון דע
זון דורכגעשיינט דורך די צווייגן, באַגלאַנצט דאָס בלאַסע ליי

וואַרפנדיק איבערן בויך אַ לאַנגן קרומען פּאַס ליכט. צוגעקומען נעענטער, האָבן זיי ביסלאַכווייז אָנגעהויבן אונטערצושיידן די פאָרמען פון קערפּער, דעם צוגעדעקטן קאָפּ, געווענדט צום וואַסער, און די צעוואָרפענע הענט ווי ביי אַ געקרייציקטן.

— מיר איז שרעקלעך הייס, — האָט דער מער געזאָגט. און זיך נאָכאַמאָל צוגעבויגן צו דער ברינדיל, האָט ער ווידער אַיינגעגעצט זיין טיכל און ווי פריער עס צוגעלייגט צום שטערן.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשנעלערט די טריט, פאַראינטערעסירט מיט דער אַנטדעקונג. צוגעקומען צום טויטן קערפּער, האָט ער זיך אַיינגעבויגן אים צו באַטראַכטן, ניט אָנרירנדיק אים. ער האָט אָנגעטאָן די פּענסנע, גלייך ער האָט באַטראַכט עפּעס זייער אַן אויסטערלישע זאַך, און פּאַמעלעך איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום קערפּער פון אַלע זייטן.

ניט אויסגלייכנדיק זיך, האָט ער געזאָגט:

— שענדונג און מאָרד — דאָס קאָנען מיר דערווייל פעסטשטעלן. דאָס מיידעלע אָבער איז שוין כמעט אַ פרוי; גיט נאָר אַ קוק אויף איר ברוסט.

די צוויי שוין גאַנץ שטאַרקע בריסטן זיינען אַראָפּגעהאַנגען אָפּגעשלאַפט פון טויט.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס פּנים. עס איז געווען שוואַרץ, שוידערלעך, די צונג אַרויסגעשטעקט, די אויגן—אַרויסגעשפּאַרט. ער האָט געזאָגט:

— צו אַלדי טייוול, מ׳האָט זי דערשטיקט נאָכן פאַרגוואַלטיקן.

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם האַלז:

— דערשטיקט מיט די הענט, נישט איבערגעלאָזט קיין שום באַזונדערע סימנים, ניט פון ווערגן מיט פינגער, ניט קיין צייכנס פון נעגל. נו יאָ, דאָס איזווירקלעך די קליינע ראָק.

ער האָט פאָרזיכטיק צוריק אַוועקגעלייגט דאָס טיכל:

— מער האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן; זי איז געשטאָרבן

מינדסטנס מיט צוועלף שעה צוריק. מען דאַרף מעלדן דער פּראָ־קוראַטור.

רענאַרדע, פאַרלייגט די הענט אַהינטער, איז געשטאַנען און געקוקט מיט אַ שטאַרקן בליק אויף דעם קליינעם קערפּער, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. — אַ מין אויס־וואורף! — האָט ער געמורמלט, — מ׳וואָלט באַדאַרפט אַ זוך טאָן אירע זאַכן.

דער דאָקטאָר האָט אַרומגעטאַפּט די הענט, די אַקסלען, די פיס. ער האָט געזאָגט: „זי האָט זיך אָן צווייפל געהאַט פאַר דעב באָרוואָס אויסגעבאָדן, די זאַכן אירע דאַרפן זיין ערגעץ דאָ אויפן ברעג“.

דער מער האָט באַפוילן: „דו פּרינסיפּ (דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון דעם ראָטהויז), גיי גיב מיר אַ זוך אירע שמאַטעס לעבן טייך, און דו מאַקסים (דאָס איז געוועזן דער פעלד־פּאָליציאַנט), טו אַ לאָף אין ראָיואַ־ל ע־טאָר און ברענג אַהער דעם געריכט־אויספאָרשער מיט זשאַנדאַרמען. עס איז ביי טיק, זיי זאָלן דאָ זיין ניט שפּעטער ווי אין אַ שעה אַרום. דו הערסט?“

ביידע געשיקטע זיינען גלייך אַוועק, און רענאַרדע האָט זיך אָפּגערופן צום דאָקטאָר:

— וואָס פאַר אַן אויסוואורף האָט עס געקענט מאַכן דאָ אַזאַ שטיקל?

דער דאָקטאָר האָט געמורמלט:

— ווער ווייס? יעדער אייגער איז פעאיק אויף דעם. יעדער איינער — בפרט, און בכלל — קיינער נישט. און צוריקגערעדט מוז עס זיין אַ וואַגאַבונד אָדער אַן אַרבעטסלאָזער. זינט ביי אונז איז רעפּובליק, שלענדערן זיי זיך אַרום אויף די וועגן.

זיי ביידע זייגען געווען באָנאַפּאַרטיסטן.

דער מער האָט געזאָגט:

— אוודאי, דאָס קאָן זיין נאָר עמיץ אַ פרעמדער, אַ דורכגייער אָדער אַ וואַנדערער, „אָן אַ דאַך און אָן אַ קאַך“.

דער דאָקטאָר האָט צוגעגעבן מיט אַ לייכטן שמייכל:

— און אָן אַ ווייב. ניט האָבנדיק ניט קיין גוטע וועטשערע, ניט קיין גוטן נאַכטלעגער, האָט ער זיך געשאַפן דאָס איבעריקע. ווער ווייס, וויפל ס'איז דאָ אויף דער וועלט מאַנסבילן, וואָס זיינען פעאיק אין געוויסע מינוטן אויף אַזאַ פאַרברעך? איר האָט געוואוסט, אַז דאָס קינד איז פאַרשוואונדן? און מיטן שפּיץ פון זיין שטעקל האָט ער באַרירט איינס נאָכן אַנדערן די פאַרגליווערטע טויטע פינגער, גלייך ווי איבער קלאַווישן פון אַ קלאַוויר.

— יאָ, די מוטער איז צו מיר נעכטן, אַ זייגער ניין פאַרנאַכט, געקומען דערציילן, אַז דאָס מיידעלע איז ניט געקומען אַהיים זיבן אַ זייגער צו וועטשערע. מיר האָבן זי ביז האַלבער נאַכט געזוכט איבער די וועגן; נאָר דער וואַלד איז אונז גאָר אויפן זינען ניט אַרויף. און גלאַט האָט מען געמוזט אָפּוואַרטן ביז אינדערפרי, דאָס זוכן זאָל זיין מיט מער פעולה.

— אַ ציגאַר ווילט איר? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איך דאַנק, ס'ווילט זיך ניט רויכערן. ווי דאָס איז ניט גרינג צו קוקן אויף דעם!

זיי זיינען ביידע אַלץ געשטאַנען פאַר דעמדאָזיקן יונגן לייב, וואָס האָט אַזוי בלאַס אויסגעזען אויפן טונקעלן מאָך. אַ גרויסע פליג מיט אַ גרינעם בייכל, וואָס האָט זיך שפּאַצירט איבער אַ לענד, איז שטיין געבליבן אויף די בלוטיקע פלעקן, דאַן אַוועק ווייטער, זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער, דורכגעלאָפן איבער אַ זייט מיט איר גיכן אָפּגעהאַקטן גענגעלע, אַרויפגעקראָכן אויף אַ ברוסט, דערנאָך אַראָפּגעקראָכן כדי אויסצופאָרשן די אַנדערע ברוסט, גלייך זי וואָלט זוכן מיט וואָס זיך אָנצוטרינקען אויף דער געשטאָרבענערס לייב. ביידע מענער האָבן געקוקט אויף דעמדאָזיקן שוואַרצן בלאָנדזשענדיקן פינטעלע.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— ווי שיין דאָס איז — אַ פליג אויף דער הויט. די דאַמען פון דעם לעצטן יאָרהונדערט האָבן ניט אומזיסט זיי אָנגעקלעפּט זיך אויפן געזיכט. פאַרוואָס איז דערדאָזיקער מנהג פאַרשוואונדן?

דער מער האָט ווי נישט געהערט, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען.

נאָר פּלוצלונג, דערהערט אַ גערויש, האָט ער זיך אָפּגעקערט; אַ פרוי אין אַ הייבל, אין אַ בלויעם פאַרטוך איז געלאָפן צווישן די ביימער. דאָס איז געווען די מוטער, די אַלטע ר אָ ק. דערזען רענאַרדען, האָט זי אָנגעהויבן צו יאָמערן: „מיין קינד, וואו איז מיין קינד?" — אַזוי ווייט אויסן זינען, אַז זי האָט גאָרנישט באַמערקט פאַר זיך אויף דער ערד. אַז זי האָט זי דערזען פּלוצלונג, איז זי מיטאַמאָל שטיין געבליבן, פאַרבראָכן מיט די הענט, דאַן זיי אַ וואָרף געגעבן אינדערהויך און זיך צעשריען מיט אַ קוויטשענדיק האַרצרייסנדיק געשריי, מיט אַ געשריי פון אַ פאַרוואונדעטער חיה.

דערנאָך האָט זי זיך געוואָרפן צום טויטן קערפער, איז געפאַלן אויף די קני און האַסטיק, גלייך ווי אַראָפּרייסנדיק, אַרונטערגעהויבן דאָס טיכל, וואָס האָט פאַרדעקט דעם קאָפּ. אַז זי האָט דערזען דאָס שוואַרצגעוואָרענע צעקרימטע שרעקלעכע געזיכט, האָט זי מיטאַמאָל אַ שפרונג־אויף געטאָן, דערנאָך זיך אַ זעץ געגעבן מיטן פנים אָן דער ערד, אַרויסלאָזנדיק אין געדיכטן מאָך אַריין אימהדיקע אומאויפהערלעכע געשרייען. איר גרויס מאָגער לייב, איינגעקלעפּט אין אירע שמאָלע קליידער, האָט אינגאַנצן געצאַפּלט און געציטערט אין קראַמפּן. מען האָט געזען, ווי שרעקלעך עס ציטערן אירע ביינערדיקע קנעכלעך און די אויסגעדאַרטע פיס, איינגעהילט אין גראָבע בלויע זאָקן; מיט אירע אויסגעקרימטע פינגער האָט זי געאַקערט די ערד, גלייך זי וואָלט אַ גרוב געגראָבן זיך צו באַהאַלטן דאָרט.

דער דאָקטאָר האָט גערירט אַרויסגעמורמלט: „אָרימע אַלטע!" ביי רענאַרדען אין בויך האָט זיך געלאָזט הערן אַ מאָדנער גערויש; דערנאָך האָט ער עפּעס אַ מין נאָס געטאָן, גלייכצייטיק מיטן מויל און מיט דער נאָז, און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נאָזטיכל, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען, הוסטנדיק, כליפּענדיק און הילכיק שנייצנדיק די נאָז. — „דער טייוול... דער טייוול... דער טייוול זאָל נעמען דידאָזיקע בעסטיע, וואָס האָט דאָס געטאָן...

— האָט ער געשטאַמלט. — איך וואָלט אים וועלן זען אויפן עשאַפאָט״...

פרינסיפ איז צוריקגעקומען מיט אַן עלנט אויסזען און ליידיקע הענט. ער האָט געמורמלט: „איך האָב גאָרנישט געפונען, הער מער, גאָרנישט אין ערגעץ נישט געקענט געפינען״.

דער מער האָט צערודערט געענטפערט מיט אַ נידעריק קול, אויסגעווייקט אין טרערן:

— וואָס האָסטו ניט געקענט געפינען?

— דעם מיידלס זאַכן.

— נו, גוט... נו, גוט... זוך נאָך... און... און... געפין זיי... אַניט וועסטו האָבן צו טאָן מיט מיר.

וויסנדיק, אַז מען טאָר דעם מער נישט ריידן אַנטקעגן, האָט זיך יענער מיט מורא אָפּגערוקט, וואַרפנדיק מן הצד קרומע ציטעריקע בליקן אויפן טויטן קערפּער.

הינטער די ביימער האָבן זיך דערהערט ווייטע שטימען, אַן אומדייטלעך גערויש, אַ טומל פון אַן אָנקומענדיקן המון: מעדעריק האָט שוין צעטראָגן אויפן וועג די נאַכריכט פון טיר צו טיר. איבעראַשט פון דעם נייס, האָבן די פּויערים צוערשט געשמועסט דערפון דרויסן איינער מיט דעם אַנדערן, דערנאָך האָבן זיי זיך צענויפגעקליבן רעדלעכווייז, עטלעכע מינוטן גערעדט, זיך געאַמפּערט, אויסגעטייטשט דאָס געשעעניש; און ענדלעך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין וואַלד אַריין אַ קוק טאָן.

זיי זיינען אָנגעקומען גרופּעסווייז, אַ ביסל געקווענקלט און אויפגערעגט, מורא האָבנדיק פאַרן ערשטן איינדרוק. דערזען דעם קערפּער, זיינען זיי שטיין געבליבן, ניט געוואַגט גיין ווייטער און גערעדט שטילערהייט. דאַן, זיך געפּאַסט מוט, האָבן זיי געמאַכט נאָך עטלעכע טריט און זיינען ווידער שטיין געבליבן, אויף דאָס ניי זיך אַריר געטאָן און ביסלעכווייז געבילדעט אַרום דעם מת, דער מוטער, דעם דאָקטאָר און רענאַרדען אַן ענג, אַן אויפגערעגט, אַ רוישנדיק רעדל, וואָס פלעגט אַלץ ענגער ווערן אונטערן אומגעריכטן געדרענג פון די ניי־אָנגעקומענע. באַלד זיינען זיי שוין געשטאַנען האַרט לעבן מת. אייניקע האָבן זיך

צומאָל איינגעבויגן אים אָנצורירן. דער דאָקטאָר האָט זיי אָפּגע־שטופּט אַהינטער. פּלוצלונג, גלייך ווי אויפגעכאַפּט זיך פון זיין פאַרגליווערטקייט, האָט דער מער אין רציחה אַ כאַפּ געטאָן דעם דאָקטאָר לאַבאַרבס שטעקל און זיך געוואָרפן אויף די פּויערים מיט אַ געשריי: „טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען... טראָגט זיך אָפּ... איר חיות וואָס איר זייט... טראָגט זיך אָפּ...”

אין איין אויגנבליק האָט זיך די קייט נייגעריקע צעשפּרייט אויף אַ צוויי הונדערט מעטער.

די אַלטע ראָק האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אומגעווענדט און אַוועקגעזעצט זיך; איצט האָט זי געוויינט, דאָס פּנים פאַר־דעקט מיט די הענט.

אין עולם האָט מען ניט אויפגעהערט אַרומצוריידן דאָס געשעעניש; די גיריקע אויגן פון די יונגען האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם מיידלשן אָפּגעדעקטן קערפּער. רענאַרדע האָט עס באַ־מערקט, און האַסטיק אויסגעטאָן זיין לייוונטן רעקל, האָט ער עס אַרויפגעוואָרפן אויפן מיידעלע, וואָס איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן אונטערן ברייטן מלבוש.

די נייגעריקע האָבן זיך פּאַמעלעך צוגערוקט נענטער; דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט עולם; אַן אומאויפהערלעכער רעש פון שטימען האָט זיך געהויבן צווישן די געדיכטע בלעטער פון די הויכעביימער.

אָן אַ רעקל אין אַ העמדל, איז דער מער געשטאַנען אין אַ קריגערישער פּאָזע, מיטן שטעקל אין האַנט. אים האָט, ווייזט אויס, העכסט אויפגעבראַכט דידאָזיקע נייגעריקייט פונם המון און ער האָט געשריען: „ווער פון אייך ס'וועט צוגיין נענטער, וועל איך צעשפּאַלטן דעם קאָפּ ווי אַ הונט”.

די פּויערים האָבן זייער מורא געהאַט פאַרן מער און האָבן זיך דעריבער געהאַלטן פונדערווייטן. דאָקטאָר לאַבאַרב האָט פאַר־רויכערט און, זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער מוטער, אָנגעהויבן מיט איר צו ריידן, געזוכן זי אַ ביסל צו צעשטרייען. די אַלטע פרוי האָט גלייך צוגענומען די הענט פון פּנים און האָט אים געענט־פערט מיט אַ גאַנצן מבול קלאָג־רייד, אויסגיסנדיק איר צער אין

אַ ים וווּרטער. זי האָט דערציילט איר גאַנץ לעבן, איר חתונה, דעם טויט פון איר מאַן, אַן אָקסן-טרייבער, וואָס אַן אָקס האָט אים דערהרגעט, דערציילט פון איר טאָכטערס קינדהייט, פון איר וויסט און עלנט לעבן, אַן אלמנה מיט אַ קינד און אָן שום מיטלען; זי האָט גאָרנישט ניט געהאַט אויסער איר, איר קליינער לואיזען; האָט מען זי געהרגעט, געהרגעט אָט דאָ אין וואַלד. פּלוצלונג האָט זיך איר פאַרגלוסט זי ווידער זען; זי איז צוגעקראָכן אויף די קני צום מת און אונטערגעהויבן אַ ברעג רעקל, וואָס האָט אים פאַרדעקט; דערנאָך צוריק עס געלאָזט פאַלן, און ווידער גענומען יאָמערן. דער המון האָט געשוויגן, להוט נאָכפאָלגנדיק יעדע באַוועגונג דער מוטערס.

מיט אַמאָל האָט זיך אַלץ אַ רודער געטאָן און עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: „זשאַנדאַרמען, זשאַנדאַרמען!"

פונדערווייטנס האָבן זיך באַוויזן רייטנדיק צוויי זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט מיט שנעלן טראָט, באַגלייטנדיק זייער קאַפּיטאַן און אַ קליינעם הער מיט רויטע באַקנבאַרדן, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט אַזוי ווי אַן אַף אויף אַ הויכער ווייסער קליאַטשע.

דער פעלד-פּאָליציאַנט האָט געטראָפן דעם געריכטס-קאָמיסאַר פּיטואַן פונקט דאַן, ווען יענער איז אויפגעזעסן אויפן פערד צו מאַכן זיין טעגלעכן שפּאַציר; דען ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסאַרטיקן רייטער, צום גרויסן חוזק פון די אָפיצירן.

ער איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד צוגלייך מיטן קאַפּיטאַן, האָט געדריקט די האַנט דעם מ״ר און דעם דאָקטאָר, וואַרפנדיק אַ שאַרפן בליק אויפן לייוונטענעם רעקל, אונטער וועלכן עס האָט זיך אָפּגעצייכנט דער קערפּער פון דער געהרגעטער.

באַקומען גענוג ידיעות וועגן דעם ענין, האָט ער קודם-כל געהייסן דערווייטערן דעם עולם, און די זשאַנדאַרמען האָבן אים גלייך אַרויסגעיאָגט פון וואַלד אַרויס; אָבער באַלד דערויף האָט דער עולם זיך צענויפגעקליבן אויף דער לאָנקע און געבילדעט אַ מין צוים, אַ הויכן צוים פון אויפגערעגטע און רוישנדיקע קעפּ פאַזע דער ברינדיל, אויף יענער זייט טייך.

דער דאָקטאָר האָט געגעבן ערקלערונגען, וואָס רענאַרדע האָט פאַרצייכנט מיט אַ בלייפעדער אין זיין נאָטיצביכל אַריין. אַלע אונטערזוכונגען זיינען געוואָרן געמאַכט, פאַרשריבן און באַטראַכט, נאָר קיין שום רעזולטאַט האָט די אויספאָרשונג נישט געגעבן.

מאַקסים האָט זיך אויך געהאַט אומגעקערט, נישט געפונען אַפילו קיין שפורן פון דער געהרגעטערס זאַכן.

דאָס פאַרשווינדן פון די זאַכן האָט אַלעמען געוואונדערט; מ'האָט עס געקענט ערקלערן נאָר אַלס גנבה; נאָר אַזוי ווי דידאָזיקע שמאַטעס זיינען נישט ווערט געוועזן אַפילו קיין צוואַנציק סו, האָט אַזאַ גנבה אויסגעזען אומגלויבלעך.

דער געריכטס-אויספאָרשער, דער מער, דער קאַפּיטאַן און דער דאָקטאָר האָבן זיך פּאָרוויַיז אַליין אַוועקגעלאָזט זוכן, פונאַנדעררוקנדיק די קלענסטע צווייַגעלעך ביים ברעג טייך.

רענאַרדע האָט געזאָגט צום געריכטס-אויספאָרשער: „ווי אַזוי לאָזט זיך ערקלערן, וואָס די זאַכן האָט דער מנוול באַהאַלטן צי אַוועקגעטראָגן און דעם קערפּער האָט ער איבערגעלאָזט אַזוי אויף הפקר ביי אַלעמען אויף די אויגן!"

יענער האָט געענטפערט מיט אַ חריפותדיקן קנייטשעלע: „הע, הע, אפשר איז עס אַ שפּיצל? דאָס פאַרברעכן האָט באַגאַנגען אָדער גלאַט אַ ווילדע חיה אָדער אַ דורכגעטריבענער באַנדיט, אַלנפאַלס וועלן מיר אים סוף-כל-סוף פאָרט אויפזוכן".

דאָס קלאַפּן פון אַ וואָגן האָט זיי געצוונגען אָפּצוקערן די קעפּ. דאָס זיינען אָנגעקומען צו פאָרן דער געהילף-פּראָקוראָר, דער דאָקטאָר און דער סעקרעטאַר פון געריכט. מ'האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, בשעת-מעשה לעבעדיק געשמועסט.

רענאַרדע האָט פּלוצלונג געזאָגט: „זייט וויסן, אַז איך ערוואַרט אייך צום פרישטיק".

אַלע האָבן עס אויפגענומען מיט אַ שמייכל, און דער געריכטס-אויספאָרשער, איינגעפונען, אַז פאַר היינט האָט מען זיך שוין גענוג באַשעפטיקט מיט דער קליינער ראָק, האָט זיך געווענדט צום מער:

— איך מעג הייסן איבערטראָגן דעם קערפּער צו אײַך, נישט אמת? ביי אייך וועט זיך דאָך געפינען אַ צימער, וואו איך זאָל אים קענען איבערלאָזן ביז פאַרנאַכט?

יענער איז געבליבן צעמישט, שטאַמלענדיק:

— יאָ, ניין... ניין... דעם אמת גערעדט, וואָלט איך בעסער וועלן, מען זאָל אים נישט טראָגן צו מיר... מחמת... מחמת מיין דינערשאַפט... וואָס... וואָס רעדט שוין אַזוי אויך פון שדים און... אין... טורים... אין „פוקסן-טורים". איר ווייסט דאָך... קיין איינער וועט ביי מיר נישט וועלן בלייבן... ניין... כ'וואָלט אים ליבער נישט וועלן האָבן ביי מיר.

דער באַאַמטער האָט געשמייכלט:

— גוט... איך וועל הייסן אים גלייך אַוועקפירן קיין ראָיואַ צו געזעצלעכער אויספאָרשונג.

און זיך געווענדט צום געהילף-פּראָקוראָר, האָט ער געזאָגט:

— איך מעג מיך באַנוצן מיט אייער וואָגן, נישט וואָר?

— יאָ, יאָ, נאַטירלעך.

אַלע זיינען ווידער צוגעגאַנגען צום מת. די מוטער איז איצט געזעסן לעבן איר טאָכטער, האַלטנדיק איר האַנט און קוקנדיק פאַר זיך מיט אַ נישט-קלאָרן טעמפּן בליק.

ביידע דאָקטוירים האָבן געפּרובט זי אַוועקפירן, זי זאָל נישט זען, ווי מען וועט צונעמען דאָס מיידעלע, זי האָט אָבער גלייך פאַרשטאַנען, וואָס מען גייט דאָ טאָן, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן קערפּער, אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט. ליגנדיק אויף אים האָט זי געשריען: „איר וועט זי נישט קריגן, זי איז מיינע, זי איז מיינע אַצינדער. מ'האָט זי מיר געהרגעט, זאָל זי בלייבן ביי מיר, איר וועט זי ניט קריגן"...

אַלע זיינען באַטריבט און אומאַנטשלאָסן געבליבן שטיין אַרום איר.

רענאַרדע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זי איינצורייידן: „הערט נאָר, ראָק, מ'דאַרף עס האָבן כדי צו דערגיין, ווער ס'האָט זי געהרגעט; אָן דעם וועט מען גאָרנישט דערגיין. מען מוז אים דאָך אויפזוכן צו באַשטראָפן אים. מ'וועט אייך אומקערן דעם

קערפּער, ווײַבאַלד נאָר דער מערדער וועט זיך געפינען; איך זאָג עס אײַך צו".

דערדאָזיקער אַרגומענט האָט געמאַכט קווענקלען די פרוי און אַ האַס האָט זיך אָנגעצונדן אין איר צעמישטן בליק: „אַלזאָ וועט מען אים כאַפּן?" — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, איך זאָג עס אײַך צו.

זי איז אויפגעשטאַנען, באַשלאָסן נישט מער צו שטערן דידאָזיקע הערן. נאָר אַז דער קאַפּיטאַן האָט באַמערקט: „אַוואונדער, וואָס מ׳האָט נישט געפונען אירע זאַכן", — איז אין דער פויערטעס קאָפּ פלוצלונג אַרײַן אַ נײַער געדאַנק, וואָס פריער האָט זי אים נישט געהאַט, און זי האָט געפרעגט:

— וואו זײַנען אירע זאַכן? זיי געהערן צו מיר. איך וויל זיי האָבן, וואו האָט מען זיי אַהינגעטאָן?

מען האָט איר ערקלערט, אַז מ׳האָט זיי נישט געפונען; זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פאָדערן זיי מיט אַ פאַרצווייפלט עקשנות, וויינענדיק און קרעכצנדיק: „זיי זײַנען מײַנע, איך וויל זיי האָבן; וואו זײַנען זיי, איך וויל זיי האָבן"...

וואָס מער מען האָט געזען זי צו באַרואיקן, אַלץ שטאַרקער האָט זי געיאָמערט און זיך געוועדט. זי האָט שוין מער נישט פאַרלאַנגט דעם קערפּער, זי האָט איצט געוואָלט באַקומען די זאַכן, בלויז איר טאָכטערס זאַכן, קאָן זײַן פּונקט אַזוי אויס אומבאַוואוסטזיניקער גײַציקייט פון קבצנים, וואָס פאַר זיי איז אַ זילבערנע מטבע אַ גאַנצער פאַרמעגן, ווי אויס מוטערלעכער צערטלעכקייט...

און ווען דער קליינער קערפּער, אײַנגעהילט אין אַ קאָלדרע, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון רענאַרדען, איז פאַרשוואונדן אין וואָגן, איז די אַלטע געשטאַנען אונטער אַ בוים און געשריען, אונטערגעלענט פון מער און דעם קאַפּיטאַן:

— איך האָב גאָרנישט מער, גאָרנישט מער, גאָרנישט מער אין דער גאַנצער וועלט, גאָרנישט מער, אַפילו איר קליין הייבעלע נישט, איר קליין הייבעלע נישט; איך האָב גאָרנישט מער, גאָרנישט, אַפילו איר קליין הייבעלע נישט...

ס׳איז צוגעגאַנגען דער גלח, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער שוין גענוג דיק. ער האָט גענומען אויף זיך אַוועקפירן ראָק און זיי זיינען ביידע אַוועק צום דאָרף צו. דער מוטערס שמערץ איז שטילער געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון די זיסע רייד דעם גלחס, וואָס האָט איר צוגעזאָגט טויזנטערליי באַלוינונגען אויף יענער וועלט. דאָך האָט זי אַלץ געהאַלטן אין איין טענהן: „ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט איר קליין הייבעלע" — זיך איינ־געעקשנט אין דעמדאָזיקן געדאַנק, וואָס האָט פאַרשטעלט איצט אַלע אַנדערע.

רענאַרדע האָט אַ געשריי געטאָן פונוויטן: איר וועט דאָך פרישטיקן מיט אונז, הער אַבאַט? אין אַ שעה אַרום".

דער גלח האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געענטפערט: „מיט פאַרגעניגן, הער מער, איך וועל זיין ביי אייך אום צוועלף".

און אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין צום הויז; דורך די צווייגן האָט זיך געזען זיין גרויער פאַסאַד און דער טורים אויפן ברעג פון דער ברינדיל.

דער פרישטאָק האָט זיך געצויגן לאַנג; מען האָט גערעדט פון דעם פאַרברעכן. אַלע האָבן געהאַט איין מיינונג: דאָס האָט געטאָן אַ וואַגאַבונד, וואָס איז גראָד דורכגעגאַנגען אין וואַלד, בשעת דאָס מיידעלע האָט זיך געבאָדן.

דערנאָך זיינען די באַאַמטע אַוועקגעפאָרן קיין ראָיואַי, ערקלערט, אַז מאָרגן וועלן זיי צוריקקומען פאַרפרי; דער דאָקטאָר און דער גלח זיינען אַוועק אַ היים, און רענאַרדע האָט זיך נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר איבער די לאָנקעס צוריקגעקערט אין וואַלד אַריין, וואו ער האָט ביז נאַכט געוואַנדלט מיט לאַנגזאַמע טריט פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן.

ער האָט זיך געלייגט זייער פרי און האָט נאָך געשלאָפן, ווען אויף מאָרגן איז דער געריכטס־אויספאָרשער אַריינגעקומען צו אים אין צימער. יענער האָט מיט אַ צופרידענער מינע זיך גע־ריבן די הענט; דאַן האָט ער געזאָגט:

— אַך! אַך! איר שלאָפט נאָך! און מיר, מיין טייערער, האָבן שוין היינט אַ ביסל ביים!

דער מער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט.

— דהיינו וועלכע?

— אָ, עטוואָס גאָר באַזונדערס! איר געדענקט דאָך געוויס, ווי די מוטער האָט נעכטן געבעטן עפּעס אַ אָנדענקען פון איר טאָכטער, דערהויפּט איר הייבעלע; איז שטעלט אייך פאָר, אַז היינט אינדערפרי האָט זי געפונען אויף דער שוועל פון איר טיר דעם קינדס שיכלעך. דאָס באַטייט, אַז דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען ווער פון די אָרטיקע איינוואוינער, וואָס האָט רחמנות געקראָגן אויף דער מוטער. אויסערדעם האָט מעדעריק דער בריווטרעגער מיר געבראַכט דער געשטאָרבענערס אַ פינגערהוט, אַ מעסערל און אַ נאָדל-טעשל. אַלזאָ האָט דער מערדער, אוועקטראָגנדיק די קליידער צו באַהאַלטן, פאַרלאָרן דידאָזיקע קלייניקייטן, וואָס זיינען געלעגן אין קעשענע. וואָס מיך אָנבאַלאַנגט, גיב איך צו אַ באַזונדערע וויכטיקייט דעם פאַל מיט די שיך, וואָס באַווייזט אַ געוויסע מאָראַלישע אַנטוויקלונג און די מעגלעכקייט פון מיטליידס געפיל אין דעם מערדער. אויב איר ווילט, וועלן מיר ביידע דאָ אַ קלייב-איבער טאָן די וויכטיקסטע איינוואוינער פון אַייער געגנט.

דער מער איז אויפגעשטאַנען. ער האָט אָנגעקלונגען, מען זאָל אים ברענגען וואַרים וואַסער צום ראַזירן. דאַן האָט ער געזאָגט: „מיט פאַרגעניגן; דאָס וועט אָבער אַוועקנעמען אַ היפּש ביסל צייט, אַלזאָ וועלן מיר טאַקע גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט."

הער פּיטואַן האָט זיך געזעצט רייטנדיק אויף אַ שטול, אַזוי אַרום אַרויסווייזנדיק אַפילו אין די צימערן זיין מאַניע צו פאָרן רייטנדיק.

און רענאַרדע האָט, קוקנדיק אין שפּיגל, זיך אָנגעזייפט דעם קין מיט ווייסן שוים; דאַן האָט ער אַדורכגעפירט דאָס ראַזירמעסער איבערן רימען און האָט געזאָגט: „דער וויכטיקסטער איינוואוינער פון קאַרוועלין הייסט זשאָזעף רענאַרדע, דער מער, אַ רייכער גוטסבאַזיצער, אַ האַרטער מענטש, וואָס שלאָגט די קוטשערס און וואַלד-היטערס"...

דער געריכטס־אויספאָרשער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט: „דאָס איז גענוג, לאָמיר גיין ווייטער".

— דער צווייטער לויט זיין ווערט איז פעלדאַן, דעם מערס געהילף, אַ פּי־האָדעווער, אויך אַ רייכער גוטסבאַזיצער, אַ פּיפּיקער פּאַרשוין, אַ דורכגעטריבענער יונג, אַן אמתער דרייקאָפּ אין געלט־זאַכן, דאָך, לויט מיין מיינונג, אויף אַזאַ זאַך ניט פּעאיק.

— ווייטער — האָט פּיטואַן געזאָגט.

ראַזירנדיק און וואַשנדיק זיך, האָט רענאַרדע ווייטער געשאַצט דעם מאָראַלישן ווערט פון אַלע איינוואוינער פון קאַרוועלין. נאָך צוויי שעה חקירות, איז זייער חשד געבליבן שטיין אויף דריי גאַנץ צווייפלהאַפטע פּאַרשוינען: אויף קאַוואַל דעם בראַקאָניער, אויף איינעם פּאַקע, וואָס איז געווען אַ מעטער אויף כאַפּן פאָרעלן און קרעבסען, און אויף קלאָוויס דעם אָקסנטרייבער.

II

דאָס זוכן האָט זיך געצויגן דעם גאַנצן זומער; דעם פאַרברעכער האָט מען אָבער ניט אַנטדעקט. די, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן על־פּי חשד, האָבן לייכט אויפגעוויזן זייער אומשולדיקייט. די פּראָקוראַטור האָט ענדלעך געמוזט אָפּזאָגן זיך פון צו געפינען דעם פאַרברעכער...

דאָך האָט דער מאָרד קענטיק אומגעווייגלעך אויפגערודערט די גאַנצע געגנט. אין די הערצער ביי די איינוואוינער איז פאַרבליבן אַן אומרואיקייט, אַ טונקעלע אימה, אַ געפיל פון געהיימעניספולן פחד, וואָס איז געקומען ניט נאָר פון דער אוממעגלעכקייט אויפצוזוכן וועלכע עס איז שפּורן פון פאַרברעכן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס עס זיינען אַזוי אויסטערליש געפונען געוואָרן די שיך פאַר ראָקס טיר אויף מאָרגן נאָך דעם מאָרד. די זיכערקייט, אַז דער מערדער איז געווען ביי דער אויספאָרשונג, אַז ער וואוינט נאָך אָן צווייפל אַלץ אין דאָרף, האָט אונטערדריקט די מוחות, ניט געלאָזט רוען, גלייך ווי אַ שטענדיקע דראָאונג געשוועבט איבערן לאַנד.

דער וואַלד איז פון דאַן אָן געוואָרן אַ געפערלעך אָרט, וואָס מען האָט אויסגעמיטן אויס מורא פאַר ניט-גוטע. אַמאָל פלעגן די דאָרפסלייט אַלע זונטאָג קומען אַהער נאָך מיטאָג אויף שפּאַציר. זיי פלעגן זיך אויסזעצן אויפן מאָך אונטער די ריזעדיקע ביימער אָדער זיך געגאַנגען ביים ברעג טייך, נאָכקוקנדיק די פאָרעלן, וואָס האָבן זיך געגליטשט אונטער די וואַסער־גראָזן. די יינגלעך האָבן געשפּילט אין באָלן, אין קראָקעט, אין פּילקעס אויף באַשטימטע ערטער, וואָס זיי האָבן צוליב דעם אָפּגערייניקט, אויסגעגלייכט און אַריינגעטראָטן דעם ב[illegible]ן; און די מיידלעך פלעגן שפּאַצירן זאַלבעפערט אָדער זאַלבפינפט און, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, קוויטשען מיט זייערע שרייעדיקע שטימען פאַרשיידענע ראָמאַנסן, וואָס זייערע פאַלשע טענער האָבן צעריסן די שטילע לופט און גערייצט די נערוון פון די ציין אַזוי ווי אַ טראָפּן עסיק. איצט אָבער איז קיינער ניט געקומען מער אונטער די געדיכטע הויכע געוועלבן, גלייך ווי מ׳וואָלט נאָך אַלץ מורא געהאַט פלוצלונג אָנצושטויסן זיך אויף אַ טויטן קערפּער.

עס איז געקומען דער האַרבסט. די בלעטער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן. קיילעכדיקע און לייכטע, זיינען זיי געפאַלן טאָג און נאַכט, דרייענדיק זיך לענגאויס די הויכע ביימער אַרונטערגעפלאַטערט צו דער ערד, אַזוי אַז מ׳האָט דורך די צווייגן געזען דעם הימל. פון צייט צו צייט, ווען אַ ווינט האָט זיך אַ ריס געטאָן איבער די שפּיצן, איז דער לאַנגזאַמער און מאָנאָטאָנער בלעטער־רעגן פלוצלונג געדיכטער געוואָרן, אַריבער אין אַ שלאַקס־רעגן, האָט אומעטיק גערוישט, באַדעקנדיק דעם מאָך מיט אַ דיקן געלן טעפּעך, וועלכער האָט לייכט געסקריפּעט אונטער די פיס. און דער קוים געהערטער געמורמל פון דעמדאָזיקן פאַלן, דער זאַנפטער טרויעריקער אומאויפהערלעכער געשאָרך האָט געקלונגען ווי אַ קלאָג, און די כסדר זינקענדיקע בלעטער זיינען געוואָרן עפּעס ווי טרערן, גרויסע טרערן, וואָס די גרויסע טרויעריקע ביימער האָבן פאַרגאָסן טאָג און נאַכט אויף דער גסיסה פון זומער, אויף דעם פאַרשווינדן פון וואַרימע באַגינענס און לופטיקע פאַרנאַכטן, אויף דעם פאַרווייען פון ווייכע ווינטע-

לעך און דעם פֿאַרבלייכן פֿון די העלע זונענשטראַלן און אפֿשר אויך אויף דעם פֿאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אונטער זייער שאָטן, דעם קינד, וואָס איז געשענדט און געטויט געוואָרן ביי זייער צופֿוסנס. זיי האָבן געוויינט אין דער וויסטער שטילקייט פֿון דעם פֿאַרלאָזענעם אַנטבלויזטן וואַלד, וואָס אַלע האָבן אים געווייכט און פֿאַר אים זיך געשראָקן, וואו עס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט בלויז די נשמה, די קליינע נשמה פֿון דעם קליינעם מת.

די ברינדיל, אַנגעשוואָלן פֿון גוסרעגנס, האָט שנעל געשטראָמט אַ געלע און אַ בייזע צווישן די פֿאַרטריקנטע לאָנקעס, אַרומגעקרענצט פֿון בייזע זייטן מיט מאָגערע נאַקעטע ווערבעס. רענאַרדע האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּאַצירן איבערן וואַלד. אַלע טאָג, קוים איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, פֿלעגט ער אַרויסגיין פֿון זיין הויז, מיט לאַנגזאַמע טריט אַרונטער פֿון גאַניק, און זיך געלאָזט פֿאַרטראַכטערהייט טיף צווישן די ביימער אַריין, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס. לאַנג פֿלעגט ער שפּאַנען איבער דעם פֿייכטן ווייכן מאָך, בשעת ווען אַ שאַר ראָבן, וואָס זיינען זיך צונויפֿגעפֿלויגן פֿון אַלע עקן איבערצונעכטיקן אין די ברייטע קרוינען פֿון די ביימער, האָבן מיט אַ הילכיקן אומהיימלעכן קראַקען באַלעגערט דעם הימל, עפּעס ווי מיט אַ גרויסן טרויערשלייער, וואָס דער ווינט האָט באַוועגט.

טיילמאָל האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט, באַשפּרענקלענדיק אַ נאַקעטן צווייג מיט שוואַרצע פֿינטעלעך, וועלכע האָבן זיך שאַרף אָפּגעצייכנט אויף דעם בלוטיק־רויטן האַרבסט־הימל. דאַן פֿלעגן זיי פֿלוצלונג ווידער אויפֿשטייגן מיט אַ אימהדיקן קראַקען און ווידער גערעדלט איבערן וואַלד די טונקעלע קרייזן פֿון זייער פֿליען.

סוף־כּל־סוף פֿלעגן זיי זיך אַראָפּלאָזן אויף די העכסטע שפּיצן און זייער שרייען האָט ביסלעכווייז פֿאַרשטומט, בשעת ווען די צופֿאַלנדיקע נאַכט האָט צונויפֿגעגאָסן זייערע שוואַרצע פֿעדערן מיט דער טונקלקייט פֿון דעם רוים.

רענאַרדע האָט נאָך לאַנג אַלץ אַרומגעבלאָנדזשעט פֿאַמע-

לעך אַרום די ביימער; ערשט ווען די געדיכטע פינסטערניש האָט געשטערט זיין גאַנג, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, אַריינגעזונקען ווי אַ שווערע מאַסע אין זיין שטול פאַר דעם העלן קאַמין, אויסשטרעקנדיק צום פייער זיינע פייכטע פיס, וועלכע האָבן נאָך לאַנג זיך געריכערט איבערן פלאַם.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט זיך אין דער געגנט צעטראָגן אַ אומגעריכט נייס: דער מער האָט געהייסן אויסהאַקן דאָס וועלדל.

צוואַנציק האָלצהעקער זיינען שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. זיי האָבן אָנגעהויבן פון דעם עק, וואָס איז געלעגן נעענטער צום הויז, און האָבן זיך שנעל גערוקט פאָרויס אונטער דער השגחה פון דעם באַלעבאָס גופא.

צוערשט פלעגן די האָלצהעקער אַרויפקלעטערן אויפן שטאַם.

צוגעבונדן זיך צום בוים מיט אַ שטריק, נעמען זיי אים אַרום מיט די הענט, און דאַן, אויפהייבנדיק דעם פוס, גיבן זיי מיט כוח אַ זעץ אין שטאַם מיט אַ שטאָלענעם שאַרף, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו דעם זויל פון שוך. דער שאַרף האַקט זיך אַריין אין בוים און בלייבט דערין שטעקן; דער האָלצהעקער שפאַרט זיך דאַן אָן דערויף ווי אויף אַ שטאַפל, און אַרויפשטייגנדיק נאָך העכער, גיט ער אַ זעץ מיטן שאַרף פון דעם אַנדער פוס, אויף וועלכן ער שפאַרט זיך ווידער אָן, אויפהייבנדיק דאַן דעם ערשטן פוס.

ביי יעדן אויפשטייג פאַרוואַרפט ער אַלץ העכער דעם שלייף פון שטריק, וואָס בינדט אים צו צום בוים; און אויפן רוקן ביי אים הענגט אַ בלישטשעדיקע דיקע שטאָלענע האַק. ער קלעטערט פאַמעלעך, אַזוי ווי אַ פאַראַזיט, וואָס פאַלט אָן אויף אַ ריז, ער קריכט שווער איבער דעם אומגעהייערן שטאַם, אַרומכאַפנדיק און אָנשפאָרנדיק אים, כדי דערנאָך אים צו קעפן.

צוגעקומען צו די ערשטע צווייגן, בלייבט ער שטיין, נעמט אַראָפּ פון רוקן די שאַרפע האַק און הייבט אָן צו האַקן. ער האַקט לאַנגזאַם, מעטאָדיש, אָפּטיילנדיק די צווייג סאַמע ביים שטאַם; באַלד הייבט זי אָן צו קנאַקן, איינצובייגן און אַראָפּצולאָזן זיך,

דאַן רייסט זיך אָפּ און פאַלט אַרונטער, פאַרטשעפּענדיק ביים פאַלן די דערבייאיקע ביימער. ביז זי גיט זיך אַ זעץ אָן דער ערד מיט אַ שטאַרקן קנאַק פון האָלץ, וואָס ברעכט זיך, און לאַנג נאָכדעם ציטערן אירע קליינע צווייגעלעך.

דער באָדן אַרום האָט זיך ביסלעכווייז באַדעקט מיט די צווייגן, וואָס אַנדערע האָלצהעקער האָבן אַראָפּגעהאַקט, צונויפגעבונדן בינטלעכווייז און צונויפגעלייגט אין קופּעס; און די ביימער האָבן צווישן דעם אויסגעזען ווי ריזעדיקע סלופּעס, ווי גיגאַנטישע פלעקער, נאַקעט און אַנטבלויזט דורך דעם שאַרפן שטאָל פון די העק.

געפטרט מיט די צווייגן, האָט דער האָלצהעקער צום שפּיץ פון דעם הויכן דינעם שטאַם צוגעפּעסטיקט אַ שטריק; אַראָפּנידערנדיק מיט דער הילף פון דיזעלבע שפּאָרן איבער דעם אַנטבלויזטן בוים, האָט ער אים גענומען האַקן ביים וואָרצל, מיט מעכטיקע קלעפּ, וואָס האָבן אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן וואַלד.

ווען די וואונד צופוסנס דעם בוים האָט אויסגעוויזן גענוג טיף, האָבן עטלעכע אַרבעטער, פון די שטאַרקערע, מיט ריטמישע געשרייען זיך גענומען ציען פאַרן שטריק, וואָס איז געווען באַפעסטיקט צום שפּיץ בוים. דער אומגעהייערער מאַסטבוים האָט געקראַכט אויף דער ערד, אַרויסרופנדיק אַ דומפּן דונער אַזוי ווי אַ ווייטער שאָס פון אַ האַרמאַט.

און דער וואַלד איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן קלענער און האָט פאַרלוירן זיינע ביימער, אַזוי ווי אַן אַרמיי פאַרלירט אין דער מלחמה די זעלנער אירע.

רענאַרדע איז ניט אָפּגעטראָטן פון וואַלד. פון אינדערפרי ביז אינאָוונט, די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, איז ער אומבאַוועגלעך געשטאַנען, אָנקוקנדיק די לאַנגזאַמע גסיסה פון זיינע ביימער. ווען אַ בוים פלעגט פאַלן, האָט ער אַרויפגעשטעלט אויף אים דעם פוס אַזוי ווי אויף אַ בר־מינן, און האָט גלייך ווידער אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף דעם נאָענטסטן קרבן מיט עפּעס אַ מין געהיימער און דאָך רואיקער אומגעדולד, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס ערוואַרט פאַר זיך אין רעזולטאַט פון דערדאָזיקער הריגה.

מ׳האָט זיך שוין געזעגנט צו דעם אָרט, וואו מ׳האָט גע־פונען די קליינע ראָק. עס איז געווען פאַרנאַכטלעך, בין־השמשותדיק.

אַזוי ווי וואָלקנס האָבן דעם הימל באַדעקט און פאַרטונקלט, האָבן די האָלצהעקער געוואָלט אָפּשטעלן די אַרבעט און ערשט מאָרגן האַקן דעם ריזעדיקן בוקנבוים, ביי וועלכן זיי האָבן גע־האַלטן. רענאַרדע האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז דער קאָלאָס, וואָס האָט געקוקט אויף דעם פאַרברעכן, זאָל נאָך היינט ווערן באַרויבט פון זיינע צווייגן און אַרונטערגעהאַקט.

ווען דער בוים איז שוין געשטאַנען נאַקעט, אין „דעם טו־אַלעט פון צום טויט־פאַרמשפּטן", ווען די האָלצהעקער האָבן אים איינגעשניטן ביים וואָרצל, האָבן פינף מענטשן אָנגעהויבן צו ציען דעם שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום שפּיץ.

דער בוים האָט זיך ניט אונטערגעגעבן; זיין מעכטיקער שטאַם, הגם אונטערגעהאַקט ביזן האַרץ, איז געווען שטאַרק ווי איַיזן. די אַרבעטער האָבן אַלע אויף אַמאָל מיט עפּעס מאָדנע געמאָסטענע שפּרונגען געצויגן פאַרן שטריק, זיך אָנבייגנדיק ביז צו דער ערד און אַרויסלאָזנדיק אַ פאַרשטיקט גאָרגלדיק געשריי, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן זייער אָנשטרענגונג און זי רע־גולירט.

צוויי האָלצהעקער מיט העק אין די הענט זיינען געשטאַנען הינטער דעם ריז גלייך ווי תּלינים, גרייט צו דערלאַנגען די לעצטע קלעפּ, און רענאַרדע, אָנגעלענט מיט דער האַנט אָן דעם שטאַם, האָט אומבאַוועגלעך ערוואַרט זיין פאַלן מיט אַן אומרואיקער און נערוועזישער אויפרעגונג.

איינער פון די אַרבעטער האָט זיך אָפּגערופן:

— איר שטייט צו נאָענט, הער מער; ווען דער בוים זאָל אומפאַלן, קאָן ער איַיך נאָך חלילה צעשעדיקן.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עס האָט זיך געדוכט, ער איז גרייט אַליין אָנכאַפּן דעם בוים מיט די הענט און ווי אַ קעמפער אומוואַרפן אים.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ סקריפּעדיקער קנאַק ביים

װאָרצל פֿון דעם דאָזיקן הויכן זייל, און װי אַ קראַנקהאַפּטער ציטער איז אַדורך איבערן שטאַם ביזן סאַמע שפּיץ; דער בוים האָט זיך עטװאָס אָנגעבויגן, גרייט אומצופֿאַלן, אָבער זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבן. די אויפֿגערעגטע אַרבעטער האָבן אָנגעשטרענגט זייערע מוסקלען און מיט אַלע כּוחות אָנגעלייגט זיך אויפֿן שטריק; און װען דער אונטערגעבראָכענער בוים האָט שוין געהאַלטן אין פֿאַלן, האָט רענאַרדע געמאַכט אַן אומגעריכטן שפּרייז פֿאָרויס און איז שטיין געבליבן מיט אויפֿגעהויבענע אַקסלען, ערװאַרטנדיק דעם אומפֿאַרמיידלעכן קלאַפּ, װאָס װעט אים צודריקן ביז צו דער ערד.

נאָר דער בוים האָט זיך עטװאָס אָפּגענייגט ביי זיין פֿאַלן און האָט אים בלויז אָנגערירט דעם רוקן, אַװעקשליידערנדיק אים פֿינף מעטער אָן אַ זייט מיטן פּנים צו דער ערד.

די אַרבעטער האָבן זיך אַ װאָרף געטאָן אים אויפֿצוהייבן; נאָר ער איז שוין אַליין אויפֿגעשטאַנען אויף די קני, באַטויבט, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן געפֿירט מיט דער האַנט איבערן שטערן, גלייך װי ער װאָלט צו זיך געקומען נאָך אַן אָנפֿאַל פֿון משוגעת.

אַז ער האָט זיך ענדלעך אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס, האָבן אים אַלע, העכסט פֿאַרװאונדערט, אָנגעהויבן צו פֿאַרשיטן מיט פֿראַגן, ניט פֿאַרשטייענדיק, װאָס האָט ער געװאָלט טאָן. ער האָט שטאַמלענדיק געענטפֿערט, אַז אויף אים איז אָנגעפֿאַלן אַ מין שגעון אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַן אויגנבליק פֿון צוריקקערן אין קינדהייטס-צושטאַנד; אַז אים האָט זיך פֿאַרגלוסט דורכצולויפֿן אונטערן בוים, אַזוי װי יינגלעך לויפֿן אַריבער די גאַס אונטער פֿאָרנדיקע עקיפּאַזשן; אַז ער האָט זיך געשפּילט מיט דער געפֿאַר; אַז שוין אַן אַכטאָג צייט פֿאַרפֿאָלגט אים דער פֿאַרלאַנג דאָס צו טאָן, און איטלעכס מאָל, װען אַ בוים האָט זיך געבראָכן, גרייט צו פֿאַלן, האָט ער זיך געפֿרעגט, צי קאָן מען אַדורכלויפֿן אונטער אים און בלייבן אומבאַרירט. דאָס איז געװען אַ נאַרישקייט, ער װייס אַליין; נאָר מיט אַלעמען טרעפֿן זיך אַזױנע מאָמענטן פֿון משוגעת און אומזיניקע קינדישע נסיונות.

ער האָט דאָס דערקלערט לאַנגזאַם, ניט געפֿינענדיק קיין

ווערטער, מיט אַ פאַרשטיקטן קול; דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען, געזאָגט:

— ביז מאָרגן, מיינע פריינד, ביז מאָרגן.

צוריקגעקערט זיך אין זיין צימער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, העל באַלויכטן מיט אַ לאָמפּ אונטער אַן אַבאַזשור, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און זיך פונאַנדערגעוויינט.

ער האָט לאַנג געוויינט, דערנאָך אויסגעווישט די אויגן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געגעבן אויפן זייגער. ס'איז נאָך ניט געווען קיין זעקס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „איך האָב נאָך צייט ביז מיטאָג", איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי צוגעשלאָסן. זיך אומגעקערט צום טיש, האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט, אַרויסגערוקט דעם מיטלסטן שופלאָד, אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און אַוועקגעלייגט אויף די העל־באַלויכטענע פּאַפּירן. דער שטאָל פון רעוואָלווער האָט געפינקלט, אָפּשפּיגלענדיק דעם פלאַם פון לאָמפּ.

עטלעכע מינוט האָט אים רענאַרדע באַטראַכט מיט דעם טריבן בליק פון אַ שיכורן; דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און גענומען שפּאַנען איבערן צימער.

ער איז געגאַנגען הין און צוריק, פלעגט שטיין בלייבן אַ ווײַלע און ווידער זיך נעמען גיין. פּלוצלונג האָט ער געעפנט די טיר אין טואַלעט־צימער אַריין, איינגעטונקט אַ סערוועטל אין אַ קרוג מיט וואַסער און האָט זיך באַנעצט דעם שטערן, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אין יענעם פרימאָרגן, ווען מ'האָט אַנטדעקט דאָס פאַרברעכן. נאָכדעם האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו גיין איבערן צימער. איטלעכס מאָל, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם טיש, האָט דאָס גלאַנצנדיקע געווער צוגעשמידט צו זיך זיין בליק, צוגעצויגן זיין האַנט. נאָר ער פלעגט אַ קוק געבן אויפן זייגער און האָט געטראַכט: „איך האָב נאָך צייט".

דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב זעקס. דאַן האָט ער גענומען דעם רעוואָלווער, האָט ברייט אויפגעריסן דאָס מויל, מיט אַ שרעקלעכער גרימאַסע, און אַרייגגערוקט אַהין די רער פון רע־

וואָלווער, גלייך ער וואָלט אים וועלן דערשלינגען. אַזוי איז ער געבליבן אייניקע סעקונדן, אומבאַוועגלעך, דעם פינגער אויפן צינגל. נאָר פּלוצלונג ווי אויפגעשוידערט פון שרעק, האָט ער אַרויסגעשפּיגן דעם רעוואָלווער אויפן טעפּעך.

כליפּענדיק איז ער ווידער געפאַלן אין שטול אַריין: „איך קאָן נישט! איך וואַג נישט! מיין גאָט! וואו זאָל איך נעמען מוט זיך צו טויטן!"

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר; ער איז אויפגעשפּרונגען אַ צעמישטער. דער דינער האָט געמאָלדן: „דער טיש איז גרייט, מיין הער". ער האָט געענטפערט: „גוט, איך גיי".

אויפהייבנדיק דעם רעוואָלווער, האָט ער אים ווידער אַריינגעלייגט אין טישקעסטל, דאַן אַ קוק געגעבן אין קאַמין-שפּיגל, צי איז זיין געזיכט נישט צופיל צעצוקט פון אויפרעגונג. עס איז געווען רויט ווי אַלעמאָל, אפשר איין ביסעלע רויטער, און דאָס גאָר. ער איז אַראָפּ אין עסצימער און זיך געזעצט צום טיש.

ער האָט געגעסן לאַנגזאַם ווי איינער, וואָס וויל פאַרציען דעם מיטאָג, אויס מורא צו בלייבן אַליין מיט זיך זעלבערט. דערנאָך האָט ער אויסגערויכערט אין עסצימער עטלעכע ליולקעס, ביז וואַנען די דינערשאַפט האָט צוגענומען פון טיש. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער.

צוגעשלאָסן די טיר, האָט ער אַרונטערגעקוקט אונטערן בעט, געעפנט אַלע שופלאָדן, אויסגענישטערט אַלע ווינקעלעך, באַקוקט דאָס גאַנצע מעבל. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן די ליכט אויפן קאַמין און, אַרומגעדרייט זיך אייניקע מאָל הין און צוריק, האָט ער דורכגעפירט זיין בליק איבערן גאַנצן צימער, שוידערנדיק פאַר אימה, וואָס האָט געמאַכט צוקן זיין געזיכט; דען ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער וועט זי זען, אַזוי ווי ער האָט אַלע נאַכט זי געזען — זי, די קליינע ראָק, דאָס קליינע מיידעלע, וואָס ער האָט געשענדט און דערשטיקט.

אַלע נאַכט האָט זיך די שוידערלעכע זעאונג איבערגעחזרט. צוערשט פלעגט זיך אים דוכטן, אַז ער הערט עפּעס אַ גערויש, אַ מין הילך פון אַ דרעש-מאַשין אָדער דאָס קלאַפּן פון אַ ווייטן

צוג, וואָס טראָגט זיך איבער אַ בריק. עס פלעגט אים אָנהייבן צו שטיקן, און ער פלעגט מוזן אויפשפּילײען דעם קראַגן פון העמד און דעם פּאַס. ער איז געגאַנגען איבערן צימער אויף און אָפּ, צו רעגולירן די בלוט=צירקולאַציע. ער האָט געפּרובט זינגען — אומזיסט. דער געדאַנק האָט, קעגן זיין ווילן, זיך צוריקגעקערט צום טאָג פון מאָרד און האָט אים געצוואונגען איבערצולעבן דעמדאָזיקן טאָג אין אַלע פּרטים די געהיימסטע, מיט אַלע אויפרעגונגען די שטורמישסטע, פון דעם ערשטן אויגנבליק ביז דעם לעצטן.

אויפגעשטאַנען יענעם פרימאָרגן, דעם פרימאָרגן פון יענעם שרעקלעכן טאָג, האָט ער געשפּירט עפּעס אַ שווערקייט און אַ לייכטן קאָפּווייטאָג, וואָס ער האָט צוגעשריבן דער ווירקונג פון דער היץ. דעריבער איז ער פאַרבליבן אין זיין צימער ביז פרישטיק. נאָכן פרישטיק האָט ער זיך צוגעלייגט אָפּרוען; דערנאָך ערשט נאָך מיטאָג איז ער אַרויסגעגאַנגען שעפּן אַ ביסל פרישע און באַרואיקנדיקע לופט אונטער די ביימער, פון זיין וואַלד.

קוים אָבער איז ער אַרויס פון שטוב, האָט די שווערע און צעגליטע לופט פון די פעלדער נאָך פאַרערגערט זיין ניט גוט פילן זיך. די זון, וואָס איז נאָך הויך געשטאַנען אין הימל, האָט געגאָסן שטראָמען בריענדיק ליכט אויף דער צעברענטער אויסגעטריקנטער דאָרשטיקער ערד. קיין מינדסט ווינטעלע האָט ניט באַרירט די בלעטער. אַלע חיות, אַלע פייגל, זאָגאַר די גרילן האָבן געשוויגן. רענאַרדע איז אַריין אונטער די הויכע ביימער און זיך געלאָזט גיין איבערן מאָך לענגאויס מיטן ברעג פון דער ברינדיל, וואָס האָט דאָך אויסגעדעמפּט אַ ביסל פרישקייט אונטער דעם ריזעדיקן צווייגן=געוועלב. נאָר ער האָט זיך ניט גוט געשפּירט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי עפּעס אַן אומבאַוואוסטע אומגעזעענע האַנט שטיקט אים פאַרן האַלז. ער האָט וועגן גאָרנישט געטראַכט, האָבנדיק בכלל ווייניק רעיונות אין קאָפּ. בלויז איין טונקעלער געדאַנק האָט אים פאַרפאָלגט צייט דריי חדשים, דער געדאַנק וועגן אַ צווייטן מאָל חתונה האָבן. צו לעבן אַליין איז אים געווען שווער, שווער מאָראַליש און פיזיש. צוגעווינט אין אַ משך פון

צען יאָר שפּירן לעבן זיך אַ פרוי, איינגעלעבט זיך מיט איר שטענדיקער אָנוועזנהייט, מיט טאָג־טעגלעכע אומאָרעמונגען, האָט ער געפּילט אַ באַדערפעניש, אַ טונקעלע, אָבער דרינגלעכע באַדערפעניש אין אַ שטענדיקער באַרירונג מיט אַ פרוי און אין רעגלמעסיקן קושן און האַלזן. צייט מאַדאַם רענאַרדעס טויט האָט ער געליטן אָן אַן אויפהער, צומאָל ניט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס, געליטן דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געשפּירט מער אַ גאַנצן טאָג דעם שאָרך פון אירע קליידער, באַזונדערס אָבער דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געקאָנט זיך באַרואיקן און שוואַך בלייבן אין אירע אָרעמס.

ער איז געווען אַן אַלמן ערשט אַ מאָנאַטן זעקס, און שוין האָט ער אויסגעקוקט אין דער אומגעגנט אַ יונג מיידל אָדער אַן אַלמנה, מיט וועלכער ער זאָל קאָנען חתונה האָבן, אַז ס'וועט אויסגיין די צייט פון זיין טרויער.

ער האָט געהאַט אַ צניעותדיקע נשמה, נאָר זי איז געווען איינגעשלאָסן אין אַ מעכטיקן קערפּער פון אַ הערקולעס, און תאווהדיקע חלומות האָבן אָנגעהויבן פאַרוואָגלען זיין שלאָף און פאַרפאָלגן אים אויף דער וואָר. ער האָט זיי געטריבן פון זיך, און זיי זיינען צוריקגעקומען; און מאַנכמאָל, לאַכנדיק פון זיך זעלבערט, האָט ער געמורמלט: „איצט בין איך אַ מין הייליקער אַנטאָניוס”.

אין יענעם פרימאָרגן האָבן אים דידאָזיקע חלומות ווידער באַלעגערט, און ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק אויסצובאָדן זיך אין טייכל, אָפּצופרישן זיך און צו באַרואיקן זיין אויפגעהיצט בלוט.

ער האָט געקענט דאָ ניט ווייט אַ ברייטן און טיפן אָרט, וואוהין די אָרטיקע איינוואוינער פלעגן זיך גיין באָדן, און ער איז אַוועק אַהין.

געדיכטע ווערבעס האָבן באַשיצט דעמדאָזיקן קלאָרן באַסיין, וואו דער שטראָם איז געווען שטילער, גלייך ווי גערוט פאַרן אַוועקלאָזן זיך אין ווייטן וועג אַריין. אַז רענאַרדע איז אָנגעקומען אַהער, האָט ער דערהערט עפּעס אַ לייכט גערויש, אַ שטיל געפּליעסק, ניט ענלעך אויפן שלאָגן פון טייכל אָן זיינע ברעגן.

ער האָט פאָרזיכטיק פונאַנדערגערוקט די צווייגן און אַ קוק געגעבן. אַ מיידעלע, אינגאַנצן נאַקעט, אינגאַנצן ווייס דורך די דורכזיכטיקע וועלען, האָט געפּאַטשט מיט די הענטלעך איבערן וואַסער, געטאַנצט און געדרייט זין מיט חנעוודיקע תנועות. זי איז שוין געווען נישט קיין קינד, אָבער נאָך אויך ניט קיין פרוי: פוללייביק און גענוג אויסגעפאָרמט, האָט זי דאָך אויסגעזען ווי אַ פריצייטיק מיידעלע, וואָס האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און שוין כמעט רייף געוואָרן. רענאַרדע האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן, באַהערשט פון איבעראַשונג און גלוסטיקייט, קוים עטעמענדיק פאַר שטאַרקער און שאַרפער אויפרעגונג. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט אין דער ברוסט, גלייך ווי איינער פון זיינע תאוהדיקע חלומות איז מקוים געוואָרן, גלייך ווי עפּעס אַ ביטגוטע צויבערין האָט אַרויסגעשופּט דאָ פאַר אים דאָס פאַרפירערישע און יונגע וועזן, דידאָזיקע קליינע דאָרפישע ווענוס, געבוירן פון דעם טייכלס שוים, אַזוי ווי יענע, די גרויסע, איז געבאָרן געוואָרן אין דעם שוים פון ים.

נאָר אָט איז דאָס קינד אַרויס פון וואַסער, און ניט זעענדיק דעם מער, האָט זי זיך געלאָזט גיין אויף אים, אָנצוטאָן די זאַכן: וואָס נעענטער זי איז צו אים צוגעקומען, פאָרזיכטיק, מיט קליינע טריטעלעך, היטנדיק זיך פאַר די שאַרפע שטיינדלעך, האָט ער געפילט, אַז אים שטויסט צו איר עפּעס אַ קראַפט ניט בייצוקומען, אַ חיהשע תאווה, וואָס האָט אָנגעצונדן זיין לייב, פאַרפינסטערט זיין זעלע און געמאַכט אים ציטערן פון קאָפּ ביז די פיס.

זי איז שטיין געבליבן אויף עטלעכע סעקונדן לעבן בוים, הינטער וועלכן ער איז געשטאַנען באַהאַלטן. דאָ האָט ער, גאַנץ אויסן זינען, פלוצלונג פונאַנדערגערוקט די צווייגן, זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און געכאַפּט זי אין זיינע אָרעמס. זי איז געפאַלן, צופיל איבעראַשט זיך צו ווערן, צופיל דערשראָקן צו שרייען, און ער האָט זי גענומען, אַליין ניט צו באַגרייפן, וואָס ער טוט.

ער איז צו זיך געקומען פון זיין פאַרברעכן, ווי מען קומט צו זיך פון אַ קאָשמאַר. דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן וויינען.

— שווייג, האָט ער געזאָגט, שווייג! איך וועל דיר געבן געלט.

נאָר זי האָט ניט געהערט, זי האָט געיאָמערט.

ער האָט איבערגעחזרט:

— מען זאָגט דיר, זאָלסט שווייגן! הערסט! שווייגן זאָלסטו, שווייגן!

זי האָט געשריען און זיך געוואָרפן אַרויסצורייסן זיך פון אים.

און פלוצלונג האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרלאָרן; ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז, צו פאַרשטיקן דידאָזיקע האַרצרייסנדיקע שרעקלעכע קולות. זי האָט ניט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך מיט דער פאַרצווייפלטער קראַפט פון איינעם, וואָס באַשיצט זיין לעבן, און ער האָט צונויפגעקוועטשט איר קליינעם האַלז מיט זיינע ריזיקע הענט, צונויפגעקוועטשט אַזוי קראַנקהאַפטיק, אַז ער האָט זי דערשטיקט אין משך פון עטלעכע סעקונדן, ניט מיינענדיק זי צו הרגענען, נאָר וועלנדיק בלויז צווינגען זי אַנטשוויגן צו ווערן.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אויסער זיך פאַר אימה.

זי איז געלעגן פאַר אים אַ צעבלוטיקטע, מיט אַ ברוינבלויען געזיכט. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. נאָר דאָ האָט אין זיין צעררודערטער נשמה דערוואַכט דער געהיימער און טונקעלער אינסטינקט, וואָס רעגירט יעדן איינעם בשעת סכנה.

ער האָט שיר ניט אַריינגעוואָרפן דעם קערפּער אין טייך אַריין, נאָר עפּעס אַן אַנדער געדאַנק האָט אים אַ שטויס געגעבן צו דער דערהרגעטערס קליידער, און ער האָט זיי צונויפגעבונדן אין אַ פּעקעלע. ער האָט עס פאַרבונדן מיט אַ שטריקל, וואָס ער האָט געפונען ביי זיך אין קעשענע, און עס פאַרשטופּט אין אַ טיפער גרוב אויפן דעק טייך אונטער אַ בוים, וואָס זיינע וואָרצלען האָבן זיך געשווענקט אין דעם וואַסער.

דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט גרויסע טריט, אַרויס אין פעלד, געמאַכט אַ לאַנגן אומוועג, כדי זיך צו ווייזן פאַר די פּויערים, וואָס האָבן געוואוינט ווייט פון דאַנען, אויף יענער זייט

דאָרף; און זיך אומגעקערט אַהיים אין דער געוויינלעכער שעה, האָט ער דערציילט דער דינערשאַפט, וואו ער האָט שפּאַצירט.

פונדעסטוועגן איז ער יענע נאַכט געשלאָפן; געשלאָפן דעם שווערן שלאָף פון אַ חיה, ווי עס שלאָפן אַמאָל פאַרמשפּטע צום טויט. נאָר מיט די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָט ער זיך שוין אויפגעכאַפּט, און געפּייניקט פון געדאַנק, אַז דאָס פאַרברעכן וועט אַנטדעקט ווערן, האָט ער אויסגעוואַרט די געוויינלעכע שעה פון זיין אויפשטיין.

דערנאָך האָט ער געמוזט בייוואוינען די אונטערזוכונג פון דעם טויטן קערפּער. ער האָט עס געטאָן ווי אַ פאַרהיפּנאָטיזירטער, ווי אין אַ האַלוצינאַציע: די מענטשן און די געגנשטאַנדן האָט ער געזען ווי דורך אַ נעפּל פון פאַרשיכורטקייט, אין יענעם צושטאַנד פון צווייפלען אין אַלץ וואָס אַרום, וועלכער צערודערט די נשמה אין די מינוטן פון גרויסע קאַטאַסטראָפעס.

בלויז דאָס האַרצרייסנדיקע גוואַלד־געשריי פון דער אַלטער ראָק האָט אים געטראָפן אין האַרץ אַריין. ער איז שיר ניט געפאַלן דער אַלטער צו די פיס. שיר ניט אַ געשריי געטאָן: „דאָס האָב איך!" דאָך האָט ער זיך איינגעהאַלטן. ביינאַכט אָבער איז ער אַוועק נאָך דער דערהרגעטערס שיך, און האָט זיי געבראַכט צו דער מוטערס טיר.

כל־זמן די אויספאָרשונג האָט זיך געצויגן, כל־זמן אים איז אויסגעקומען צו פירן און צו פאַרפירן די אונטערזוכונג, איז ער געווען גאַנץ רואיק, זיך באַהערשט, געקליגט זיך און געשמייכלט. ער האָט גוטמוטיק באַהאַנדלט צוזאַמען מיט די באַאַמטע אַלע השערות, וועלכע פלעגן זיי איינפאַלן, האָט אָפּגעפרעגט זייערע מיינונגען, געמאַכט צו נישט זייערע ראיות. ער האָט צומאָל געהאַט עפּעס אַ שאַרפן קראַנקהאַפטיקן פאַרגעניגן — צו פלאָנטערן זייערע אונטערזוכונגען, צו פאַרדרייען זייערע סברות, צו ריינוואַשן די־יעניקע, אויף וועמען זיי האָבן אַ חשד געוואָרפן.

נאָר פון דעם טאָג אָן, זינט די אויספאָרשונג האָט אויפ־

געהערט, איז ער בּיסלעכווייז געוואָרן נערוועאיש, נאָך מער צערייצט ווי פריער, הגם ער פלעגט אײַנהאַלטן זיין כּעס. אַ פּלוצלונג געראויש פלעגט אים מאַכן אויפשפּרינגען אין שרעק; ער פלעגט אויפציטערן פון דער מינדסטער קלייניקייט, פלעגט אַ שווידער טאָן פון קאָפּ בּיז די פיס, ווען אַ פליג פלעגט זיך אים זעצן אויפן שטערן. אים האָט בּאַהערשט אַ ניט־בּייצוקומענע בּאַדערפעניש צו בּאַוועגן זיך, מאַכן ווייטע שפּאַציר־גאַנגען גאָט ווייס וואוהין; אַפילו בּיינאַכט פלעגט ער זיך ניט לייגן און פלעגט שפּרייזן אויף און אָפּ איבּערן צימער.

דאָך איז עס ניט געווען קיין פלאָג פון געוויסן. זיין רויע בּאַטור האָט ניט געוואוסט פון קיין מאָראַליש געפיל. אַ מענטש פון טאַט, זאָגאַר פון גוואַלד־טאַט, געבּאָרן צו מלחמה, צום פאַרוויסטן אײַנגענומענע לענדער און פאַרטיליגן די בּאַזיגטע, פול מיט די ווילדע אינסטינקטן פון יעגער און קריגער, האָט בּיי אים אַ מענטשנס לעבּן קיין שום בּאַטרעף ניט געהאַט. הגם אויס פּאָליטישע טעמים האָט ער געהאַלטן פון דער אמונה, דאָך האָט ער ניט געגלויבּט ניט אין קיין גאָט, ניט אין קיין טייוול. און האָט אַלזאָ ניט ערוואַרט אויף יענער וועלט ניט קיין שטראָף ניט קיין שכר פאַר זיינע מעשים אויף דער ערד. אָנשטאָט דעם גלויבּן האָט ער געהאַט עפּעס אַ נעפּלדיקע פילאָסאָפיע — צונויפגעשטוקעוועט פון אַלערליי אידעען פון די ענציקלאָפּעדיסטן פון XVIII יאָרהונדערט. אויף דער רעליגיע האָט ער געקוקט ווי אויף אַ מין מאָראַלישע סאַנקציע פון געזעץ, האַלטנדיק סיי די רעליגיע סיי דאָס געזעץ, אַז זיי זיינען אויסגעטראַכט צו רעגולירן די געזעלשאַפטלעכע בּאַציאונגען.

הרגענען עמיצן אויף אַ דועל, צי אין אַ מלחמה, צי אין אַ קריג, אָדער צופעליק, אָדער אויס נקמה, אָדער אַפילו אויס בּאַרימעריי וואָלט זיין פאַר אים אַ נאַרישקייט, אַ צייט־פאַרטרייבּ און וואָלט ניט איבּערגעלאָזן קיין שפּורן אין זיין נשמה, אַזוי ווי אַ שאָס פון אַ בּיקס אויף אַ האָז; נאָר דערמאָנענדיק זיך אין דעם מאָרד פון דעם קינד, האָט ער געפילט אַ טיפע אויפרעגונג. ער איז דעם מאָרד בּאַגאַנגען בּשעת אַן אָנפאַל פון אומבּאַצווינג-

לעכער תאווה, בשעת אַ שטורים פון זינגלעכער ליידנשאַפט, וואָס האָט פאַרטונקלט זיין פאַרשטאַנד. און אין זיין האַרץ, אין זיין קערפּער, אויף זיינע ליפּן, אַפילו אויף די שפּיץ פינגער פון אַ מערדער איז געבליבן דער געשפּיר פון עפּעס אַ מין היהשער ליבע, צונויפגעמישט מיט אַ געפיל פון טויטשרעק פאַר דעמדאָזיקן קינד, וואָס ער האָט געשענדט און אַזוי נידערטרעכטיק דערוואָרגן. זיין געדאַנק פלעגט זיך אַלע ווײַלע צוריקקערן צו דערדאָזיקער שוידערלעכער סצענע, און וויפיל ער האָט זיך ניט געשטאַרקט צו פאַרגעסן דאָס בילד, פאַרטרייבן עס מיט שוידער און עקל, האָט עס דאָך געלעבט אין זיין נשמה, געשוועבט אַרום אים, אויסקוקנדיק די מינוט צו ערשיינען פאַר אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

ער האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר די בין־השמשותן, וואָס פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. ער האָט נאָך ניט געוואוסט, פאַרוואָס שרעקט אים אַזוי די פינסטערניש, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר איר אינסטינקטיוו, געפילט, אַז זי איז פול מיט פחדים. דער העלער טאָג פאָרט זיך ניט מיט שרעק; דאַן זעט מען דייטלעך די מענטשן און די געגנשטאַנדן; ביים שיין ווייזן זיך נאָר נאַטירלעכע זאַכן און באַשעפעניש. נאָר די נאַכט, די שטאָק־פינסטערע נאַכט, וואָס איז געדיכטער ווי אַ וואַנט, די וויסטע אומענדלעכע שוואַרצע נאַכט, ווען דו פילסט דעם שאָרך פון שרעקלעכע זאַכן, ווען עס שלייכט זיך און בלאָנדזשעט אַ געהיימנישפולע אימה,—דידאָזיקע נאַכט האָט אים געשיינט צו פאַרבאָרגן אין זיך עפּעס אַן אומבאַוואוסטע געפאַר, אַ נאָענטע און אַ גרויזאַמע. וואָס פאַר אַ געפאַר?

איינגיכן איז ער עס געוואָר געוואָרן. איינמאָל אָוונטצייט, שוין גאַנץ שפּעטלעך, ווען ער איז געזעסן אין פאָטערשטול, ניט קאָנענדיק איינשלאָפן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס פאַרהענגל פון פענסטער וויגט זיך. ער האָט אויפגעשפּיצט אויג און אויערן מיט אַן אומרואיק קלאַפּנדיקן האַרץ; דאָס פאַרהענגל האָט זיך ניט באַוועגט מער. דערנאָך האָט עס זיך פלוצלונג אויף דאָס ניי אַ ריר געטאָן, ווייניקסטנס האָט זיך אים אויסגעדוכט,

אַז עס האָט זיך אַ ריר געטאָן. ער האָט זיך ניט דערוועגט אויפצושטיין, האָט זיך ניט דערוועגט צו עטעמען; און ער איז דאָך געווען אַ מוטיקער מאַן, האָט זיך אָפט געשלאָגן און וואָלט זיין זייער גערן צו טרעפן ביי זיך אין הויז גנבים.

אָבער האָט זיך דען דאָס פאָרהענגל באמת באַוועגט? ער האָט זיך געשטעלט דידאָזיקע פראַגע, מורא געהאַט, אַז די אויגן נאַרן אים. איבעריקנס איז עס דאָך אַן אמתע קינדעריי — אַ לייכטער ציטער פון דעם פאָרהאַנג-שטאָף, אַ פלאַטער פון די פאַלדן, אַ שוואַכער שאָרך, וואָס דער ווינט רופט אַרויס. רענאַרדע האָט געקוקט, נישט אַראָפגענומען די אויגן, מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז; און פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען, זיך פאַרשעמט פאַר זיין שוואַכמוטיקייט, האָט געמאַכט אַ פאָר טריט צום פענסטער, אָנגעכאַפט דאָס פאָרהענגל מיט ביידע הענט און האָט עס ברייט אויפגעמאַכט. צוערשט האָט ער גאָרנישט געזען אויסער די שוואַרצע שויבן, שוואַרץ ווי אַ גלאַנציקער ים טינט. אַ נאַכט, אַ טיפע אומדורכדרינגלעכע נאַכט האָט זיך געשפרייט הינטערן פענסטער ביז צו דעם אומגעזעענעם האָריזאָנט. ער איז געשטאַנען פאַר דעמדאָזיקן אומענדלעכן חושך און פלוצלונג האָט ער דערבליקט אַ שיין, וואָס האָט געצאַנקט פונדערווייטן. ער האָט צוגערוקט דאָס פנים צו דער שויב, געמיינט, אַז דאָס איז מסתמא אַ פישער כאַפט קרעבסן אין דער ברינדיל, מחמת עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, און דאָס פייערל האָט געצאַנקט אויפן ברעג פונם טייכל, אין וואַלד. נאָך אַלץ ניט דייטלעך זעענדיק, האָט רענאַרדע פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט און פלוצלונג איז דאָס ליכט געוואָרן אַ גרויסע שיין און ער האָט דערזען די קליינע ראָק אַ נאַקעטע און פאַרבלוטיקטע ליגנדיק אין מאָך.

אויפשוידערנדיק פון אַ קראַמפ פון אימה, האָט ער אַ שפרונג אָפ געטאָן צוריק, געשטרויכלט געוואָרן אָן זיין שטול און געפאַלן אויפן רוקן. איניקע רגעס איז ער געבליבן ליגן ווי צעשמעטערט, דערנאָך האָט ער זיך געזעצט און גענומען טראַכטן. ער האָט געהאַט אַ האַלוצינאַציע, דאָס איז גאָר; אַ האַלוצינאַציע, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכדעם, וואָס אַ בראַקאָניער מסתמא

איז געגאַנגען מיט זיין לאַמטערן איבערן ברעג טייך. און וואָס איז בכלל דער חידוש, אויב די דערמאָנונג אָן דער רציחה האָט אים אַמאָל אַרויסגערופן פאַר די אויגן דאָס בילד פון דער טויטער?

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער און זיך ווידער אַוועקגעזעצט. ער האָט געטראַכט: „וואָס זאָל איך טאָן, ווען דאָס זאָל זיך ווידער איבערחזרן?” און אַז דאָס וועט זיך ווידער איבערחזרן — דאָס האָט ער געפילט, דערין איז ער געווען זיכער. שוין דאָס פענסטער בלויז האָט געגרייצט זיין בליק, געלאָקט אים, געצויגן צו זיך. כדי ניט צו זען עס מער, האָט ער אויסגעדרייט זיין שטול, גענומען אַ בוך און געפרובט לייענען. אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער אים באַוועגט זיך עפּעס, און דער פּחד האָט אים געצוואונגען אַ דריי־איבער צו טאָן זיך אויף איין פיסל פון זיין שטול. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַלץ נאָך באַוועגט; געוויס, דאָס מאָל האָט ער זיך גאַנץ באַשטימט באַוועגט; ער האָט אין דעם מער ניט געקענט האָבן קיין ספק; און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס און האָט אים אָנגעכאַפּט אַזוי ווילד מיט דער האַנט, אַז דער פאָרהאַנג צוזאַמען מיטן געזימס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער געריק צוגעפרעסט דאָס פּנים צו דער שויב. ער האָט גאָרנישט געזען! דרויסן איז אַלץ געווען שוואַרץ. און ער האָט אָפּגעאָטעמט ווי איינער, וואָס איז נאָרוואָס ניצול געוואָרן פון טויט.

ער האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול — אָבער גלייך האָט זיך אין אים דערוועקט דער פאַרלאַנג ווידער אַ קוק צו טאָן אין פענסטער. איצט, אַז דער פאָרהאַנג איז געווען אַראָפּגעריסן, האָט דאָס פענסטער אַזוי ווי אַן אימהדיקע שוואַרצע לאָך אַרויסגעקוקט אין דער שוואַרצער ווייט אַרויס. כדי ניט נאָכצוגעבן דעם געפערלעכן נסיון, האָט ער זיך אויסגעטאָן, פאַרלאָשן דאָס ליכט, זיך געלייגט אין בעט אַריין און פאַרמאַכט די אויגן.

ער איז געלעגן אויפן רוקן, צעהיצט און אין שווייס, אומבאַוועגלעך געוואָרט, ביז ער וועט איינשלאָפן. פלוצלונג האָט אַ העלע שיין דורכגעשפּיזט זיינע אויגן־לעדעלעך. ער האָט זיי אויפגעהויבן, געמיינט, אַז דאָס הויז ברענט. נאָר אַרום איז געווען

פינסטער, און ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן איילנבויגן, אַריינצוקוקן אין פענסטער, וואָס האָט אים נאָך אַלץ אַזוי מעכטיק געצויגן צו זיך. איינגעקוקט זיך, האָט ער דערזען עטלעכע שטערן; ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט, זוכנדיק אַדורך דאָס צימער, אָנגעטאַפּט די שויבן און צוגעפאַלן צו זיי מיטן שטערן. דאָרט אונטער די ביימער האָט זיך געלויכטן דעם מיידלס קערפּער, ווי דורכגעזאַפּט מיט שוועבל, באַלייכטנדיק דעם חושך אַרום!

רענאַרדע האָט דערלאַנגט אַ געשריי און זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין, וואו ער איז געבליבן ביז באַגינען, דעם קאָפּ איינגעגנורעט אין די קישנס.

פון דאַן אָן איז דאָס לעבן אים געוואָרן ניט צו פאַרטראָגן. דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער מיט אימה ערוואַרטן די נאַכט, און אַלע נאַכט פלעגט דאָס געשפּענסט ווידער ערשיינען. פאַרשפּאַרט זיך אין זיין צימער, האָט ער געפּרובט זיך ווערן, נאָר אומזיסט. אַן אומבאַצווינגלעכע קראַפט האָט אים אויפגעהויבן, געשטויסן צום פענסטער, אַזוי ווי אום אַרויסצורופן פאַר אים דעם גייסט; און דער גייסט פלעגט גלייך ערשיינען, צוערשט אויפן אָרט, וואו דאָס פאַרברעכן איז געשען,—אַ קערפּער מיט צעוואָרפענע הענט, מיט צעשפּרייטע פיס, פונקט אַזוי ווי ער איז געפונען געוואָרן. דערנאָך פלעגט זי זיך אויפהויבן אַ געשטאָרבענע און געגאַנגען מיט קליינע טריטעלעך, פונקט אַזוי ווי ס'איז געגאַנגען דאָס מיידעלע, אַרויסקומענדיק פון טייך. זי האָט זיך דערנעענטערט לאַנגזאַם, גלייך דורך דעם גאַזאָן און די קלומבעס מיט די פאַרדאַרטע בלומען, דערנאָך פלוצלונג זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן אַרויף צו רענאַרדעס פענסטער. זי איז געגאַנגען צו אים, אַזוי ווי זי איז אין דעם טאָג פון מאָרד געגאַנגען צום מערדער, און דער מענטש איז צוריקגעטראָטן פון פאַרן געשפּענסט, זיך גערוקט צום בעט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים, וויסנדיק, אַז דאָס מיידעלע איז שוין אַריין אין צימער, אַז זי שטייט איצט הינטערן פאָרהאַנג, וואָס באַוועגט זיך. און ביז אינדערפרי פלעגט ער קוקן אויף דעמדאָזיקן פאָרהאַנג, קוקן ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן און אַלץ געוואַרט, אַז אָט וועט זיך פון הינטערן פאָרהאַנג אַהער באַווייזן

זיין קרבן. נאָר זי האָט זיך מערניט געוויזן, איז געבליבן דאָרט הינטערן פאָרהאַנג, איבער וועלכן עס פלעגט צייטנווייז אַ לייכטער ציטער אַדורכלויפן, און רענאַרדע פלעגט קאָנוואולסיוו צונויפקוועטשן די קאָלדרע מיט די פינגער, אַזוי ווי ער האָט דאַמאָלסט צונויפגעקוועטשט דעם האַלז פון דער קליינער ראָק. ער האָט געהערט דאָס שלאָגן פון זייגער, האָט געהערט אין דער שטיל דעם טיק=טאַק פון דעם פערפענדיקל און די טיפע קלעפּ פון זיין האַרץ. און געליטן האָט ער, דער אומגליקלעכער, אַזוי ווי קיין מענטש האָט נאָך קיינמאָל ניט געליטן.

ערשט דאַן, ווען אַ ווייסער פּאַס פלעגט זיך ווייזן אויף דער סטעליע, אָנזאָגנדיק דעם אָנברוך פון פרימאָרגן, פלעגט ער פילן, אַז דאָס געשפענסט איז פאַרשוואונדן, און ער איז איינער אַליין אין זיין צימער. דאַן האָט ער זיך ווידער געלייגט, און פלעגט איינשלאָפן אויף עטלעכע שעה מיט אַן אומרואיקן פיבערדיקן שלאָף, און אָפטמאָל פלעגט אים אין חלום ערשיינען דאָס געשפענסט, וואָס האָט אים רוען ניט געלאָזט אויף דער וואָר.

שפּעטער אום צוועלף, אַראָפּגייענדיק אונטן צום פרישטיק, פלעגט ער זיך פילן אינגאַנצן צעבראָכן, אַזוי ווי נאָך אַ שרעקלעך שווערער אַרבעט; ער האָט כּמעט גאָרניט געגעסן, די גאַנצע צייט טראַכטנדיק מיט שרעק וועגן דער, וועמען ער וועט היינט ביינאַכט ווידער זען.

און דאָך האָט ער זייער גוט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט קיין געשפענסט, אַז די מתים קומען ניט צוריק, און אַז די איינציקע סיבה פון זיין פיין איז זיין קראַנקע נשמה, וואָס איז באַהערשט פון איין געדאַנק, פון איין אומפאַרגעסלעכער דערמאָנונג, — אַז זי אַליין רופט עס אַרויס די געשטאָרבענע, מאַכט זי לעבעדיק און שטעלט זי פאַר זיינע אויגן, וואו איר בילד איז אָפּגעשטעמפּלט ניט אָפּצומעקן. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט געזונט ווערן, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אַנטרינען פון דער אומברחמנותדיקער פאַרפאָלגונג, וואָס די זכרונות פאַרפאָלגן אים, — און ער האָט באַשלאָסן ליבער צו שטאַרבן, איידער אַריבערצוטראָגן דידאָזיקע יסורים.

ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אזוי זיך צו טויטן. ער האָט געוואָלט צוטראַכטן עפּעס אַ איינפאַכע און נאַטירלעכע זאַך, וואָס זאָל ניט אַרויפברענגען אויף אַ חשד וועגן אַ זעלבסטמאָרד. מחמת ער האָט טייער געהאַלטן זיין רעפּוטאַציע, דעם נאָמען, וואָס זיינע אָבות האָבן אים איבערגעענטפערט; און אַז מען זאָל חושד זיין אַ זעלבסטמאָרד, וועט מען אָן אַ ספק זיך דערמאָנען וועגן דעם ניט-אויפגעקלערטן פאַרברעכן, וועגן דעם ניט-אויפגעזוכטן מערדער, און מען וועט אים באַלד מסתמא אָנערקענען פאַרן שולדיקן אין דעם מאָרד.

אַ אויסטערלישער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: זיך לאָזן אומברענגען פון דעם בוים, אונטער וועלכן ער האָט געהרגעט די קליינע ראָק. דערום האָט ער עס באַשלאָסן אויסצוהאַקן דעם וואַלד, צו סימולירן אַן אומגליקספאַל. נאָר דער בוים האָט ניט געוואָלט אים איבערברעכן דעם רוקן.

צוריקגעקומען דאַן אַהיים, האָט ער אין שגעונדיקער פאַרצווייפלונג געכאַפּט זיך צום רעוואָלווער, נאָר אים האָט פאַרפעלט מוט אויסצושיסן.

עס איז אָנגעקומען די מיטאָג-שעה, ער האָט אָפּגעגעסן און דערנאָך איז ער ווידער אַרויף צו זיך אין צימער. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט זיך אַצינד געפילט פאַר אַ פּחדן, קוים האָט ער ניט געהאַט קיין מוט צו טאָן עס ביים ערשטן מאָל. ווי לאַנג איז ער געווען גרייט אויף אַלץ, פעסט, אַנטשלאָסן, אַ האַר איבער זיין מוט און איבער זיין וואָרט; און אַצונד איז ער שוואַך, און האָט מורא פאַרן טויט, אַזוי ווי ער האָט מורא פאַר דער טויטער.

ער האָט געמורמלט: „איך וועל שוין ניט וואַגן, איך וועל שוין ניט וואַגן!" — און האָט מיט שרעק געקוקט דאָ אויפן געווער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, דאָ אויפן פאָרהאַנג, וואָס האָט זיך געוויגט פאַרן פענסטער. אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ס'וועט געשען עפּעס שרעקלעכס, קוים וועט ער זיך נאָר צעשיידן מיטן לעבן. וואָס אַזוינס, וואָס? וועלן זיי זיך באַגעגענען, וואָס? אפשר היט זי אים, וואַרט אויף אים, רופט אים

און קומט אַלע אָוונט, כדי אַצונד אים צו באַצווינגען, מאַכן פאַר אַ קרבן פון איר נקמה, בייטן אים צום טויט.

ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען ווי אַ קינד חזרנדיק: „איך וועל שוין ניט וואגן, איך וועל שוין ניט וואַגן!“ דערנאָך איז ער געפאַלן אויף די קני שטאַמלענדיק: „מיין גאָט! מיין גאָט“ הגם אין גאָט ניט געגלויבט. און ער האָט שוין מער ווירקלעך ניט געוואַגט אַ קוק צו טאָן ניט אויפן פענסטער, הינטער וועלכן ער האָט געשפירט דאָס געשפענסט זיך באַהאַלטן, ניט אויפן טיש, וואו עס האָט געגלאַנצט דער רעוואָלווער.

ענדלעך איז ער אויפגעשטאַנען און האָט הויך געזאָגט: „אַזוי קען עס ניט בלייבן, מען מוז מאַכן אַן עק“. דער קלאַנג פון זיין שטים אין דעם שטומען צימער האָט אים געמאַכט ציטערן פאַר שרעק; נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך ניט געקומען צו קיין באַשלוס, אַזוי ווי ער האָט געפילט, אז די האַנט זיינע וועט ווידער אים ניט דינען אָנצודריקן דאָס צינגל פון רעוואָלווער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין, האָט זיך אַריבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און גענומען טראַכטן.

ער האָט באַדאַרפט געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים צווינגען צו שטאַרבן, אויסטראַכטן עפּעס אַ שפּיצל קעגן זיך אַליין, וואָס זאָל מאַכן פאַר אוממעגלעך יעדע קווענקלעניש, יעדע אָפּלייגעניש, יעדע חרטה. ער האָט מקנא געווען די פאַרמשפּטע, וועלכע מ'פירט אויפן עשאַפאָט אונטער אַ שמירה פון סאָלדאַטן. אָ! ווען ער וואָלט קענען בעטן עמעצן שיסן אים; ווען ער וואָלט קענען דערציילן וועגן זיין געמיטס-צושטאַנד, מודה זיין זיין פאַרברעכן פאַר אַ טרייען פריינד, וואָס וועט עס קיינמאָל ניט אויספּלוידערן, און דאַן מקבל זיין פון אים דעם טויט! נאָר וועמען בעט מען די דאָזיקע שרעקלעכע געפעליקייט? וועמען? ער האָט אָנגעהויבן איבערקלייבן אַלע זיינע באַקאַנטע: דעם דאָקטאָר? ניין, ער וועט עס שפּעטער דערציילן, אָן ספק. און פּלוצלונג איז אים איינגעפאַלן אַ מערקווערדיקער געדאַנק: ער וועט גיין אָנשרייבן דעם געריכטס-אויספאָרשער, זיין נאָענטסטן פריינט, און וועט זיך אַליין מסרן. ער וועט אים אויסזאָגן אַלץ אין דעם דאָזיקן בריוו—פון דעם פאַר-

בּרעכן, פון די יסורים, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, פון זיין באַשלוס צו שטאַרבן, און פון זיין קווענקלעניש און פון דעם מיטל, וואָס ער בּרויכט, כּדי צום טויט זיך צו צווינגען און צו שטאַרקן זיין שוואַך געוואָרענעם מוט. ער וועט אים אין נאָמען פון זייער אַלטער פריינדשאַפט בּעטן צו פאַרבּרענען דעם בּריוו, ווי נאָר ער וועט געוואויר ווערן, אַז דער שולדיקער האָט זיך אַליין בּאַשטראָפט. רענאַרדע האָט געוואוסט, אַז אויף דעם דאָזיקן מענטשן קאָן ער זיך פאַרלאָזן: דאָס איז אַ זיכערער מענטש, אַ שווייגעדיקער, ניט פּעאיק אויף אַ אומבּאַדאַכטן וואָרט; ער האָט געהערט צו יענע מענטשן, וועלכע בּאַזיצן אַ אייזנפעסטן געוויסן, וואָס ווערט רעגירט בּלויז דורך דעם אייגענעם שׂכל.

ווי נאָר ער האָט געהאַט אָנגענומען דעם דאָזיקן פּלאַן, האָט ער געפילט, ווי אים האָט בּאַהערשט עפּעס אַ מאָדנע פרייד. איצט איז ער געווען רואיק. איצט וועט ער ניט געאיילטערהייט אָנשרייבּן דעם בּריוו, פאַרטאָג וועט ער אים אריינוואַרפן אין דעם בּריווקאַסטן, וואָס איז צוגעשלאָגן צו דער וואַנט פון זיין ווייטן הויז, דאַן וועט ער אַרויף אויפן טורים, כּדי צו זען דעם אָנקומענדיקן פּאָסטאַליאָן, און ווען דער מאַן אין דער בּלויער בּלוזע וועט זיך דערווייטערן, וועט ער זיך אַרונטערשליידערן מיטן קאָפּ אַראָפּ אויף די פעלזן, אויף וועלכע דער טורים איז אויפגעבּויט.

אָבּער צוערשט וועט ער זיך ווייזן פאַר די אַרבּעטער, וואָס האַקן זיין וואַלד; ער וועט אַרויפקלעטערן אויף דעם אַרויסשטאַרץ, וואו עס איז בּאַפעסטיקט דער שטאַנג, פון וועלכן אַלע יום=טוב פלאַטערט אַרונטער אַ פלאַג. מיט איין זעץ וועט ער צעבּרעכן דעם שטאַנג און וועט אַרונטערפאַלן מיט אים צוזאַמען. ווער וועט דאַן קענען צווייפלען אין אַ אומגליקספאַל? און ער וועט מוזן דערהרגעט ווערן אויפן אָרט צוליבּ דער מוראדיקער הייך און דעם געוויכט פון זיין קערפּער.

ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען פון בּעט, זיך געזעצט צום טיש און גענומען שרייבּן. ער האָט קיין זאַך ניט פאַרגעסן, דעם מינדסטן פּרט פון פאַבּרעכן ניט, בּאַשריבּן אַלע קלייניקייטן פון זיין שווערן לעבּן, די שרעקלעכע יסורים פון זיין נשמה. געענדיקט

האָט ער דערמיט, אַז ער האָט זיך אַליין פאַרמשפּט צום טויט, אַז ער וועט תּיכּף צוטרעטן אויסצופירן די טויטשטראָף איבער דעם שולדיקן און ער בעט זיין פריינט, זיין אַלטן פריינט, ער זאָל זאָרגן נאָר דערפאַר, אַז קיינער זאָל ניט שענדן זיין אָנדענק.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם בריוו, האָט ער באַמערקט, אַז עס איז שוין טאָג. ער האָט אים אַריינגעלייגט אין קאָנווערט, פאַרחתמעט, אָנגעשריבן דעם אַדרעס, מיט לייכטע שריט אַראָפּ אונטן, צוגעלאָפן ביז צו דעם קליינעם ווייסן קאַסטן, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט אויפן ראָג פון דער וואַנט, און אַריינגעוואָרפן דעם בריוו, וואָס האָט געמאַכט ציטערן זיין האַנט, האָט ער גיך זיך געלאָזט צוריק, צוגעשלאָסן די טיר פון אַריינגאַנג, אַרויפגעקלעטערט אויפן טורים אָפּצוואַרטן דאָס אָנקומען פון דעם פּאָסטאַליאָן, וועלכער האָט היינט געדאַרפט אַוועקטראָגן זיין טויט-אורטייל.

ער האָט זיך איצט געפילט רואיק, באַפרייט, געראַטעוועט.

אַ קאַלטער, טרוקענער, אייזיקער ווינט האָט אים געבלאָזן אין פּנים. ער האָט אים דאָרשטיק אַריינגענומען אין זיך מיט אַן אָפענעם מויל, איינזאַפנדיק זיינע אייזקאַלטע צערטלערייען. דער הימל איז געווען רויט, גליענדיק ווינטער-רויט, און דער ווייסער פליין האָט געגלאַנצט מיט געפריר אונטער די שטראַלן פון דער זון, גלייך ווי באַשאָטן מיט צעריבענעם שפּיגלגלאָז. רענאַרדע איז געשטאַנען מיט אַ בלויזן קאָפּ און האָט אַרונטערגעקוקט אין דעם ברייטן רחבות, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים, אויף די לאָנקעס צו דער לינקער זייט און רעכטס אויפן דאָרף, וואו עס האָט שוין אָנגעהויבן אויפצושטייגן אַ פרידלעכער רויך פון די הייזלעך.

צו זיינע פיס, צווישן די פעלזן, וועלכע דאַרפן אים באַלד צעשמעטערן, האָט געפלאָסן די ברינדיל, און ער האָט זיך געפילט ווי נייגעבוירן אין דעם דאָזיקן וואונדערלעכן קאַלטן באַגינען-ליכט, זיך געפילט פול קראַפט און לעבן. ער האָט זיך געבאָדן אין דעם ליכט, דאָס ליכט האָט אים אַדורכגענומען, דורכגעדרונגען ווי אַ האָפענונג. טויזנט זכרונות האָבן פלוצלונג אַ פלייץ געטאָן אויף

אים, זכרונות פון נאָך אַזעלכע שיינע פאַרטאָגן, פון שנעלן וואַנידערן איבער דער האַרטער ערד, וואָס האָט געסקריפּעט אונטער זיינע פיס, פון פריילעכע געיעגן אויפן ברעג פון די סאַזשלקעס, וואו עס שלאָפן די ווילדע ענטלעך. אַלע פריידן, וואָס ער האָט ליב געהאַט, אַלע פריידן, וואָס האָבן גליקלעך געמאַכט זיין לעבן, זיינען אויפגעשטאַנען אין זיין זכרון, האָבן אין אים אָנגעצונדן בייע פאַרלאַנגען, דערוועקט די מעכטיקע אינסטינקטן אין זיין שטאַרקן קרעפטיקן קערפּער.

און ער וויל שטאַרבן? צוליב וואָס? ער וויל זיך טויטן אַזוי נאַריש, דערפאַר ווייל ער האָט מורא פאַר אַ שאָטן, פאַר אַ גאָרנישט. ער איז דאָך רייך און יונג! וואָס פאַר אַן אומזין ער האָט שיר ניט אָפּגעטאָן! ער דאַרף בלויז זיך צעשטרייען אַ ביסל, אַוועקפאָרן ערגעץ־וואו, כדי אַלץ צו פאַרגעסן. אָט האָט ער די נאַכט שוין מערניט געזען דאָס קינד, ווייל זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אפשר וועט ער זי בכלל שוין מער קיינמאָל ניט זען. און ווען זי זאָל אים נאָך אַפילו יאָ טאָן שרעקן אין דעמדאָזיקן הויז, וועט זי דאָך אָבער אים ניט נאָכגיין אין אַן אַנדערן אָרט. די וועלט איז גרויס, די צוקונפט לאַנג. צו וואָס שטאַרבן?

זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די לאָנקעס; אויף דעם שטעג פאַזע דער ברינדיל האָט ער פלוצלונג באַמערקט די בלויע בלוזע פון פּאָסטאַליאָן. דאָס איז געווען מעדעריק, וועלכער האָט געבראַכט די בריוו פון שטאָט און געדאַרפט מיטנעמען צוריק די קאָרעספּאָנדענץ פון דאָרף.

רענאַרדע האָט אַ צאַפּל געטאָן, פאַרקלעמט פון אַ ווייטאָג, און ער האָט זיך געלאָזט אַראָפּ פון די געדרייטע טרעפּ אומצוקערן דעם בריוו, אַרויספאָדערן אים צוריק פון פּאָסטאַליאָן. אים האָט שוין ניט געאַרט, אַז מ׳וועט אים זען, ער איז געלאָפן דורך דעם גראָז, וואָס איז געווען באַדעקט מיט לייכטן פראָסט פון דער נאַכט, און איז אָנגעקומען צום בריווקאַסטן אין דער אייגענער רגע, וואָס דער פּאָסטאַליאָן.

יענער האָט געעפנט דעם קאַסטן און אַרויסגענומען עטלעכע

בריוו, וואָס די דאָרפסלייט האָבן אַהין אַרייַנגעוואָרפן מיט אַ טאָג פריער.

רענאַרדע האָט געזאָגט:

— גוט מאָרגן, מעדעריק.

— גוט יאָר, הער מער.

— הערט, מעדעריק, איך האָב אַרייַנגעוואָרפן אַ בריוו אין קאַסטן, און איך דאַרף אים נאָך האָבן, בעט איך אייַך, איר זאָלט מיר אים אָפּגעבן.

— גוט, הער מער, איר וועט אים באַקומען.

דער בריוטרעגער האָט אויפגעהויבן די אויגן. דערשראָקן און פאַרוואונדערט האָט ער שטאַר געקוקט רענאַרדען אין פּנים אַרייַן: דעם מערס באַקן זייַנען געווען בלוי־רויט, דער בליק צעמישט, די אויגן מיט שוואַרצע רעדער אַרום און עפּעס ווי אַרייַנגעזונקען אין קאָפּ, די האָר צעשויבערט, די באָרד צעפּלאָנטערט, דער שניפּס אויפגעבונדן. מ׳האָט דערקענט, אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן.

דער פּאָסטאַליאָן האָט געפרעגט:

— איר זייט ניט געזונט, הער מער?

יענער אָבער האָט פּלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אויס־זען אויסטערליש, און ער האָט פאַרלוירענערהייט געשטאַמלט:

— ניין... ניין... איך בין נאָרוואָס אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט... צו... צו... פאַרלאַנגען ביי אייַך דעם בריוו... איך האָב געשלאָפן... איר פאַרשטייט דאָך...

אַן אומבאַשטימטער חשד האָט זיך דערוועקט אין קאָפּ פון דעם אַלטן סאָלדאַט.

ער האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ בריוו?

— אָט דער, וואָס איר דאַרפט מיר אָפּגעבן צוריק.

מעדעריק האָט זיך אָנגעהויבן צו קווענקלען. די האַלטונג פון דעם מער איז אים פאָרגעקומען אומנאַטירלעך. אפשר איז אין דעם בריוו באַהאַלטן אַ סוד, אַ פּאָליטישער סעקרעט. ער האָט געוואוסט, אַז רענאַרדע איז ניט געווען קיין רעפּובליקאַנער, און

ער האָט געקענט אַלע אינטריגעס און שפּיצלעך, וואָס די פּאַר־טייען האָבן אָנגעווענדט בײַ די וואַלן.

ער האָט געפרעגט:

— צו וועמען איז אַדרעסירט אָט דער בריוו?

— צו א. מ. פּוטואַן, דעם אויספאָרשונגסריכטער, איר ווייסט דאָך, פּוטואַן איז מײַנער אַ פרײַנד.

דער פּאָסטאַליאָן האָט אַ זוך געטאָן אין די בריוו און האָט געפונען דעם פאַרלאַנגטן. ער האָט אים באַטראַכט, געדרייט אים הין און צוריק, איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן: אָדער באַגיין אַ גרויסן פעלער אַלס באַאַמטער... אָדער קויפן זיך אַ שונא אין דעם מער.

זעענדיק, ווי דער פּאָסטאַליאָן שלאָגט זיך מיט דער דעה, האָט רענאַרדע געמאַכט אַ שנעלן טריט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן בײַ אים דעם בריוו. די דאָזיקע האַסטיקע באַוועגונג האָט באַפעסטיקט מעדעריקן אין דער מיינונג, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ וויכטיקער סוד, און ער האָט בײַ זיך פעסט באַשלאָסן צו טאָן זײַן חוב, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן עס זאָלן פאַר אים דערפון ניט אַרויסקומען.

ער האָט אַרײַנגעוואָרפן דעם בריוו צווישן די אַנדערע אין זעקל, האָט עס פאַרמאַכט און געזאָגט:

— ניין, איך טאָר אים ניט אָפּגעבן, הער מער. ווײַבאַלד דער בריוו איז אַדרעסירט צום געריכט, טאָר איך עס ניט.

אַ אימה האָט צונויפגעדריקט רענאַרדעס האַרץ, ער האָט געשטאַמלט:

— אָבער איר קענט דאָך מיך גוט; איר קענט דאָך אַפילו דערקענען מײַן האַנטשריפט. איך זאָג אײַך, אַז איך מוז האָבן דעם בריוו.

— איך טאָר ניט.

— הערט נאָר, מעדעריק, איר ווייסט, אַז איך בין ניט פעאיק אײַך אָפּצונאַרן, איך זאָג אײַך, אַז כ׳מוז אים האָבן.

— ניין, כ׳טאָר ניט.

אַ ציטער פון צאָרן איז דורכגעגאַנגען אין רענאַרדעס היציקער נשמה.

— אָבער, צום טײוול, געדענקט! איר ווייסט, אַז איך האָב פײנט צו טרייבן שפּאַס און אַז איר קענט ביי מיר גיך פליען פון אָרט, מיין ליבער פריינד, אָן לאַנגע מחזקות. און אויסערדעם בין איך דאָ מער, אויב אײַך איז אַלץ ווייניק, און איך הייס אײַך גלייך מיר אומקערן דעם בריוו.

דער פּאָסטאַליאָן האָט פעסט געענטפערט:

— ניין, איך טאָר עס ניט, הער מער.

דאַן האָט רענאַרדע פאַרלאָרן דעם קאָפּ, אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, אַרויסצורייסן ביי אים דאָס זעקל; נאָר יענער האָט זיך מיט איין דריי ארויסגעמאַכט פון אים און, זיך אָפּגערוקט, האָט ער אויפגעהויבן זיין גראָבן שטעקן. נאָך אַלץ אַזוי רואיק, האָט ער געזאָגט:

— רירט מיך ניט אָן, הער מער, אַניט וועל איך אײַך אַ קלאַפּ טאָן. היט זיך. איך ערפיל מיין פליכט, ערפיל איך.

פילנדיק זיך פאַרלוירן, איז רענאַרדע מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, ווייך און געבעטן זיך ווי אַ וויינענדיק קינד:

— נו גוט, נו גוט, מיין פריינט, קערט מיר אום דעם בריוו, וועל איך אײַך באַלוינען, איך וועל אײַך געבן געלט, איך וועל אײַך געבן הונדערט פראַנק, איר הערט, הונדערט פראַנק.

דער פּאָסטאַליאָן האָט זיך אויסגעדרייט און איז אוועק זיין וועגס.

רענאַרדע איז אים נאָכגעגאַנגען קוים עטעמענדיק, שטאַמלענדיק:

— מעדעריק, מעדעריק, הערט, איך וועל אײַך געבן טויזנט פראַנק, איר הערט, טויזנט פראַנק.

יענער איז געגאַנגען ווייטער, ניט צו ענטפערן אַ וואָרט. רענאַרדע האָט ווייטער גערעדט:

— איך וועל אײַך גליקלעך מאַכן... איר הערט, וואָס נאָר איר ווילט אַליין... פופציק טויזנט פראַנק... פופציק טויזנט פראַנק פאַר דעם בריוו... וואָס אַרט עס אײַך?... איר ווילט ניט?... נו

גוט, הונדערט טויזנט ... איר הערט ... הונדערט טויזנט פראַנק ... איר פאַרשטייט?... הונדערט טויזנט פראַנק... הונדערט טויזנט פראַנק.—

דער פּאָסטאַליאָן האָט זיך אומגעווענדט, דאָס פּנים — האַרט, די אויגן — שטרענג:

— געגוג זאָל זיין, אָדער איך וועל דערציילן דער פּראָקוראַטור אַלץ, וואָס איר האָט מיר דאָ געזאָגט.

רענאַרדע איז געבליבן שטיין. אַלץ איז געווען געענדיקט. ער האָט ניט געהאַט מער קיין האָפענונג. ער האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט לויפן צו זיין הויז צו אַזוי ווי אַ געיאָגטע חיה.

דאָ איז מעדעריק אויך געבליבן שטיין, און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם דאָזיקן לויפן. ער האָט געזען, ווי דער מער איז אַריינגעלאָפן צו זיך. און ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט, גלייך דאָ האָט געזאָלט געשען עפּעס אומגעוויינלעכס.

און ווירקלעך — רענאַרדעס הויכע געשטאַלט האָט זיך באַלד באַוויזן אויפן שפּיץ פון דעם „פוקסן=טורים". ער איז געלאָפן ווי אַ משוגענער איבער דער פּלאַטפאָרם; דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט דעם פאָנעגשטאַנג און האָט אים גענומען טרייסלען מיט רציחה, אָבער ניט געקענט צעברעכן, און דאַן, מיטאַמאָל, ווי אַ שווימער, וואָס וואַרפט זיך מיטן קאָפּ אַרונטער אין וואַסער, האָט ער זיך אַ שליידער געטאָן אין דער פוסטקייט אַריין, די הענט אויסגעשטרעקט פאָרויס.

מעדעריק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו געבן אים הילף. דורכגעגאַנגען דעם פּאַרק, האָט ער דערזען די האָלצהעקערס גייענדיק צו דער אַרבעט. ער האָט זיי אַ רוף געטאָן, שרייענדיק פון דעם אומגליק; און באַלד האָבן זיי געפונען אונטן ביי דער מויער אַ צעבלוטיקטן קערפּער, און זיין קאָפּ איז צעשמעטערט געווען אָן אַ פעלזנשטיין. די ברינדיל האָט אַרומגעשווענקט דעם דאָזיקן שטיין, און אין אירע קלאָרע און רויִקע וואַסערן אַריין, וואָס זיינען ברייטער געפלאָסן אויף דעם אָרט דאָ, האָט גערונען אַ לאַנג ראָזיק שנירל בלוט, אויסגעמישט מיט מאַרך.

.1885

די משוגענע.

— ווייסט איר — האָט מאַטיע ד׳ענדאָלען אָנגעהויבן, — אײערע בעקאָסן־געשיכטן האָבן מיר דערמאָנט זייער אַ טרויע־ריקן עפּיזאָד אויס דער צייט פון דער לעצטער מלחמה.

איר קענט דאָך מיין הויז אין פאָרשטאָט פון קאָרמייל. איך האָב דאָרט געוואוינט, בשעת די פּרייסן זיינען אהין אָנגעקומען.

אין שכנות מיט מיר האָט געוואוינט אַ פרוי, וואָס איז אַראָפּ פון זינען דורך די שלעק פונם בייזן מזל. אמאָל, אַז זי איז אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר, האָט זי אין איין חודש פאַרלאָרן דעם פאָטער, דעם מאַן און דאָס ערשט־געבוירע־נע קינד.

קוים האָט דער טויט אַריינגעקוקט אין אַ הויז, קערט ער זיך באַלד ווידער צוריק, גלייך ווי ער וואָלט בלויז באַדאַרפט צו וויסן דעם אַריינגאַנג.

די אָרימע יונגע פרוי, דערשיטערט פון דעם אומגליק, האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין און איז זעקס וואָכן אָפּ־געלעגן אין אַ היץ־קרענק. ווען די קראַנקהייט איז אַריבער, האָט עפּעס אַ מאָדנע שלאַפקייט באַהערשט די אומגליקלעכע. זי איז געלעגן אָן באַוועגונג, כמעט גאָרנישט געגעסן, נאָר צייטנווייז געבלאָנדזשעט מיט די אויגן. יעדעסמאָל, ווען מ׳פלעגט זי וועלן אויפהייבן, פלעגט זי שרייען, גלייך מען וואָלט זי געקוילעט. האָט מען זי געלאָזט ליגן אין בעט און באַאומרואיקט נאָר דאַן, ווען מ׳האָט זי געדאַרפט איבערטאָן אָדער צורעכט מאַכן דאָס בעט.

צוגעזען האָט איר בלויז אַן אַלטע דינסט, וואָס פלעגט זי־

פון צייט צו צייט צווינגען נעמען עפּעס אין מויל אַריין, אַ ביסל זופּ אָדער אַ שטיקל קאַלט פלייש.

וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער פאַריאושטער נשמה? קיינער האָט עס ניט געוואוסט, דען זי האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. האָט זי געטראַכט פון די געשטאָרבענע? איז זי פאַרזונקען אין טרויעריקע טונקעלע טרוימען? אָדער איר צוגעדריקטער געדאַנק איז געבליבן פאַרגליווערט, אַזוי ווי שטייענדיק וואַסער?

פּופּצן יאָר האָט זי אַזוי אָפּגעלעבט אָן באַוועגונג, שטענדיק שווייגנדיק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. אין די ערשטע טעג פונם חודש דעצעמבער זיינען די פרייסן אַריין אין קאָרמייל.

איך געדענק אַלץ אַזוי דייטלעך, אַזוי ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן פאָרגעקומען. דער פראָסט האָט געברענט, אַזש די שטיינער האָבן געקנאַקט. איך בין געזעסן אין פאָטערשטול, צו וועלכן די פּאָדאַגרע האָט מיך צוגעשמידט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט זייערע שווערע געמאָסטענע טריט. דורכן פענסטער האָב איך געזען, אַז זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיין הויז.

זיי זיינען געגאַנגען אומענדלעכע שורותווייז, איינער ענלעך אויפן צווייטן, מיט די אומגעשיקטע באַוועגונגען פון קאַרטאָנענע פּופּן, באַוועגונגען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די דייטשע סאָלדאַטן.

די אָפיצערן האָבן זיי צעטיילט איבער די הייזער פון די איינוואוינער. אויף מיין חלק איז אויסגעקומען 17 מאַן; מיין שכנה, דער משוגענער, איז אָנגעקומען 12 מאַן, צווישן זיי אַן אָפיציר, וואָס איז געווען האַרט, ברוטאַל, פּעאיק אויף די גרעסטע רציחות.

די ערשטע טעג זיינען אַריבער פולשטענדיק רואיק. מען האָט געזאָגט דעם אָפיציר, אַז די הויזווירטין איז קראַנק, און ער האָט וועגן איר ניט געטראַכט. אָבער באַלד האָט די דאָזיקע פרוי, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט באַוויזן, אָנגעהויבן בייז מאַכן דעם אָפיציר. ער האָט געפרעגט וועגן איר קראַנקהייט. מען האָט אים

דערציילט, אַז די אומגליקלעכע ליגט שוין 15 יאָר צו בעט, מחמת אַ שרעקלעכן צופאַל, וואָס האָט זי געטראָפן. דער אָפּיציר האָט, ווייזט אויס, ניט געגלויבט. אים איז אײַנגעפאַלן, אַז די קראַנקע מאַכט זיך, אַז זי גייט ניט אַראָפּ פון בעט אויס גדלות, ווייל זי וויל ניט אָנקוקן די פּרייסן, ריידן, טרעפן זיך מיט זיי.

ער האָט געפאָדערט, זי זאָל אים אויפנעמען. מען האָט אים אַרײַנגעפירט צו איר אין צימער אַרײַן, און ער האָט גראָב געזאָגט אויף אַ געבראָכענעם פראַנצויזיש:

— איך וויל אײַך בעטן, מאַדאַם, איר זאָלט אויפשטיין פון בעט און כאָטש איינמאָל זיך ווייזן פאַר אונז.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע בלאָנדזשענדיקע, אומזיניקע אויגן און האָט ניט געענטפערט.

דאַן האָט דער אָפּיציר ערקלערט:

— איך וועל ניט דערלאָזן אַזאַ חוצפּהדיקע גאווה; אויב איר וועט ניט אויפשטיין מיט גוטן, וועל איך אײַך מיט גוואַלד קאָנען צווינגען דורכצושפּאַצירן זיך.

זי האָט זיך קיין ריר ניט געגעבן, געבליבן אומבאַוועגלעך, גלייך זי וואָלט אים גאָרניט באַמערקט.

דאָ איז ער שרעקלעך בייז געוואָרן, האָט געמיינט, אַז איר רואיק שווייגן איז אַן אויסדרוק פון דער גרעסטער פאַראַכטונג, און ער האָט אויסגעשריען:

— אויב איר וועט מאָרגן ניט אַראָפּגיין צו אונז...

און ער איז אַרויס פון צימער.

אויף מאָרגן האָט די אַלטע דינסט אויס שרעק געוואָלט אָנטאָן די קראַנקע, נאָר יענע האָט געמאַכט קולות און זיך ניט געלאָזט. עס איז אַרײַנגעלאָפן דער אָפּיציר. די דינסט איז מיט אַ געוויין געפאַלן פאַר אים אויף די קני.

— זי וויל ניט, הער אָפּיציר, זי וויל ניט. זייט איר מוחל; זי איז אַזוי אומגליקלעך.

דער אָפּיציר איז געוואָרן צעמישט. ניט קוקנדיק אויף זיין גרימצאָרן, האָט ער דאָך ניט געוואַגט אָנצווענדן דאָ זיינע סאָל=

דאַטן. פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט עפּעס באַפוילן אויף דייטש.

באַלד האָבן די אײנוואוינער דערזען, ווי פון הויז זײנען אַרויס עטלעכע סאָלדאַטן. זיי האָבן געטראָגן דעם מאַטראַץ מיט דער קראַנקער, אַזוי ווי אַ טראָגבעטל מיט אַ פּאַרוואונדעטן. היות מ׳האָט זיך צו דער קראַנקער ניט צוגערירט, איז זי זיך געלעגן אַ שווייגעדיקע, אַ רואיקע, אַ גלייכגילטיקע צו אַלץ. הינטער דער פּראָצעסיע איז נאָכגעגאַנגען אַ סאָלדאַט און געטראָגן אַ פּעקל פרויען-קליידער.

דער אָפיציר האָט געזאָגט, רייבנדיק די הענט:

— איצט וועלן מיר זען, צי איר וועט זיך ניט קענען אָנטאָן אַליין, כדי אַ ביסל זיך דורכצושפּאַצירן.

די פּראָצעסיע האָט זיך דערווייטערט אין דער ריכטונג צו דעם אימאָוויליער וואַלד צו.

אין צוויי שעה אַרום האָבן די סאָלדאַטן זיך צוריקגעקערט אַליין.

די משוגענע האָט מער קיינער ניט געזען... וואָס האָבן זיי מיט איר געטאָן? וואוהין האָבן זיי זי אַוועקגעטראָגן? — קיינער האָט עס ניט געוואוסט.

דער שניי איז געפאַלן טאָג און נאַכט, איינהילנדיק פעלד און וואַלד אין ווייכע, קאַלטע תכריכים. די וועלף פלעגן מיט אַ געהייל צוקומען ביז צו די טירן פון די הייזער.

דער געדאַנק וועגן דער פאַרלוירענער פרוי האָט מיך ניט געלאָזט רוען. איך האָב עטלעכע מאָל געפּרובט דערגיין עפּעס וועגן איר ביי די פּרייסן. מ׳האָט מיך שיר ניט געהאַט דערשאָסן פאַר מיין איינגעגעסנקייט.

ס׳איז אָנגעקומען דער פרילינג. די אָקופּאַציאָנעלע אַרמיי איז אַוועק. דער שכנהס הויז איז געבליבן פאַרהאַקט, די אַלעען פון איר גאָרטן זיינען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדע גראָזן.

די אַלטע דינסט איז געשטאָרבן נאָך ווינטער. קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט מער מיט דער דאָזיקער געשיכטע. נאָר איך איינער האָב שטענדיק געטראַכט דערפון.

וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דער דאָזיקער פרוי? אפשר איז זי אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין? אפשר האָט מען זי ערגעץ געפונען און מ׳האַלט זי אין אַ שפּיטאָל, ניט ווִיסנדיק, ווער זי איז? איך האָב אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען קיין ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן מיך געפּייניקט. אָבער די צייט איז געגאַנגען און ביסלעכווייז האָט מיין אומרואיקייט אָנגעהויבן זיך אײַנצושטילן.

אין האַרבסט זיינען די בעקאַסן דורכגעפלויגן מאַסנווייז. זיך באַנוצט דערמיט, וואָס די פּאָדאַגרע האָט מיך אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט, האָב איך מיך ווי עס איז דערשלעפּט ביז צום וואַלד און האָב שוין געהאַט דערשאָסן אַ 5—6 פון די דאָזיקע לאַנגנעזעדיקע פייגל, נאָר איינער פון זיי איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ גראָבן אַריין, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט צעטריקנטע צווייגן. איך האָב געמוזט אַרונטערלאָזן זיך אין גראָבן נאָך מיין רויב. איך האָב געפונען דעם פויגל לעבן אַ מענטשלעכן שאַרבן. פּלוצלונג האָט מיך עפּעס אַ שטויס געטאָן: איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער משוגענער. אין יענעם פינסטערן יאָר זיינען ניט ווייניק מענטשן אומגעקומען אין דעם דאָזיקן וואַלד. נאָר כ׳ווייס ניט פאַרוואָס—עפּעס בין איך געווען זיכער, אַז איך זע פאַר זיך דעם שאַרבן פון דער אומגליקלעכער משוגענער.

און גלייך האָב איך פאַרשטאַנען אַלץ, קלאָר זיך פאָרגעשטעלט דאָס גאַנצע בילד. זיי האָבן זי איבערגעלאָזט אַליין אויפן מאַטראַץ אינם וויסטן וואַלד אויפן פראָסט. טריי איר שגעון, איז זי געבליבן אומבאַוועגלעך, האָט געלאָזט, דער געדיכטער ווייכער שניי זאָל זי פאַרשיטן, ניט אַ ריר צו געבן מיט אַ האַנט אָדער מיט אַ פוס.

דערנאָך האָבן די וועלף פאַרצוקט איר קערפּער, און זומער האָבן די פייגל צעשלעפּט דעם מאַטראַץ אויף זייערע נעסטן.

איך האָב געקוקט אויף די טרויעריקע ביינער און האָב געבעטן גאָט, אַז אונזערע קינדער זאָלן קיינמאָל ניט דאַרפן פאַרזוכן דעם טעם פון אַ מלחמה.

דער פעטער מילאָן.

שוין צייט אַ חודש, ווי די העלע זון וואַרפט אויף די פעלדער איר ברענענדיקן פלאַם. דאָס שטראַלנדיקע לעבן בליט אויף אונטער דעם דאָזיקן מבול פייער; די ערד איז גרין, וואו עס גרייכט נאָר דער בליק. ביז די ראַנדן פון האָריזאָנט איז דער הימל בלוי. די נאָרמאַנדישע פערמעס, צעזייטע איבער דעם פליין, זעען אויס פונדערווייטן ווי קליינע וועלדלעך, וואָס שליסן איין אין זייער גאַרטל שלאַנקע בוקנביימער. אין דער נאָענט אָבער, ווען דער גרינער באַריער עפנט זיך אויף, קען מען מיינען, אַז מ׳געפינט זיך אין אַ ריזעדיקן סאָד, ווייל די זעלטנסטע עפלביימער, קנאָכנדיקע אַזוי ווי די פויערים, האַלטן אין רעכטן בליען. די אַלטע שוואַרצע שטאַמען זייערע, קרומע־אויסגעדרייטע, פאַרגלאַנצטע שורותווייז אין הויף, הייבן שטאָלץ צום הימל זייערע גלאַנציקע קרוינען, די ווייסע און ראָזע. דער זיסער דופט פון זייער אויפבלי מישט זיך אויס מיטן פעטן ריח פון די אָפענע שטאַלן און מיט דעם דאַמף פון יירנדיקן מיסט, וואו הינער גראַבלען זיך.

ס׳איז האַלבער טאָג. די פאַמיליע עסט מיטאָג אין שאָטן פון אַ באַרנבוים, וואָס איז פאַרפלאַנצט פאַר דער טיר: דער פאָטער, די מוטער, פיר קינדער, די צוויי דינסטן און די דריי פאַראַבקעס. מ׳רעדט כמעט ניט. מ׳עסט די זופ, דערנאָך דערלאַנגט מען די שיסל מיט געדעמפט פלייש פול מיט קאַרטאָפל, געפּרעגלט אין חזירפעטס.

פון צייט צו צייט שטייט אויף אַ דינסט און גייט אין קעלער אָנצופילן דעם קרוג מיט וויין.

דער באַלעבאָס, אַ גרויסער קערל פון אַ יאָר פערציק, באַטראַכט אַנטקעגן זיין הויז אַ נאַקעטן ווייַנשטאָק, וואָס האָט מיט זיינע צווייגן ווי מיט שלאַנגען זיך פאַרפלאָכטן אַרום די לאָדן לענגאויס דער גאַנצער וואַנט.

ענדלעך זאָגט ער:

— דעם פעטערס וויינשטאָק וועט זיך הייער פרי פונאַנ־דערלאָזן. ס׳וועט זיין אַ גערעטעניש.

די ווייב קערט זיך אָפּ און קוקט אויך, אָבער זי זאָגט ניט קיין וואָרט.

דער דאָזיקער וויינשטאָק איז פאַרפלאַנצט געוואָרן פונקט אויף דעם אָרט, וואו דער פעטער איז דערשאָסן געוואָרן.

* * *

דאָס האָט פאַסירט אין דער מלחמה פון יאָר 1870. די פרייסן האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד. גענעראַל פעדערב מיט זיין צפון־אַרמיי איז געווען הויפּט־קאָמאַנדיר.

דער הויפּט־שטאַב פון דער פרייסישער אַרמיי האָט זיך איינ־געקוואַרטירט אויף דער דאָזיקער פערמע. דער אייגנטימער פון דער פערמע, אַן אַלטער פויער, „דער פעטער מילאָן" פיער האָט אויפ־גענומען די פרייסן און זיי איינגעאָרדנט ביי זיך ווי ווייט מעג־לעך באַקוועם.

שוין אַ גאַנצן מאָנאַט האָט דער פרייסישער אַוואַנגאַרד פאַר־בראַכט אין דעם דאָרף אין אָבסערוואַציע. די פראַנצויזן האָבן זיך געפונען צען ליע ווייט פון זיי; און דאָך פלעגן אַלע נאַכט פאַרשווינדן אולאַנער.

איינצלנע פלאַנקערן, וואָס מ׳פלעגט שיקן אויף אויסשפּירן די געגנט, פלעגן זאַלבעצוואַנד אָדער זאַלבעדריט אַוועקרייטן, כדי מער קיינמאָל נישט צוריקצוקומען.

אינדערפרי פלעגט מען זיי געפינען טויט אין פעלד, לעבן אַ פערמע אָדער אין אַ גראָבן. זייערע פערד האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וועגן, דערשטאָכן פון אַ שווערד.

די דאָזיקע מאָרדן, זיינען, ווייזט אויס, באַגאַנגען געוואָרן פון איינע און דיזעלבע מענטשן. אָבער מ׳האָט ניט געקענט פאַלן אויף זייער שפּור.

אויף דער גאַנצער געגנט איז אַן אימה געפאַלן. פויערים האָט מען דערשאָסן צוליב דער מינדסטער מסירה, פרויען האָט

מען אַײַנגעזעצט אין געפענגעניש, קינדער האָט מען געפּײַניקט, כּדי עפּעס צו דערגיין בײַ זיי. מ׳האָט קיין זאַך ניט אַנטדעקט.

נאָר אײנמאָל אין אַ פֿרימאָרגן האָט מען דערזען דעם „פּעטער מילאָן" אויסגעצויגן אויף דער ערד לעבן זײַן פֿערדשטאַל, אַ טיפֿער שניט, פֿונוואַנען ס׳האָט בלוט גערונען, האָט זיך געצויגן אים איבערן גאַנצן פּנים.

דרײַ קילאָמעטער ווײַט פֿון דאָרף האָט מען געפֿונען צוויי טויטע אולאַנער. איינער פֿון זיי האָט נאָך געהאַלטן די ביקס אין דער פֿאַרבלוטיקטער האַנט. ער האָט זיך, ווײַזט אויס געוועהרט, פֿאַרטיידיקט.

באַלד דערויף איז פֿאָרגעקומען דאָס קריגסגעריכט אונטערן אָפֿענעם הימל, לעבן דער פֿערמע. מ׳האָט געבראַכט דעם אַלטן.

דאָס איז געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָר אַכט און זעכציק, קליין געוואַקסן, דאַר, אײַנגעבויגן, מיט גרויסע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די קלעם-פֿיס בײַ אַ קראַב. זײַנע מאַטע האָר, שיטערע און ווײַסע אַזוי ווי די פֿעדערן בײַ אַן ענטעלע, האָבן געלאָזט הויל דעם גאַנצן שאַרבן. אויפֿן ברוינעם צעקנייטשטן האַלז האָבן זיך געזען דיקע אָדערן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז די שלייפֿן; ער האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט פֿאַר אַ קמצן, אײַנגעשפּאַרט און שווער אויף דער צונג.

מ׳האָט דעם אַלטן אַוועקגעשטעלט צווישן פֿיר סאָלדאַטן פֿאַר אַ קיך-טיש, וועלכן מ׳האָט אַרויסגעטראָגן אין דרויסן. בײַם טיש זײַנען געזעסן אַ פּאָלקאָווניק און עטלעכע אָפֿיצירן.

דער פּאָלקאָווניק האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופֿן אויף פֿראַנצויזיש:

— פּעטער מילאָן! זינט מיר זײַנען געקומען אַהער, האָבן מיר זיך ניט געקאָנט גענוג אָפּלויבן פֿון אײַך. איר זײַט אַלע מאָל געווען אַזוי פֿרײַנדלעך און אַזוי אויפֿמערקזאַם צו אונז. איצט אָבער לויערט אויף אײַך אַ שווערע באַשולדיקונג. מיר מוזן דערגיין דעם אמת, מעג זײַן וואָס עס וויל! ווי אַזוי האָט איר באַקומען די וואונד, וואָס איר טראָגט אויפֿן פּנים?

דער פּויער האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

דער פּאָלקאָווניק האָט ווייטער גערעדט:

— אייער שווייגן מסרט אייך. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן, איר הערט? איר ווייסט, ווער עס האָט גע־הרגעט די צוויי אולאַנער, וואָס מ'האָט געפונען היינט אינדערפרי?

דער אַלטער האָט דייטלעך שאַרף אַרויסגערעדט:

— איך.

דער איבערראַשטער פּאָלקאָווניק איז אַ רגע געבליבן שטיל און האָט פעסט אָנגעקוקט דעם געפאַנגענעם.

פּעטער מילאָן איז אַלץ אַזוי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט זיין פּנים פון אַ פאַרגרעבטן פּויער, די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, גלייך ער וואָלט זיך מתוודה זיין פאַרן גלח. נאָר איין זאַך האָט אַרויסגעגעבן זיין אינערלעכע אויפרעגונג — דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ קענטיקער אָנשטרענגונג געשלונגען די שליים, גלייך אים האָט עפּעס געשטיקט אין האַלז.

דעם פּעטער מילאָנס פאַמיליע, זיין זון זשאַן, די שנור און צוויי קליינע אייניקלעך זיינען געשטאַנען צען טריט ווייט הינטער אים, דערשראָקענע, צעטומלטע.

דער פּאָלקאָווניק האָט ווידער אָנגעהויבן:

— ווייסט איר אויך, ווער עס האָט געהרגעט אַלע פלאַנקערן אונזערע, וועלכע מען פלעגט אַלץ געפינען טויטע שוין זינט אַ חודש צייט!

דער אַלטער האָט געענטפערט אַלץ מיט דער אייגענער ליידנשאַפטסלאָזיקייט פון אַ חיה:

— איך.

— איר האָט זיי אַלע געהרגעט?

— יאָ, איך.

— איר אַליין?

— איך אַליין.

— דערציילט־זשע, ווי אַזוי.

דער אַלטער איז געבליבן אין פאַרלעגנהייט. די נויטווענ־דיקייט צו ריידן האָט אים שוין לאַנג געדריקט. ער האָט אַרויס־געשטאַמלט:

— ווי אַזוי איך האָב עס געטאָן? אָט ווי עס פלעגט זיך מאַכן.

דער פּאָלקאָווניק האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט:

— איך בין אײַך מתרה, אַז דאָ דאַרף מען זאָגן נאָר דעם ריינעם אמת. איר וועט בעסער מאַכן, אַז איר וועט אונז גלייך אַלץ אויסזאָגן. ווי אַזוי האָט איר עס אָנגעהויבן?

פּעטער מילאָן האָט געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק אויף דער פאַמיליע, וואָס איז געשפּאַנטערהייט געשטאַנען הינטער אים. אַ ווײַלע האָט ער זיך געקווענקלט, אָבער באַלד האָט ער זיך אַנטשלאָסן:

— אויף מאָרגן נאָך. אײַער אָנקומען אַהער האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים אַ זייגער צען אין אָוונט. איר און די זעלנער אײַערע האָבן בײַ מיר צוגענומען פאַר 50 עקי פוראַזש, אַ קו און צוויי באַראַנעס. דאָ האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: „אויב זיי וועלן מיר אַלע ווײַלע אָנפייפן אויף צוואַנציק עקי, וועל איך זיך מיט זיי אָפּרעכענען". אויסערדעם האָב איך נאָך געטראָגן אַן אַנ־דער פאַרדראָס אויף אײַך, איך וועל אײַך אָבער דערפון ניט דער־ציילן.

איינמאָל האָב איך דערזען, ווי איינער פון אײַערע זעלנער האָט געדרויכערט אַ ליולקע הינטער מיין שייער. ניט לאַנג געטראַכט, האָב איך אַראָפּגענומען פון טשוואָק מיין קאָסע און זיך אַזוי שטיל אונטערגעגנבעט צו אים, אַז ער האָט ניט געהערט, האָב איך מיט איין מאַך אַראָפּגענומען אים דעם קאָפּ, איר פאַרשטייט, מיט איין מאַך, ער האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן. איר קאָנט אים אַ זוך טאָן דאָרט אין די זומפּן; איר וועט אים געפינען אין אַ קוילנזאַק, צו וועלכן כ'האָב אַ שטיין צוגעבונדן.

כ'האָב געהאַט מיין אידעע. אויסגעטאָן אים, האָב איך בײַ אים צוגענומען אַלע זאַכן זיינע, פון די שטיוול ביזן היטל, און האָב עס אַלץ באַהאַלטן אין דעם ברען־אויוון וואָס אין וואַלד, הינטערן הויף.

דאָ איז דער אַלטער אַנטשוויגן געוואָרן. די פאַרוואונדערטע

אָפּיצירן האָבן זיך איבערגעקוקט. דער פאַרהער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן און אָט וואָס זיי זיינען געוואָר געוואָרן:

* * *

נאָך דעם ערשטן מאָרד, האָט פּעטער מילאָנען באַהערשט נאָר איין געדאַנק: „טויטן די פּרייסן!” ער האָט זיי געהאַסט אַזוי ווי נאָר אַ קאַרגער פּויער קאָן האַסן די־יעניקע, וואָס האָבן זיין פאַרמעגן באַרויבט, צוגלייך אָבער אויך ווי אַ פּאַטריאָט. ער האָט געהאַסט זיין אידעע — אַזוי האָט ער ערקלערט. — ער האָט אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג.

ער האָט געהאַט פולע פרייהייט צו טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, מ׳האָט אים ערלויבט גיין אומעטום, וואוהין ס׳איז אים נאָר אַיינגעפאַלן — אַזוי באַשיידן, הכנעהדיק און העפלעך איז ער געווען צו די זיגער. אַלע פאַרנאַכט האָט ער געזען, ווי אַזוי מ׳שיקט אַרויס די אויסשפּירער, ביז ער האָט איינמאָל ביינאַכט דערהערט דעם נאָמען פון דאָרף, וואוהין די סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען. און אַזוי ווי ער האָט פאַר דער צייט, וואָס ער האָט געוואוינט אינאיינעם מיט זיי, זיך אויסגעלערנט עטלעכע דייטשע ווערטער, איז ער געוואָר געוואָרן אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

ער איז אַרויס פון הויף, בשלום אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, פאַרקליבן זיך אינם ברען־אויוון, וואו ער האָט געפונען די זאַכן פון דעם דערהרגעטן סאָלדאַט, און זיך איבערגעטאָן.

אַרויס פונם אויוון, האָט ער אָנגעהויבן זיך אַרומבלאָנקען איבער וואַלד און פעלד, דאָ געפּויזעט, דאָ באַהאַלטן זיך אין די קוסטעס, זיך צוהערנדיק צום מינדסטן גערויש, און אומרואיק זיך אומקוקנדיק אויף אַלע זייטן אַזוי ווי אַ גנב.

ווען ער האָט אַיינגעפונען, אַז עס איז שוין צייט, האָט ער זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס וואָס ביים וועג. ער האָט געוואַרט. ענדלעך, אַרום האַלבע נאַכט, האָט אַ טופּען פון פערד־קאָפּיטעס הילכיק זיך איבערגעטראָגן איבערן וועג. ער האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד, כדי זיך איבערצייגן, צי עס פאָרט נאָר איין רייטער. דאַן האָט ער זיך געמאַכט גרייט.

דער אולאַנער האָט זיך דערנעענטערט מיט אַ שנעלן טראָט ער האָט געפירט דעפּעשן און איז געריטן מיט אויפגעשפּיצטע אויגן און אויערן. איידער ער איז נאָך צוגעקומען אויף אַ צען טריט צו אים, האָט דער פעטער מילאָן זיך אַ וואָרף געטאָן איבערן וועג און האָט אָנגעהויבן צו קרעכצן:

— הילפע! הילפע!"

דער אולאַנער איז שטיין געבליבן, און דערזען, אַז דאָס ליגט אַ דייטש, איז ער אַראָפּ פון פערד און איז צו צו אים, גאָרנישט חושד זייענדיק. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן אומבאַקאַנטן, האָט יענער אים אַריינגעשטאָכן דעם קרומען קלינג פון שווערד אין בויך אַריין. ווי אַן אונטערגעשניטענע זאַנג איז ער געפאַלן אויף דער ערד און איז געשטאָרבן אָן גסיסה, נאָר דער קערפער זיינער האָט עטלעכע מאָל קאָנוואולסיוו אַ צאַפּל געטאָן.

דאָ האָט דער אַלטער נאָרמאַנדער, זייער צופרידן מיט זיין ערפאָלג, אויפגעהויבן זיך פון דער ערד, און אום אָנצוטאָן זיך דעם גאַנצן תענוג, האָט ער אַראָפּגעהאַקט ביים מת דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער אים צוגעשלעפּט ביז צום גראָבן, און אים אַריינגעוואָרפן אַהין.

דאָס פערד האָט דערווייל רואיק געוואַרט אויפן רייטער. דער פעטער מילאָן איז אַריינגעשפּרונגען אין זאָטל און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן פעלד.

אין אַ שעה אַרום האָט ער דערזען נאָך צוויי אולאַנער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט צו זיך אין לאַגער אַריין. דער פעטער מילאָן האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלייך אויף זיי און ווידער גענומען שרייען: „הילפע! הילפע!" די פּרייסן האָבן אים געלאָזט צורייטן נעענטער, דען נאָך זיינע קליידער האָבן זיי אים אָנגענומען פאַר אַ זייעריקן. אָבער דער אַלטער האָט ווי אַ באָמבע אַוועקגעלייגט זיי ביידן אויפן אָרט, איינעם מיט אַ זעץ פונם שווערד, דעם אַנדערן מיט אַ שאָס פון רעוואָלווער. דערנאָך האָט ער געהרגעט די פערד, די דייטשע פערד! דאַן האָט ער זיך שטיל אומגעקערט צום ברען=אויוון, אין דער טיפעניש פון דער

פינסטערער גאַלעריע, וואו ער האָט באַהאַלטן דאָס פערד. דאָרט האָט ער אויסגעטאָן די זעלנערישע אוניפאָרם, האָט אָנגעטאָן זיינע פויערשע קליידער און, פאַרקליבן זיך צו זיך אין בעט אַריין, האָט ער אָפּגעשלאָפן ביז אינדערפרי.

פיר טעג צייט איז ער אין ערגעץ ניט אַרויסגעגאַנגען, געוואַרט ביז די אויספאָרשונג וועט אויפהערן, אָבער אויפן פינפטן טאָג איז ער ווידער אַרויס, און געהרגעט נאָך צוויי סאָלדאַטן דורך דעם אייגענעם שפיצל. פון יענעם טאָג אָן האָט ער געאַרבעט אָן אויפהער.

אַלע נאַכט פלעגט ער אַרויסגיין פון שטוב, האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער סביבה און געהרגעט פרייסישע סאָלדאַטן באַלד דאָ, באַלד דאָרט. פאַרטיק געוואָרן דערמיט און איבערגעלאָזט אויפן וועג עטלעכע טויטע קערפּערס, פלעגט דער אַלטער רייטער זיך צוריקקערן אין זיין אויוון, וואו ער פלעגט באַהאַלטן דעם מונדיר און דאָס פערד.

אַרום האַלבן טאָג פלעגט ער גאַנץ רואיק אַוועקטראָגן וואַסער און האָבער פאַרן פערד, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין קעלער, וואו ער האָט אים געפיטערט אויפן שענסטן אופן, דערפאַר אָבער פאַרלאַנגט פון אים טאָפּעלטע אַרבעט ביינאַכט.

נאָר דאָס לעצטע מאָל האָט איינער פון די באַפאַלענע סאָלדאַטן זיך ניט פאַרלוירן און מיט אַ זעץ מיטן שווערד האָט ער צעשפּאָלטן דעם אַלטן פויער דאָס פּנים.

פונדעסטוועגן האָט ער זיי ביידן געפטרט, זיך אומגעקערט צום אויוון, באַהאַלטן דאָס פערד און זיך איבערגעטאָן אין זיינע פויערישע קליידער, אָבער גייענדיק אַהיים, האָט ער דערפילט אַזאַ שוואַכקייט, אַז ער האָט זיך קוים דערשלעפּט ביזן פערדשטאַל.

דאָרט האָט מען אים געפונען אויף שטרוי, אָפּגייענדיק מיט בלוט.

* *
*

געענדיקט זיין דערציילונג, האָט פעטער מילאָן פלוצלונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט שטאָלץ אַ קוק געגעבן אויף די פרייסישע אָפיצירן.

דער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו צופּן די וואָנסע, האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— מער האָט איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

— ניין, גאָרנישט. מיין חשבון איז אַ ריכטיקער: איך האָב געהרגעט 16 מאַן, ניט מער און ניט ווינציקער.

— איר ווייסט, אַז אייך קומט מיתה.

— איך האָב, דאַכט זיך, אום באַגנעדיקונג ניט געבעטן.

— איר זייט ווען עס איז געווען אַ סאָלדאַט?

— יאָ, און אַפילו זיך באַטייליקט אין מלחמה. איר האָט געהרגעט מיין פאָטער, וואָס האָט געדינט אין מיליטער פאַרן ערשטן קייזער; און דאָ ניט לאַנג האָט איר געהרגעט אונטערעווע מיין ייִנגערן זון פראַנסואַ. איך האָב זיך נוקם געווען, און איצט זיינען מיר קוויט.

די אָפיצירן האָבן זיך איבערגעקוקט.

דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט:

— אַכט מאַן פאַר מיין פאָטער, אַכט מאַן פאַר מיין זון, און מיר זיינען קוויט. איך האָב ניט געזוכט קיין קריג מיט אייך... איך האָב אייך ניט געקאָנט! איך ווייס אַפילו ניט, פון וואַנען איר זייט. איר זייט אַליין צו מיר געקומען, פאַרנומען מיין הויז, און באַלעבאַטעוועט אין אים ווי ביי זיך אין דער היים. נו, האָב איך מיך נוקם געווען, ניט אין אייך, נאָר אין אַנדערע. מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן.

און אויסגעגלייכט זיין אויסגעקרימטן רוקן, האָט ער פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און שטיין געבליבן אין דער פּאָזע פון אַ באַשיידענעם העלד.

די פּרייסן האָבן זיך לאַנג געישובט שטילערהייט. איינער פון די אָפיצירן, וואָס האָט אויך פאַרלוירן ניט לאַנג אַ זון אין דער מלחמה, האָט פאַרטיידיקט דעם אַלטן.

ענדלעך איז דער פּאָלקאָווניק אויפגעשטאַנען און, צוגעגאַנגען צום פעטער מילאָן, האָט ער אים שטיל געזאָגט:

— הערט, פעטער, ס'איז דאָ בלויז איין מיטל צו ראַטעווען אייער לעבן, דאָס איז...

אָבער דער אַלטער האָט אים ניט געהערט; ער האָט איינגע־שפּיזט זיין צאָרנדיקן בליק אין דעם זייגער, און בשעת ווען דער ווינט האָט געשפּילט מיט די שיטערע לאָקן אויף זיין שטערן, האָט ער געמאַכט אַ שרעקלעכע גרימאַסע, וואָס האָט צעקרימט דאָס גאַנצע מאָגערע געזיכט זיינס מיטן שניט אין מיטן, און טיף אָפּטעמענדיק מיט דער פולער ברוסט, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח אַ שפּיי געגעבן דעם פּריס גלייך אין פּנים אַריין.

דער צעטומלטער פּאָלקאָווניק האָט אויפגעהויבן די האַנט, נאָר דער אַלטער האָט אים ווידער אַמאָל אַ שפּיי געגעבן אין פּנים אַריין.

אַלע אָפיצירן זיינען אויפגעשפּרונגען, און האָבן אַרויסגע־שריען די באַפעלן תּיכּף-ומיד.

אין אַ מינוט אַרום, האָט מען דעם אַלטן, וואָס איז געווען נאָך אַלץ אַזוי רויִק, צוגעפירט צו אַ וואַנט און דערשאָסן, בשעת ווען ער האָט געשיקט שמייכלען צו זשאַנען, זיין עלטסטן זון, צו זיין שנור, און צו די צוויי קליינע אייניקלעך, וואָס האָבן געקוקט צעמישטערהייט.

צווײ פרײנד.

בי דע מאָפאסאן—געקליבענע גאָוועלן (7).

פּאַריז איז געווען באַלעגערט און איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. די שפּערלען זיינען געוואָרן זייער זעלטן אויף די דעכער, און די רינשטאָקן — ליידיק. מ'האָט געגעסן, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט.

אין אַ לויטערן יאַנואַר־פרימאָרגן האָט הער מאָריסאָ, אַ זייגער מייסטער פון פאַך און אַ קריגסמאַן על־פּי נויט, אומעטיק שפּאַצירט איבער אייגעם פון די בולוואַרן אונטערן שטאָט, די הענט פאַרשטעקט אין די קעשענעס פון זיינע מיליטערישע הויזן. פּלוצלונג האָט ער דערזען פאַר זיך אַ חבר, אין וועלכן ער האָט דערקענט זיין אַלטן פריינד מאָסיע סאָוואַזש, וואָס ער האָט זיך מיט אים באַפריינדט ביים פיש־כאַפּן.

פאַר דער מלחמה פלעגט מאָריסאָ אַלע זונטאָג פאַר־טאָג מיט אַ באַמבוקשטעקל אין האַנט און אַ בלעכענער שאַכטל אויפן רוקן זיך אויפזעצן אויף דער אייזנבאַן קיין אַרזשאַנטייל, דערפאָרן ביז קאָלאָמב און פון דאָרט צופוס זיך לאָזן צו דעם אינזל מאַראַנט. ווי נאָר אָנגעקומען אויף דעמדאָזיקן אָרט פון זיינע טרוימען, פלעגט ער פאַרוואַרפן דעם אַנגל און אַזוי פישן ביז נאַכט.

אַלע זונטאָג האָט ער דאָרט באַגעגנט אַ צווייטן פאַנאַטיקער פון פיש־כאַפּן, מאָסיע סאָוואַזש, אַ דיקער מאַן פון נידעריקער וואוקס, אָבער זייער אַ פריילעכער, אַ קליינער קרעמער פון דער גאַס נאָטר־דאַם־דעלאַרעט. אָפטמאָל האָבן זיי צוזאַמען פאַרבראַכט גאַנצע טעג, זיצנדיק איינער לעבן דעם אַנדערן מיט די אַנגלען אין די הענט און די פיס אַראָפּגעהאַנגען איבערן וואַסער; אַזוי זיינען זיי געוואָרן גוטע פריינד צווישן זיך.

מאַנכע טעג פלעגן זיי כמעט ניט ריידן צווישן זיך; אַן אַנדערש מאָל פלעגן זיי יאָ זיך שמועסן. אָבער אַפילו אָן ווערטער

האָבן זיי אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע, ווייל זיי האָבן געהאַט אַלצאיין גוסט און ענלעכע איבערלעבונגען.

פרילינגסצייט, אַ זייגער צען אינדערפרי, ווען די פֿאַריונגטע זון פלעגט איבערן פליסיקן טייך אויפהייבן דעם לייכטן נעפּל, וואָס ווערט ווי אַוועקגעטראָגן מיטן שטראָם, און ליבלעך פרילינג־דיק צובאַקן די רוקנס פון די פֿאַרבּרענטע פישער, פלעגט מאָריסאָ זיך אָפּרופן צו זיין שכן:

— ס'אַר אַ מחיה!

סאָוואַזש פלעגט ענטפערן:

— איך ווייס ניט, וואָס איז בעסער דערפון.

און דאָס איז געווען גענוג, צו פֿאַרשטיין און צו שעצן איינס דאָס אַנדערע.

אין די האַרבסט־פֿאַרנאַכטן, ווען דער הימל, פֿאַרבלוטיקט פון דער פֿאַרגייענדיקער זון, האָט אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער די פורפורנע וואָלקנס, פֿאַרפלייצט מיט פייער דעם גאַנצן טייך, גע־צונדן דעם האָריזאָנט און באַלויכטן מיט אַ רויטן שיין די ביידע פריינד, באַגילדנדיק דערביי די ביימער, וואָס דער ראָסט פון האַרבסט האָט זיי שוין אָנגערירט, פלעגט סאָוואַזש, קוקנדיק מיט אַ שמייכל אויף מאָריסאָען, זאָגן:

— וואָס פאַר אַ בילד!

און דער אַנטציקטער מאָריסאָ פלעגט ענטפערן ניט צונע־מענדיק די אויגן פון דעם שווימערל:

— אַ סך בעסער ווי די בולוואַרן, ניט אפשר?

דערקענט איצט איינער דעם אַנדערן, האָבן זיי זיך פעסט געדריקט די הענט, טיף גערירט פון דער באַגעגעניש ביי אַזעלכע געענדערטע אומשטענדן. סאָוואַזש האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— נו, געשעפטן!

מאָריסאָ האָט מרה־שחורהדיק זיך אָפּגעזיפצט:

— היינט ס'אַר אַ וועטער עס איז אַ ביסל! היינט איז דאָך דער ערשטער לויטערער טאָג אין דעם יאָר.

דער הימל איז טאַקע געווען אַ בלויער און געשטראָמט מיט שיין.

אומעטיקע, פאַרטראַכטע, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין באַנאַנד.

מאָריסאָ האָט געזאָגט:

— איר געדענקט, ווי מיר פלעגן כאַפּן פיש? אַ, ס'אַר אַ גוטע זכרונות!

סאָוואַזש האָט זיך אָפּגערופן:

— ווען וועלן מיר עס זיך ווידער קענען אומקערן אַהינצו?

זיי זיינען אַריין אין אַ קליינעם קאַפע און אויסגעטרונקען אַ ביסל אַבסענט. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער געלאָזט שפּאַנען איבער די טראָטואַרן.

פּלוצלונג איז מאָריסאָ שטיין געבליבן:

— אפשר נאָך אַ גלעזל, האַ?

סאָוואַזש האָט אַיינגעשטימט:

— ביטע זייער.

זיי זיינען אַריין אין אַ צווייטן קאַפע.

זיי זיינען אַרויס פון דאָרט שטאַרק באַרוישט, ווי מענטשן, וואָס האָבן געכאַפּט אַ שנאַפּס אויף אַ ניכטערן מאָגן. ס'איז געווען וואַרים. אַ לינד ווינטל האָט געגלעט דאָס פּנים.

סאָוואַזש, אינגאַנצן פאַרשיכורט פון דער וואַרימער לופט, איז פּלוצלונג שטיין געבליבן:

— אפשר זאָלן מיר גאָר אַ גיי טאָן אַהינצו?

— וואוהין?

— פיש כאַפּן.

— אָבער וואוהין?

— אויף אונזער אינזעלע טאַקע. די פראַנצויזישע אַוואַנפּאָסטן שטייען ביי קאָלאָמב. פּאָלקאָווניק דעמולען איז מיינער אַ באַקאַנטער, און מ'וועט אונז גלייך דורכלאָזן.

מאָריסאָ האָט אַ ציטער געטאָן פאַר גרויס חשק.

— גוט, איך גיי!

זיי האָבן זיך צעזעגנט און יעדערער איז אַוועק נאָך זיין פישער־געצייג.

אין אַ שעה אַרום האָבן זיי שוין געשפּרייזט איבערן שליאַך.

באַלד זיינען זיי אָנגעקומען צו דער ווילע, וואו דער פּאָלקאָווניק האָט געוואוינט. ער איז אַרויס צו זיי און האָט איינגעשטימט נאָכצוגעבן זייער פאַנטאַזיע. באַקומען די פּאַראָלע דורכצוגיין, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג.

באַלד האָבן זיי געפעלט די אַוואַנפּאָסטן, דורכגעגאַנגען דורך דעם פאַרלאָזטן וויסטן קאָלאָמב און זיינען שטיין געבליבן ביי אַ קליינעם ווייַנגאָרטן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער סענע צו. ס'איז געווען אַרום עלף אַ זייגער אינדערפרי.

זיי קעגנאיבער איז געלעגן דער דאָרף אַרזשאַנטייל אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. די בערג פון אָרזשעמאָן און מאַנוּאַ האָבן געהערשט איבער דער געגנט. דער ווייטער טאָל, וואָס האָט זיך געצויגן ביז נאַנטער, איז געווען אינגאַנצן וויסט מיט זיינע נאַקעטע קאַרשנביימער און צעטריקנטער ערד.

טייטנדיק מיטן פינגער אויף די בערג אַרויף, האָט סאָוואַזש שטיל אַ זאָג געטאָן:

— די פּרייסן זיינען אויבן!

אַ שטאַרקע אומרואיקייט האָט פּאַראַליזירט די צוויי פריינד אין דערדאָזיקער וויסטער געגנט.

די פּרייסן! זיי האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען, נאָר שוין גאַנצע חדשים־לאַנג אַז זיי שפּירן זייער געגנוואַרט אַרום פּאַריז; אומגעזעענע און אַלמעכטיקע, האָבן זיי געמאַכט אַ תל פון פראַנקרייך, האָבן גערויבט און געהרגעט, געפרעסן דאָס אָרימע לאַנד און עפּעס אַ מין אָבערגלויבישער פחד האָט זיך צוגעמישט צו דעם געפיל פון האַס, וואָס זיי האָבן געפילט צו דעמדאָזיקן אומבאַקאַנטן פאָלק.

— און טאָמער באַגעגענען מיר זיי? — האָט מאָריסאָ אַרויסגעשטאַמלט.

— וועלן מיר זיי מכבד זיין מיט געפּרעגלטע פיש, — האָט סאָוואַזש געענטפערט מיטן פּאַריזער חוזק־טאָן, וואָס גייט ניט פאַרלוירן ביי די אויסערגעוויינלעכסטע אומשטענדן.

פונדעסטוועגן האָבן זיי ניט געוואַגט דורכצוגיין דעם דאָרף,

אָנגעשראָקן פון דער וויסטער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום זיי.

ענדלעך האָט סאָוואַזש אַנטשלאָסן געזאָגט:

— מאַרש אין וועג אַריין, אָבער פאָרזיכטיק!

און זיך אײַנגעבויגן אין דרייען, זײַנען זיי אַראָפּ אין ווייַנגאָרטן, באַהאַלטנדיק זיך אונטער די קוסטעס, אומרואיק זיך אַרומקוקנדיק מיט אויפגעשפּיצטע אויערן.

זיי האָבן נאָך געדאַרפט איבערגיין אַ שטיק אָפן פעלד, צוצוקומען צום ברעג טייך. זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן און, דערגרייכט דעם ברעג, זיך גלייך באַהאַלטן אין טרוקענעם טשערעט.

מאָריסאָ האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד, צו פאַרנעמען, אויב ס'איז עמעץ דאָ אין דער נאָענט. אַלץ איז געווען שטיל. זיי זײַנען געווען גאַנץ אַליין.

זיי האָבן זיך באַרואיקט און פאַרוואָרפן די אַנגלען אין טייך.

דער פאַרלאָזטער אינזל מאַראַנט האָט זיי באַהאַלטן פון דעם אַנדערן ברעג. דאָס קליינע הייזל פון אַ רעסטאָראַן איז געשטאַנען פאַרהאַקט און האָט אויסגעזען פאַרלאָזט שוין זינט לאַנגע יאָרן.

סאָוואַזש האָט אַרויסגעצויגן דאָס ערשטע פישל, און דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן אַלע ווײַלע אַרויסצוציען זייערע אַנגלען מיט צאַפּלדיקע זילבער־פישלעך אויפן האַקן. דער פאַנג איז געווען זייער געראָטן.

זיי האָבן פאָרזיכטיק אַרייַנגעלייגט די פישלעך אין אַ געפלאָכטן זעקל, וואָס איז געלעגן אין וואַסער בײַ זייערע פיס. און אַ שטילע פרייד האָט זיי באַהערשט, אַ פרייד, וואָס נעמט אײַך אַרום, בשעת איר געניסט ווידער אַ באַליבטן, לאַנג ניט איבערגעלעבטן פאַרגעניגן.

די זון האָט פריינדלעך געוואַרימט זיי די רוקנס. זיי האָבן גאָרנישט געהערט, פון גאָרנישט געטראַכט, פאַרגעסן וועגן אַלצדינג אויף דער וועלט. זיי האָבן געכאַפּט פיש!

נאָר פּלוצלונג האָט אַ פאַרטויבטער גערויש, וואָס איז גע־

גאַנגען עפּעס אַזוי ווי פון דער ערד אַרויס, געמאַכט ציטערן דעם באָדן. ווידער האָט זיך דערהערט דאָס דונערן פון די האַרמאַטן.

מאָריסאָ האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען איבערן מאַסיוון סילועט פונם באַרג וואַלעריאַן אַ ווייסן רויך, און באַלד דערויף נאָך איינעם. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ווידער אַ דונער געטאָן אַ האַרמאַט.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ אָן אַן אויפהער, און דער באַרג האָט אַלע ווײַלע אַרויסגעלאָזט מילך-ווײַסע נעפּלען, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך געהויבן צום רויִקן הימל און האָבן זיך געקליבן אין אַ וואָלקן איבערן באַרג.

סאָוואַזש האָט געצויגן מיט די אַקסלען.

— זיי הייבן ווידער אָן, — האָט ער געזאָגט.

מאָריסאָ, וואָס האָט אומרויִק געקוקט, ווי אַלע ווײַלע טוקט זיך דאָס שווימערל פון אַנגל, האָט פּלוצלונג דערשפּירט אין זיך דעם גרימצאָרן פון אַ פרידלעכן מענטשן קעגן די דאָזיקע משוגעים, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו שלאָגן, און האָט אַרויסגעבורמט:

— ווי דאַרף מען דול ווערן, צו שעכטן אַזוי איינער דעם אַנדערן!

סאָוואַזש האָט געזאָגט:

— ערגער ווי די חיות.

מאָריסאָ האָט נאָר-וואָס אַרויסגעצויגן אַ פישל און האָט צוגעגעבן:

— היינט שטעל זיך נאָר פאָר, אַז דאָס וועט געדויערן אַלעמאָל, כל-זמן רעגירונגען וועלן זײַן אויף דער וועלט!

סאָוואַזש האָט אים איבערגעריסן:

— די רעפּובליק וואָלט ניט ערקלערט קיין מלחמה.

— די מאָנאַרכן האַלטן מלחמה מיט די אויסערלעכע פרײַנד, האָט מאָריסאָ געענטפערט, און אין די רעפּובליקן גייט אַ מלחמה אין לאַנד גופא.

רויִק האָבן זיי אָנגעהויבן צו דעבאַטירן און פונאַנדער-

פּלאָנטערן וויכטיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען אויס דעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם שכל-הישר פֿון פֿרידלעכע און באַגרענעצטע מענטשן, און זיינען מושווה געוואָרן, אַז דער מענטש וועט קיינמאָל ניט זיין פֿריי.

און דער באַרג וואַלעריאַן האָט געדונערט אָן אויפֿהער, צעשטערט מיט זיינע גראַנאַטן פֿראַנצויזישע הייזער, פֿאַרטיליגט לעבנס, געמורשט מענטשן, געמאַכט אַ סוף צו טרוימען, ערוואַרטונגען, פֿריידן, האָפֿענונגען אויף גליק, געעפֿנט אין די הערצער פֿון טעכטער, ווייבער און מאַמעס וואונדן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרהיילט ווערן.

— אַזוי איז דאָס לעבן, האָט סאָוואַזש געזאָגט.

— זאָגט בעסער — אַזוי איז דער טויט, האָט מיט אַ שמייכל געענטפֿערט מאָריסאָ.

פּלוצלונג זיינען זיי געבליבן פֿאַרציטערטע: זיי האָבן דערהערט הינטער זיך טריט. זיך אומגעקוקט, האָבן זיי דערזען פֿיר הויכע באַוואָפֿנטע מענער מיט בערד אין ליווריען, מיט פֿלאַכע היטלען, וואָס האָבן זיך געצילט אויף זיי פֿון ביקסן.

די אַנגלען זיינען זיי אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט, אַוועקגעשוואומען מיטן שטראָם.

אין איין הרף-עין האָט מען זיי געגעבן אַ נעם, געבונדן, אַוועקגעפֿירט, אַריינגעשטויסן אין אַ שיפֿל און איבערגעפֿירט אויף דעם אינזל.

הינטערן הייזל, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז אומבאַוואוינט, האָבן זיי דערזען אַ מאַן צוואַנציק פּרייסישע סאָלדאַטן.

אַ באַוואַקסענער ריז, וואָס איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ שטול, מיט אַ פּאָרצעלייענער ליולקע אין מויל, האָט זיי אַ פֿרעג געגעבן אויף אַ ריינער פֿראַנצויזישער שפּראַך:

— נו, מיינע הערן, עפּעס געווען אַ געראָטענער פֿאַנג?

אַ סאָלדאַט האָט אַוועקגעלייגט דעם אָפֿיציר צו די פֿיס דאָס זעקל, וואָס איז פֿול געווען מיט פֿיש, און וועלכעס ער האָט געהאַט שכל צו פֿאַרנעמען פֿון טייך. דער פּרייס האָט זיך צעלאַכט:

— הע-הע, איך זע, אַז ס'איז אייך גאָר גוט געראָטן.

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. הערט מיך אויס מיט אַ רואיקן קאָפּ. לויט מיין מיינונג, זייט איר שפּיאָנען, וואָס מ'האָט געשיקט מיך נאָכצושפּירן. איך וועל אייך לאָזן אַרעסטירן און דערשיסן. איר האָט זיך געמאַכט, אַז איר כאַפּט פיש, כדי בעסער זיך אויסצובאַהאַלטן. איר זייט אָבער פּאָרט אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט — און דאָס איז ניט קיין שפּאַס. ס'איז דאָך מלחמה-צייט. אָבער אַזוי ווי איר זייט דורכגעגאַנגען דורך די אַוואַנפּאָסטן, דאַרפט איר דאָך מסתמא וויסן די פּאַראָלע, כדי זיך קענען צוריקצוקערן, טאָ זאָגט מיר אויס די פּאַראָלע, וועל איך אייך באַגנעדיקן.

די צוויי פריינד, בלאַס ווי דער טויט, זיינען געשטאַנען איינס לעבן אַנדערן מיט ציטערנדיקע הענט און האָבן געשוויגן.

— קיינער וועט קיינמאָל דערפון ניט געוואָר ווערן, — האָט דער אָפיציר ווייטער גערעדט, — און איר וועט בשלום זיך אומקערן אַהיים. דער סוד וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט אייך. אויב איר זאָגט זיך אָפּ — איז אַ טויט אייך אויפן אָרט. באַטראַכט זיך.

זיי זיינען געשטאַנען שטום, מיט געשלאָסענע ליפּן.

— גיט נאָר אַ טראַכט: אין פינף מינוט אַרום וועט איר זיין אויפן דעק פון דעמדאָזיקן טייך. אין פינף מינוט אַרום. איר האָט דאָך געוויס קרובים?

דער באַרג האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן. ביידע פישפאַנגער זיינען געשטאַנען, אויסגעצויגן ווי לאַנג זיי זיינען, און האָבן געשוויגן.

דער דייטש האָט אויף זיין שפּראַך אָפּגעגעבן אַ באַפעל. דאַן האָט ער איבערגערוקט זיין שטול אויף אַן אַנדער אָרט, ניט צו זיצן אַזוי נאָענט פון די געפאַנגענע, און צוועלף מאַן מיט ביקסן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה צוואַנציק טריט ווייט פון אים.

— איך גיב אייך נאָך אַ מינוט, און קיין סעקונדע ניט מער! — האָט דער אָפיציר געזאָגט.

דאַן איז ער פּלוצלונג אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו די

פראַנצויזן און, אָננעמענדיק מאָריסאָען פאַר דער האַנט, האָט ער אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט און שטיל געזאָגט:

— נו, גיכער, זאָגט די פּאַראָלע. אײַער חבר וועט גאָרנישט וויסן. עס וועט האָבן אַ פּנים, אַז איך האָב אײַך פּשוט באַגנעדיקט.

מאָריסאָ האָט געשוויגן.

דאַן האָט דער פּרייס אָפּגעפירט סאָוואַזשן און אים אויך פאָרגעלייגט דאָס אייגענע.

סאָוואַזש איז געווען שטום.

מען האָט זיי ווידער אַוועקגעשטעלט איינס לעבן אַנדערן.

דער אָפיציר האָט אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע. די סאָלדאַטן האָבן אויפגעהויבן די ביקסן.

מאָריסאָס בליק איז פּלוצלונג געפאַלן אויפן זעקל מיט די פיש, וואָס איז געלעגן אויפן גראָז עטלעכע טריט ווייט פון אים. אַ זונענשטראַל האָט געפינקלט אין די זילבער־שופּן פון די פישלעך, וואָס האָבן זיך נאָך געצאַפּלט, און אַ שוואַכקייט האָט אים באַהערשט. טראָץ אַלע זיינע אָנשטרענגונגען, זיינען די אויגן אים פול געוואָרן מיט טרערן.

— אַדיע, סאָוואַזש! — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— אַדיע, מאָריסאָ! — האָט יענער געענטפערט.

זיי האָבן געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט, און אַ ציטערניש ניט בײַצוקומען האָט זיי דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס.

— פייער! — האָט זיך דערהערט דעם אָפיצירס קאָמאַנדע.

און צוועלף ביקסן האָבן אַ קנאַל געטאָן אויף אַמאָל.

סאָוואַזש האָט ווי אַ סנאָפּ אַ פאַל געטאָן מיטן פּנים צו דער ערד. מאָריסאָ, וואָס איז געווען העכער פון אים, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך איבערגעדרייט און איז געפאַלן אויף זיין פרייַנד מיטן פּנים צום הימל, און פון אונטער זיין דורכגעשאָסענעם מונדיר אויף דער ברוסט האָט אַ פלייץ געטאָן אַ שנירל הייס בלוט.

דער דייטש האָט ווידער אָפּגעגעבן אַ באַפעל.

די סאָלדאַטן זיינען זיך צעלאָפן און באַלד צוריקגעקומען מיט שטריק און שטיינער, צוגעבונדן זיי צו די פיס פון די דערשאָסענע און אַוועקגעטראָגן צום ברעג טייך.

דער באַרג האָט ניט אויפגעהערט צו ברומען, איצט אַרומגערינגלט אינגאַנצן מיט רויך.

צוויי סאָלדאַטן האָבן אָנגענומען מאָריסאָען פאַרן קאָפּ און פאַר די פיס; אַנדערע צוויי האָבן דאָסזעלבע געטאָן מיט סאָוואזשן. שטאַרק זיי פונאַנדערגעשאָקלט, האָט מען זיי אַ שליידער געטאָן ווייט אין וואַסער אַוועק. דאָס וואַסער האָט זיך פונאַנדערגעשיידט, אויפגעשוימט, זיך אַ וויג געטאָן, דערנאָך זיך באַרואיקט, צעשיקנדיק דראָבנע כוואַליעס צו די ברעגעס צו.

אויבנאויף איז געבליבן אַ ביסל בלוט.

— און דאָס איבעריקע וועלן די פיש פאַרענדיקן, — האָט דער אָפיציר, רואיק ווי געוועןַ, פויל אויסגעצויגן.

און ער האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז צו.

פלוצלונג האָט ער אין גראָז באַמערקט דאָס זעקל מיט די פיש; ער האָט עס אויפגעהויבן, באַטראַכט, זיך צעשמייכלט און אַ רוף געטאָן:

— ווילהעלם!

אַ סאָלדאַט אין אַ ווייסן פאַרטעך איז צוגעלאָפן צו אים.

דער פרייס האָט אים אַ שליידער געטאָן די פיש פון די דערשאָסענע און האָט באַפוילן:

— אַנו, גיב מיר אַ פרעגל אָפּ די דאָזיקע שרצימלעך, כּלזמן זיי זיינען נאָך לעבעדיקע. דאָס וועט זיין אַ זעלטענער מאכל!

און ער האָט ווידער פאַררויכערט זיין פאָרצעלייענע ליולקע.

דער רעגנשירעם.

מאַדאַם אָרעיל איז געווען שפּאָרזאַם. זי האָט אויסגערעכנט יעדן גראָשן, און האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי שטרענגע פּרינציפּן בנוגע דער פאַרמערונג פון געלט.

דאָס דינסטמיידל האָט געדאַרפט אָנווענדן איר גאַנצן כוח-הדיבור, איידער זי פלעגט אַרויסגיין מיט איר קיישל אין מאַרק אַריין, און מאָסיע אָרעיל פלעגט קוים מיט צרות באַקומען זיין טאַשנגעלט. און דערביי זיינען זיי געווען גאַנץ תקיף און האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. אָבער מאַדאַם אָרעיל פלעגט פילן אַן אמתן ווייטאָג איטלעכס מאָל, ווען זי פלעגט זיך דאַרפן זעגענען מיט אַ זילבערנער מטבע. עס פלעגט איר טאָן אַ שטאָך אין האַרצן. און אַלעמאָל, ווען איר פלעגט אויסקומען צו מאַכן אַ גרעסערע הוצאה, מעג זיין די סאַמע נייטיקסטע, האָט זי די גאַנצע נאַכט נאָכדעם געשלאָפן זייער שלעכט.

אָרעיל האָט כסדר געטענהט:

— דו מעגסט נישקשה האָבן אַן אָפענערע האַנט, מיר פאַרלעבן דאָך אַפילו ניט אונזערע צינזן.

פלעגט זי ענטפערן:

— מען ווייס קיינמאָל ניט, וואָס עס קען זיך מאַכן. בעסער אַ צוקומעניש איידער אַן אָפּקומעניש.

זי איז געווען אַ קליינע פרוי פון אַ יאָר פערציק, אַ לעבעדיקע, שוין שטאַרק גערונצלט, זייער אַ זויבערע, און פלעגט זיך לייכט אָנצינדן. איר מאַן פלעגט זיך שטענדיק באַקלאָגן אויף די מאַנגלען, וואָס ער מוז פון איר אויסשטיין. אייניקע פון די דאָזיקע מאַנגלען איז אים באַזונדערס שווער געווען אַריבערצוטראָגן, דהיינו — די וואָס האָבן אָנגערירט זיין אַמביציע. ער האָט געדינט אין קאַנצעלאַריע פון קריגס-מיניסטעריום און איז

געבליבן אויף דערדאָזיקער שטעלע נאָר צוליב זיין פרוי, צו פאַרגרעסערן די הכנסה, וואָס זיי האָבן סיי-ווי-סיי ניט פאַרלעבט.

שוין צוויי יאָר צייט האָט זי אים, צום שפּאָט פון זיינע קאָלעגן, געלאָזט גיין אין בורא מיט דעמזעלבן צעפלאַטערטן רעגנשירעם. אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן זייער חוזק, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז מאַדאַם אָרעיל זאָל אים קויפן אַ נייעם רעגנשירעם. זי האָט אים געקויפט אַ שירעם פאַר ניינטהאַלבן פראַנק, אַ רעקלאַם-אַרטיקל פון אַ גרויסן מאַגאַזין.

אַז זיינע קאָלעגן האָבן דערזען דעם שירעם, וואָס איז דאַן אין די טויזנטער געגאַנגען אין פאַריז, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן זייערע געלעכטערלעך, און מאָסיע אָרעיל האָט נעבעך געמוזט שרעקלעך ליידן פון זיי.

פאַרשטייט זיך, אַז דער רעגנשירעם האָט געטויגט אויף כפרות, און אין דריי חדשים אַרום האָט מען אים שוין ניט געקענט ניצן. דאָס געשפּעט אין מיניסטעריום איז געוואָרן אַלץ גרעסער. מען האָט אַפילו פאַרפאַסט אַ ליד, וואָס מען האָט פון אינדערפרי ביז אינאָוונט געזונגען איבער דעם גאַנצן גרויסן בנין.

אָרעיל איז אַרויס פון די כלים און ענערגיש פאַרזאָגט זיין פרוי, זי זאָל אים קויפן אַ נייעם שירעם, אָבער טאַקע פון גוטע זייד פאַר צוואַנציק פראַנק, און זאָל אים ווייזן די רעכענונג.

זי האָט געקויפט אַ שירעם פאַר אַכצן פראַנק און, איבערגעבנדיק אים דעם מאַן, האָט זי רויט פאַר כעס געזאָגט:

— דעם שירעם וועסטו שוין לכל-הפּחות האָבן אויף פינף יאָר.

אָרעיל האָט טריאומפירט. דער שירעם האָט אויסגענומען אין קאַנצעלאַריע.

אַז ער איז אינאָוונט געקומען אַהיים, האָט זיין פרוי געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק אויפן רעגנשירעם און געזאָגט:

— זאָלסט אים ניט לאָזן שטיין צונויפגעוויקלט, דערפון ווערט די זייד איבערגעפּירט. זאָלסט אים גוט אָפּהיטן, זאָג איך דיר, וואָרים אַזוי גיך וועל איך דיר קיין נייעם ניט קויפן.

זי האָט אים גענומען אין האַנט אַריין, האָט אָפּגעלאָזט דעם רינג, וואָס האָט מיט אַ קליינעם גומיבענדל צונויפגעהאַלט

דעם שירעם, און האָט אים אַ שאָקל געטאָן, כדי .פונאַנדערצו־ נעמען די פּאַלבן.

פלוצלונג איז זי געפּלעפּט געוואָרן, אויסער זיך פאַר אויפ־ רעגונג: אינמיטן שירעם האָט זיך געזען אַ קײַלעכדיק לעכל, גרייס ווי אַ גרעשל. עס איז זיכער דורכגעברענט געווען מיט אַ ציגאַר.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי קוים .אַרויסגערעדט?

איר מאַן האָט, ניט אויפהייבנדיק די אויגן, רואיק גע־ ענטפערט:

— וואָס איז דען?

דער כעס האָט זי שיר ניט דערשטיקט, קוים וואָס זי האָט גערעדט:

— דו... דו האָסט... דו האָסט פאַרברענט דיין רעגנ־ שירעם! דו ביסט מסתמא פון זינען אַראָפּ! דו ווילסט מיך מסתמא בדלות שטעלן!

ער איז בלייך געוואָרן.

— וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז דו האָסט פאַרברענט דיין רעגנשירעם, זע!

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, גלייך ווי זי וואָלט אים וועלן שלאָגן, און אונטערגערוקט אונטער דער נאָז דאָס קליינע קיילעכדיקע אויסגעברענטע לעכל.

אָנקוקנדיק עס, איז ער געוואָרן זייער באַטריבט און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס איז דאָס? איך הייב ניט אָן צו וויסן. איך האָב דאָס ניט געטאָן. איך שווער דיר — איך ווייס באמת ניט, ווי אַזוי איז עס געשען מיטן שירעם.

זי האָט זיך צעשריען:

— איך גיי אין געוועט, אַז דו האָסט אין ביוראָ מיט אים געמאַכט קונצן, מיט אים אַרומגעשפּרונגען, האָסט אים געעפנט און באַוויזן אַלע ווײַלע.

— ער האָט געענטפערט:

— איך האָב אים נאָר איין מאָל געעפנט צו ווייזן, ס'איר אַ שיינער ער איז. דאָס גאָר. איך שווער דיר.

אָבער זי האָט געציטערט פאַר כּעס און אים אָפּגעשפּילט איינע פון יענע סצענעס, צוליב וועלכע דער היימישער ווינקל ווערט פאַר אַ פרידלעכן מענטשן שרעקלעכער ווי דאָס שלאַכטפעלד אונטער אַ רעגן פון קוילן.

זי האָט אויסגעשניטן אַ שטיקל זייד פון אַלטן שירעם, גאָר פון אַן אַנדער פאַרב, און האָט פאַרלאַטעט דערמיט דעם נייעם. און אויף מאָרגן איז מאָסיע אָרעיל אַוועק אין ביוראָ מיט אַ הכנעהדיקן פּנים און אַ פאַרלאַטעטן שירעם. ער האָט אים אַריינגעשטעלט אין שאַנק און האָט מער ניט געטראַכט פון אים, אַזוי ווי מ'זוכט צו פאַרגעסן אָן אַ בייזער אָנשיקעניש.

קוים איז ער אָבער אינאָוונט געקומען אַהיים, האָט די פרוי אים אַ ריס געטאָן פון דער האַנט אַרויס דעם רעגנשירעם, אים געעפנט אַ קוק צו טאָן, וואָס הערט זיך מיט אים, און איז געבליבן געפּלעפט פאַר אַ נייעם אומגליק: ער איז געווען דורך און דורך באַדעקט מיט קליינע לעכעלעך, באַשיינפּערלעך—דורכגעברענטע, גלייך ווי מ'וואָלט אין אים אויסגעשאָטן די ברענעדיקע אַש פון אַ ליולקע. ער איז געווען איבערגעפּירט שוין ניט צום פאַרריכטן.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט שטאַרע בליקן, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, צופיל צעקאָכט, אַז עס זאָל זיך איר קענען פון האַלז אַרויסרייסן אַ קול, און אויך ער האָט באַטראַכט דעם שאָדן אויסער זיך פאַר שרעק, אַ איבערראַשטער און דערשראָקענער.

דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן; האָט זי אים אַ שליידער געטאָן אין פּנים דעם שלימזלדיקן חפץ, אין דעם אויסבראָך פון רציחה ווידער געפונען איר לשון און זיך צעשריען:

— דאָס האָסטו געטאָן מיט אַ כּיוון, דו אויסוואָרף איינער! אָבער איך וועל דיר ווייזן! דו וועסט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו האָבן אַ רעגנשירעם...

און ס'האָט זיך ווידער אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע סצענע.

נאָך אַ ווילדן שטורעם פון אַ שעה צייט, האָט ער סוף־כל־סוף אויך באַקומען די מעגלעכקייט צו זאָגן אַ וואָרט. ער האָט געשוואָרן, אַז ער הייבט ניט אָן צו וויסן פון עפּעס, אַז אין דעם נייעם אומגליק איז שולדיק נאָר רישעות אָדער נקמה צו אים.

ווי אַ ישועה האָט ער אין דערדאָזיקער רגע באַגריסט דאָס קלינגען אין טיר. דאָס איז געווען אַ פריינד, וואָס איז צו זיי היינט געווען פאַרבעטן אויף מיטאָג.

מאַדאַם אָרעיל האָט אים דערציילט די מעשה. „אפשר מיינט ער, אַז זי וועט אים קויפן אַ נייעם רעגנשירעם? אָ ניין! קיין רעגנשירעם וועט ער שוין מער ניט אָנזען!“

דער פריינד האָט באַמערקט ווי אַ פּראַקטישער מענטש:

— דאַן וועט ער דאָך אָבער איבערפירן די קליידער, און סוף־כל־סוף זיינען זיי אַוודאַי מער ווערט ווי דער רעגנשירעם.

די קליינע פרוי, אַלץ נאָך ניט אַיינגעשטילט פון כעס, האָט געענטפערט:

— קען ער נעמען אַ ציצענעם שירעם; קיין זיידענעם וועט זי שוין מער ניט קויפן.

דערהערט דאָס, האָט זיך שוין אָרעיל אָנגעצונדן:

— וועל איך זיך אָנגעבן אין דעמיסיע, מעגסט דערין זיין זיכער! איך וועל ניט גיין אין מיניסטעריום מיט אַ ציצענעם רעגנשירעם.

דער פריינד האָט זיך געפּרובט אַריינלייגן אין אַ שלום:

— לאָזט דעם שירעם איבערציען אויף דאָס ניי, דאָס קאָסט דאָך ניט אַזויפיל!

מאַדאַם אָרעיל האָט אָבער מיט פאַרביטערונג זיך אָפּגערופן:

— דאָס קאָסט ווייניקסטנס אַכט פראַנק. אַכט פראַנק און אַכצן פראַנק איז שוין זעקס און צוואַנציק! זעקס און צוואַנציק פראַנק פאַר אַ רעגנשירעם! עס איז דאָך פון זינען אַראָפּצוגיין! דאָס איז דאָך ריין משוגעת!

דער פריינד, אַן אָרימער בעל־דבר, איז פּלוצלונג געפאַלן אויף אַ המצאה:

— זאָל אַייך די „געזעלשאַפט פאַר פייער־פאַרזיכערונג" באַצאָלן. די געזעלשאַפט דעקט דאָך אַלע היזקות פון אַ שרפה, אויב די שרפה איז פאָרגעקומען אין דער אייגענער דירה.

דערהערט דידאָזיקע עצה, האָט זיך די קליינע פרוי תיכף־ומיד באַרואיקט. זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט, דאַן מאַכט זי צו איר מאַן:

— מאָרגן, איידער דו וועסט גיין אין מיניסטעריום, זאָלסטו אַריין אין קאָנטאָר פון דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „La Maternelle", מ׳זאָל דאָרט באַשטעטיקן דעם צושטאַנד פון דיין רעגנשירעם און באַצאָלן פאַר דעם היזק.

מאָסיע אָרעיל איז אויפגעשפרונגען:

— קיינמאָל אין לעבן וועל איך דאָס ניט טאָן! האָבן מיר פאַרלוירן אַכצן פראַנק, מיר וועלן דערפון ניט שטאַרבן.

און אויף מאָרגן איז ער אַוועק מיטן שטעקל. צום גליק זיינעם איז געווען אַ שיינער דרויסן.

מאַדאַם אָרעיל איז געבליבן אַליין אין דער היים, און האָט אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן אָן דעם היזק פון די אַכצן פראַנק. זי האָט אַוועקגעלייגט דעם רעגנשירעם אויפן טיש אין עסצימער, איז אַלע ווײַלע צו אים צוגעגאַנגען, אָבער ניט געקענט קומען צו אַ באַשלוס.

איר געדאַנק האָט זיך אַלץ אומגעקערט צו דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. אָבער זי האָט מורא געהאַט פאַר די חוזקבליקן פון די הערן, וועמען זי וועט דאָרט דערציילן די מעשה; וואָרים אין דער געגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן איז זי געווען שעמעוודיק, פלעגט רויט ווערן פון גאָרנישט, און האָט זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט, ווען זי האָט נאָר געדאַרפט ריידן מיט אַן אומבאַקאַנטן.

אָבער דער היזק פון אַכצן פראַנק האָט איר ווײ געטאָן ווי אַ וואונד.

זי האָט מער דערפון ניט געוואָלט טראַכטן, און דאָך האָט די דערמאָנונג אָן איר היזק זי געמאַטערט אָן אויפהער. וואָס זאָל זי טאָן? די צייט איז געגאַנגען, זי האָט גאָרנישט געקענט

צוטראַכטן. פּלוצלונג האָט זי זיך אַ כאַפּ־אויף געטאָן, מיט דעם מוט פון פּחדנים, און האָט געזאָגט:

— איך וועל אַליין גיין אין דער געזעלשאַפט, און מיר וועלן זען!

אָבער דערצו האָט זי אַפריער געדאַרפט אַזוי צוריכטן דעם שירעם, אַז דאָס אומגליק זאָל זיין באַשיינפּערלעך און אירע אויסזיכטן — זיכערער. זי האָט גענומען פון קאַמין אַ שוועבעלע און האָט אויסגעבּרענט די אַריינגעזעצטע לאַטע, און אַרום דעם — נאָך אַ שטיק די גרייס ווי אַ האַנטפלאַך. דאַן האָט זי פאָרזיכטיק צונויפגעוויקלט דעם טרויעריקן קריפּל, צונויפגעצויגן אים מיט דעם גומענעם בענדל, אָנגעטאָן דאָס היטעלע און די שאַל, און מיט גיכע טריט אַוועק צו רי דע ריוואָלי, וואו עס האָט זיך געפונען די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

וואָס נעענטער זי איז געקומען צו איר ציל, אַלץ לאַנגזאַמער איז געוואָרן איר גאַנג. וואָס וועט זי זאָגן? וואָס וועט מען איר ענטפערן?

זי האָט געקוקט אויף די נומערן פון די הייזער. נאָך אַכצן נומערן געבליבן. גוט, זי האָט נאָך צייט צו באַטראַכטן. זי איז געגאַנגען אַלץ פּאַמעלעכער און פּאַמעלעכער. פּלוצלונג האָט זי אָנגעהויבן צו ציטערן. אויף אַ טיר איז מיט גילדענע אותיות געווען אויפגעשריבן: „געזעלשאַפט פאַר פייערפאַרזיכערונג „La Maternelle“. זי איז געקומען!

אַ ווײַלע איז זי געבליבן שטיין, דערשראָקן, פאַרשעמט, איז אָפּגעגאַנגען, ווידער צוריקגעקומען, נאָכאַמאָל אָפּגעגאַנגען און ווידער צוריקגעקומען.

לסוף האָט זי זיך געזאָגט:

— מ׳מוז דאָך אָבער אַריינגיין און וואָס פריער — אַלץ בעסער.

אָבער אַז זי איז אַריינגעגאַנגען, האָט זי דערשפּירט, ווי איר האַרץ קלאַפּט.

זי איז אַריינגעקומען אין אַ גרויס צימער, וואָס איז געווען דורך אַ סך ביוראָ־פענסטערלעך געטיילט אין דער העלפט. פון

יעדן פענסטערל האָט אַפּערגעקוקט אַ מאַנסבילשער קאָפּ, און דער גוף איז געווען באַהאַלטן הינטער געדיכטע גראַטעס.

אַ הער איז פאַרביי מיט אַ שטויס פאַפּירן.

זי האָט זיך אַ רוק געגעבן צו אים און געפרעגט מיט אַ זאַכטן אומזיכערן קול:

— אַנטשולדיקט, אפשר קענט איר מיר זאָגן, וואוהין איך דאַרף זיך ווענדן וועגן פאַרברענטע זאַכן.

ער האָט געענטפערט מיט אַ פולער טיפער שטים:

— אין ביוראָ פאַר שרפות, ערשטער גאָרן לינקס.

דידאָזיקע ווערטער האָבן זי נאָך מער דערשראָקן. ווי וואָלט זי געוואָלט אַוועקגיין, ניט צו זאָגן אַ וואָרט, און מפקיר זיין אירע אַכצן פראַנק. אָבער אַז זי האָט זיך פאָרגעשטעלט די־דאָזיקע סומע, האָט זי געקראָגן מוט און זי האָט זיך געלאָזט שטייגן צום ערשטן גאָרן, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם און זיך אָפּשטעלנדיק אויף יעדן טרעפּל.

באַלד האָט זי געפונען די טיר און האָט אָנגעקלאַפּט. — אַ הילכיקע שטים האָט זיך אָפּגערופן:

— אַריין!

זי איז אַריין אין אַ גרויסן צימער, וואו דריי הערן, באַ־פוצט מיט אָרדנס, האָבן ערנסט און פייערלעך גערעדט צווישן זיך.

איינער פון זיי האָט געפרעגט:

— וואָס ווינטשט איר, מאַדאַם?

זי האָט פלוצלונג פאַרלאָרן דאָס לשון און אַרויסגע־שטאַמלט:

— איך בין... איך בין געקומען וועגן אַן אומגליקספאַל.

דער הער האָט איר העפלעך אָנגעוויזן אויף אַ שטול:

— זעצט זיך, איך בעט אייך, איין ווײַלע נאָר, און איך בין גרייט אײַך צו דינען.

און ער האָט זיך ווידער געווענדט צו דיביידע אַנדערע הערן, פירנדיק ווייטער דעם שמועס:

— אַלזאָ, מײַנע הערן, די געזעלשאַפט האַלט, אַז זי איז

אײַך מחוייב צו צאָלן נאָר די פיר הונדערט טויזנט פראַנק, אָנערקענט אָבער ניט אײַער תביעה אויף נאָך הונדערט טויזנט פראַנק. די אָפּשאַצונג האָט, ווי געזאָגט, געוויזן, אַז...

איינער פון די צוויי האָט אים איבערגעריסן:

— מיר האָבן עס שוין געהערט, מיין הער, דאָס געריכט וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט. מיר האָבן געטאָן אונזער שליחות.

צערעמאָניעל זיך פאַרנייגנדיק, זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען.

ווען זי וואָלט קענען פאַרשווינדן צוזאַמען מיט זיי, וואָלט זי עס געטאָן. זי וואָלט אַנטלאָפן און וואָלט אינגאַנצן מפקיר געווען די אַכצן פראַנק. אָבער ווי אַזוי זאָל זי איצט אַוועקגיין? דער הער איז צוגעגאַנגען צו איר און זיך פאַרנייגט:

— מיט וואָס קען איך אײַך דינען, מאַדאַם?

זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— איך בין געקומען... אָט צוליב דעם...

דער דירעקטאָר האָט מיט נאַאיווער פאַרוואונדערונג אָנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם חפץ, וואָס זי האָט אים אויסגעשטרעקט.

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט זי געפּרובט לויז מאַכן דאָס גומענע בענדל. נאָך איניקע אָנשטרענגונגען האָט עס זיך איר אײַנגעגעבן און האַסטיק האָט זי געעפנט די דורכגעלעכערטע חורבה פון דעם רעגנשירעם.

דער הער האָט מיטליידיק געזאָגט:

— אָ, דער שירעם האַלט באמת זייער שמאָל.

זי האָט קווענקלענדיק ערקלערט:

— ער האָט געקאָסט צוואַנציק פראַנק.

דער הער האָט געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג:

— טאַקע? אַזויפיל?

— יאָ, דאָס איז געווען אַ אויסגעצייכנטער שירעם. איך האָב געוואָלט, איר זאָלט באַשטעטיקן זיין צושטאַנד.

— זייער גוט. אָבער איך פאַרשטיי ניט, וואָס פאַר אַ שייכות עס קען האָבן צו אונז.

אַן אומרואיקייט האָט זי באַהערשט.

אפשר קערט די געזעלשאַפט גאָר ניט אום דעם שאָדן פון אַזעלכע קליינע חפצים. זי האָט געזאָגט:

— אָבער... ער איז דאָך דורכגעברענט.

דער הער האָט עס ניט געלייקנט:

— דאָס זע איך.

זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. פּלוצלונג אָבער איז איר איינגעפאַלן, וואָס זי האָט פאַרגעסן, און זי האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— איך בין מאַדאַם אָרעיל. מיר זיינען אַסעקורירט אין דער געזעלשאַפט „La Maternelle“, און איך בין געקומען צוריקקריגן דעם שאָדן, וואָס מיר האָבן געליטן פון אַ שרפה.

און אויס מורא, מ'זאָל איר ניט אָפּזאָגן, האָט זי אויף גיך צוגעגעבן:

— איך פאַרלאַנג מערניט, אַז איר זאָלט אים לאָזן איבערציען.

דער געפּלעפטער דירעקטאָר האָט געענטפערט:

— אָבער... מאַדאַם... מיר זיינען דאָך ניט קיין פאַבריקאַנטן פון רעגנשירעמס. מיר קענען זיך דאָך ניט פאַרנעמען מיט אַזעלכע מיני רעפּאַראַציעס.

די קליינע פרוי האָט דערפילט, אַז אַלע אירע כּוחות אין איר האָבן ווידער אויפגעוואַכט. עס איז פאָרגעשטאַנען אַ קאַמף. נו, וועט זי קעמפן! זי האָט שוין ניט געהאַט מער קיין מורא און האָט געזאָגט:

— איך פאַרלאַנג נאָר די הוצאות אויף דער רעפּאַראַציע. מאַכן וועל איך דאָס שוין אַליין לאָזן.

דער הער האָט, ווייזט אויס, ניט געוואוסט גענוי, וואָס ער זאָל ענטפערן:

— כּ'לעבן, מאַדאַם... די סומע איז אַזאַ קליינע. מ'פאַרלאַנגט ביי אונז קיינמאָל ניט קיין שכר-היזק פאַר אַזעלכע קליינע שאָדנס. איר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז מיר קענען ניט צאָלן פאַר די אַלע נאָזטיכלעך, הענטשקעס, שניפּסן, פאַנטאָפל

און דאָסגלייכן קלייניקייטן, וואָס זייגען אַלע טאָג אין דער סכנה צעשטערט צו ווערן דורך פייער.

זי איז רויט געוואָרן און דערפילט, ווי דער כעס האָט זי אָנגעצונדן:

— אָט האָבן מיר לענגער, אין דעצעמבער, געהאַט אַ שרפה וואָס האָט אונז אָנגעמאַכט היזק מינדעסטנס אויף פינף הונדערט פראַנק; מאָסיע אָרעיל האָט קיין גראָשן ניט פאַרלאַנגט פון דער געזעלשאַפט, מעגט איר דאָך מיר איצט אַוודאי באַצאָלן פאַר מיין רעגנשירעם.

דער דירעקטאָר האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט אויף איר ליגן:

— איר מוזט דאָך מודה זיין, מאַדאַם, אַז דאָס איז אַ שטיקל חידוש, וואָס מאָסיע אָרעיל האָט פאַרשוויגן אַ היזק פון פינף הונדערט פראַנק און איצט פאָדערט ער באַצאָלן פאַר אַ רעגנ־שירעם דעם שאָדן פון אַ פינף—זעקס פראַנק.

זי האָט זיך ניט פאַרלאָרן אַפילו אויף אַ האָר און האָט גע־ענטפערט:

— אַנטשולדיקט, מיין הער, אָבער דער שאָדן פון פינף הונדערט פראַנק איז אָנגעגאַנגען דעם טייסטער פון מאָסיע אָרעיל, בשעת ווען דער היזק פון אַכצן פראַנק פאַלט אויפן חשבון פון מאַדאַם אָרעיל, און דאָס איז אַ גרויסע נפקא־מינה.

ער האָט געזען, אַז ער וועט פון איר ניט פטור ווערן און זי וועט ביי אים נאָר אַוועקנעמען צייט, האָט ער לסוף אונטער־טעניק געפרעגט:

— דערציילט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי האָט דאָס אומ־גליק פאַסירט.

זי האָט דערפילט, אַז זי האָט גובר געווען און האָט גלייך אָנגעהויבן:

— ביי אונז אין קאָרידאָר שטייט אַזאַ זאַך פון בראָנזע, וואו מען שטעלט געוויינלעך אַריין די שירעמס און די שטעקלעך. אַז איך בין אַנומאָלט געקומען אַהיים, האָב איך אַריינגעשטעלט אַהין אויך אָט דעם רעגנשירעם. גראַדע איבער דעם געפינט זיך

אַ מין פּאָליצע, וואו עס ליגן ליכט און שוועבעלעך. נעם איך אַראָפּ פיר שוועבעלעך. איך רייב איינס אָן, עס צינדט זיך ניט אָן. איך רייב אָן אַ צווייטס, פאַרלעשט זיך עס באַלד. דאָס דריטע אויך אַזוי...

דער דירעקטאָר האָט זי איבערגעריסן אַ שפּאַס צו טאָן:

— דאָס זיינען מסתמא געווען שוועבעלעך פון די רעגירונגס־פאַבריקן?

זי האָט ניט פאַרשטאַנען און ווייטער געפירט:

— קען גריילעך זיין. דאָס פערטע שוועבעלע האָט זיך שוין ניט פאַרלאָשן און איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט. איך בין אַריין אין שלאָפצימער און זיך געוואָלט לייגן אין בעט. אין אַ פערטל שעה אַרום אָבער האָב איך דערשפּירט אַ ריח פון סמאַליעניש. איך האָב אַלעמאָל זייער מורא פאַר אַ שרפה. ווען מיר וועלן אַמאָל אָפּברענען, וועט עס זיכער ניט זיין מיין שולד. און נאָך דער שרפה אין דעצעמבער, ווי איך האָב אייך שוין דערציילט, קען איך ממש ניט לעבן. שטיי איך אַלזאָ אויף, זוך און שמעק אַלץ אַרום, אַזוי ווי אַ יעגערהונט, און באַמערק ענדלעך אַז מיין רעגנשירעם ברענט. משמעות, אַז אַ שוועבעלע איז אין אים אַריינגעפאַלן. גיט נאָר אַ קוק, וואָס פון אים איז געוואָרן.

דער דירעקטאָר האָט זיך אונטערגעגעבן; ער האָט גע־פרעגט:

— אין וויפיל שאַצט איר דעם היזק?

זי האָט געשוויגן ניט וואַגנדיק אָנצורופן דעם ציפער. דער־נאָך האָט זי, וועלנדיק זיין גרויסמוטיק, געזאָגט:

— גיט אים אַליין אָפּ פאַרריכטן. איך קען אייך געטרויען.

ער האָט ניט מסכים געווען:

— ניין מאַדאַם, דאָס קען איך ניט. זאָגט מיר וויפיל איר פאַרלאַנגט.

— נו... איך מיין... אַז... ווייסט איר גאָר וואָס, מיין הער, איך וויל דאָך דערפון ניט פאַרדינען... לאָמיר אַזוי טאָן. איך וועל אַוועקטראָגן מיין רעגנשירעם צו אַ שירעממאַכער, מ'זאָל אים

איבערציען מיט גוטע זייד, עס זאָל זיך האַלטן, און וועל אַייך ברענגען די רעכענונג. זייט איר מסכּים?

— אויסגעצייכנט, מאַדאַם. אָט האָט איר אַן אָרדער אין דער קאַסע, וואו מ'וועט אַייך אויסצאָלן שכר־היזק.

און ער האָט דערלאַנגט דער מאַדאַם אָרעיל אַ קוויטל; זי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון אָרט, אים אָפּגעדאַנקט און אַרויסגעגאַנגען אַיילנדיקערהייט אויס מורא, ער זאָל ניט חרטה האָבן.

זי איז מונטער געגאַנגען איבער דער גאַס, זוכנדיק עפּעס אַ עלעגאַנטן מאַגאַזין פון רעגנשירעמס.

געפונען ענדלעך אַזאַ מאַגאַזין, וואָס האָט אויסגעזען גאַנץ פיין, איז זי אַריין און געזאָגט מיט אַ זיכערער שטים:

— איך וואָלט וועלן אָט דעם רעגנשירעם איבערציען מיט גוטער זייד. גיט אָבער די בעסטע, וואָס איר האָט נאָר. וועגן דעם פּרייז וועל איך זיך מיט אייך ניט דינגען.

די אומניצלעכע שיינקייט.

I.

אַ עלעגאַנטע קאַרעטע, געשפּאַנט אין אַ פּאָר גרויסאַרטיקע שוואַרצע פערד, האָט געוואַרט ביים צופאָר. עס איז געווען סוף יוני, זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט. פון צווישן די דעכער פון די הייזער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאָדערשטן הויף, האָט אַפּערגעקוקט אַ לויטערער, הייסער און פריידפולער הימל.

די גרעפין דע-מאַסקאַרע איז ערשינען אויפן גאַניק, גראָד אין דעם מאָמענט, ווען איר מאַן, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, איז צוגעפאָרן צום טויער. ער איז שטיין געבליבן אַ רגע, אַ קוק געטאָן אויף דער ווייב און עטוואָס בלאַס געוואָרן. זי איז געווען וואונדערשיין: אַ שלאַנקע, אַ עלעגאַנטע, מיט אַ לענגלעכן אָוואַל פון פנים, מיט אַ הויט, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן מיט גלאַנץ פון עלפנביין און גאָלד, מיט זייער גרויסע גרויע אויגן און שוואַרצע האָר; ניט קוקנדיק אויפן מאַן, אַפילו ניט באַמערקנדיק אים, האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע מיט אַזאַ גרויסקייט ביי זיך, אַז די שענדלעכע אייפערזוכט, וואָס האָט אים שוין אַזוי לאַנג געפייניקט, האָט זיך ווידער ווי אַ שאַרפער שפּיז אַריינגעשטאָכן אים אין האַרץ אַריין. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ווייב און פאַרנייגנדיק זיך געפרעגט:

— איר פאָרט שפּאַצירן?

זי האָט געענטפערט פאַראַכטלעך, ניט עפנענדיק די ליפּן:

— ווי איר זעט.

— אין בולאָנער וואַלד.

— וואַרשיינלעך.

— וועט איר ערלויבן אייך צו באַגלייטן?

— די קאַרעטע איז צו אייער דינסט.

אַ האָר ניט פאַרוואונדערט פון דעם טאָן, אין וועלכן זי האָט מיט אים גערעדט, האָט ער זיך געזעצט מיט איר אין דער קאַרעטע און אַ געשריי געטאָן:

— אין בולאָנער וואַלד אַריין!

דער לאַקיי האָט זיך אַרויפגעזעצט לעבן דעם קוטשער אויף דער קעלניע; די פערד האָבן אויס געוווינהייט געקלאַפּט מיט די קלויען אָן דער ערד און געדרייט מיט די קעפּ, ביז מ'איז אַרויסגעפאָרן אויף דער גאַס.

דאָס פּאָרפאָלק איז געזעסן האַרט איינס לעבן אַנדערן און געשוויגן. דער מאַן האָט געזוכט אָנצוהייבן אַ שמועס, אָבער זי איז געבליבן אַזוי שטרענג, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין מוט...

ענדלעך האָט ער בגנבה און עפּעס ווי צופעליק באַרירט דער גרעפינס האַנט, איינגעצויגן אין דער הענטשקע; אָבער אין דער באַוועגונג, מיט וועלכער זי האָט אַ צי צוריק געטאָן איר האַנט, איז געווען אַזוי פיל בייזקייט, אַזוי פיל ווידערווילן, אַז ער איז געבליבן פאַרשטאַרט אין אַ געפיל פון אומעט, כאָטש ער האָט געהאַט דעם הערשערישן כאַראַקטער פון אַ דעספּאָט.

— גאַבריעל! האָט ער אַרויסגעפּליסטערט.

ניט אומקוקנדיק זיך, האָט זי געפרעגט:

— וואָס ווינטשט איר?

— איך געפין, אַז איר זייט באַצויבערלעך.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, און אויסגעצויגן זיך אין דער קאַרעטע, האָט זי געהאַלטן די מינע פון אַ ברוגזער קיניגי.

זיי זיינען געפאָרן פאַרביי די עליזיי=פעלדער, צו דער טריומפאַלער אַרקע פון „שטערן". אַ ריזעדיקער מאָנומענט אין עק פון דער אַלעע האָט געצייכנט אויפן רויטן הימל זיין גיגאַנטישע אַרקע. עס האָט אויסגעזען, ווי די זון וואָלט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אים, צעשפּרייטנדיק אַ פייערדיקן שטויב איבער דעם האָריזאָנט.

אַ צווייענדיקער שטראָם עקיפּאַזשן, וואָס האָבן געפינקלט מיט די אָפּגלאַנצן פון די מעשענע, זילבערנע און קריסטאָלענע

טיילן פון די געשפּאַנען און לאַמטערנעס, האָט זיך געקייקלט מיט צוויי כוואַליעס — צו דער שטאָט צו און צום בולאָנער וואַלד.

גראַף דע מאַסקאַרע האָט ווידער געזאָגט:

— טייערע גאַבריעל!

אַרויסגעבראַכט פון געדולד, האָט זי געררייצטערהייט אים איבערגעריסן:

— אַך, לאָזט מיך, איך בעט אייַך, צו רו. צי דען קען איך שוין איצט ניט בלייבן אַליין אין מיין קאַרעטע?

מאַכנדיק זיך, אַז ער הערט ניט אירע ווערטער, האָט ער ווייטער גערעדט:

— איר זייט קיינמאָל אַזוי שיין ניט געווען ווי הייַנט.

איר געדולד האָט זיך, ווייזט אויס, אויסגעשעפּט, און זי האָט געענטפערט מיט כעס, ניט בכוח געווען זיך אייַנצוהאַלטן:

— אומזיסט קוקט איר דערויף; איך שווער, אַז איך וועל אייַך קיינמאָל ניט געהערן.

דידאָזיקע ווערטער האָבן אים איבערראַשט און אויפגערודערט; זיין הערשערישע נאַטור האָט ווידער גובר געווען און ער האָט אַ געשריי געטאָן גיכער מיט דער מינע פון אַ גראָבן אייגנטימער, ווי פון אַ פאַרליבטן:

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

פליסטערנדיק, הגם די דינער וואָלטן סיי ווי סיי גאָרנישט געהערט צוליב דעם פאַרטויבנדיקן רעש פון די רעדער, האָט זי איבערגעזאָגט:

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן? וואָס זאָל דאָס באַטייטן? איך דערקען אייַך! איר פאָדערט, אַז איך זאָל עס אייַך זאָגן?

— יאָ.

— אַז איך זאָל אייַך זאָגן אַלצדינג?

— יאָ.

— אַלצדינג, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי מיר אויפן האַרצן, זינט איך בין געוואָרן אַ קרבן פון אייַער חיהשן עגאָאיזם?

ער איז רויט געוואָרן פאַר איבערראַשונג און כעס און מיט צונויפגעקריצטע ציין אַרויסגעשטאַמלט:

— רעדט!

ער איז געווען פון הויכער וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ לאַנגער געלבלעכער באָרד, אַ מאַנסביל — אַ פּאַרשוין, אַ דזשענטלמען, אַ וועלטלעכער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ מוסטערהאַפטן מאַן און פאָטער. דאָס ערשטע מאָל, זינט זיי זייבען אַרויסגעפאָרן, האָט זי זיך אָפּגעקערט און אים אַ קוק געטאָן גלייך אין פּנים אַריין.

— איר וועט מוזן אויסהערן ניט קיין אײַנגענעמע זאַכן, אָבער איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך בין גרייט אויף אַלץ, אַז איך וועל זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן, אַז איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט, און פאַר אייך ווייניקער ווי פאַר ווען עס איז אַנדערש.

ער האָט איר אויך געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און געציטערט פאַר רציחה. ער האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— איר זייט פון זינען אַראָפּ!

— ניין, נאָר איך זאָג זיך אָפּ צו שפּילן לענגער די ראָלע פון אַ קרבן פון יענער העסלעכער פּלאָג פון מוטערשאַפט, אויף וועלכער איר האָט מיך פאַרמשפּט שוין גאַנצע עלף יאָר. איך וויל שוין אַמאָל אַ ביסל לעבן ווי אַ וועלטלעכע פרוי, און כ'האָב דערויף דאָס פולע רעכט אַזוי ווי אַלע פרויען.

ווידער בלאַס געוואָרן, האָט ער אַרויסגעפּליסטערט:

— איך פאַרשטיי ניט.

— ניין, איר פאַרשטייט זייער גוט. ערשט דריי חדשים אַריבער נאָך דער געבורט פון מיין לעצט קינד; אָבער אַזוי ווי איך בין נאָך אַלץ אַזוי שיין ווי געווען און אייך גיט זיך ניט איין טראָץ אַלע אייערע באַמיאונגען מיך ווידער העסלעך צו מאַכן — איר האָט עס אָקאָרשט אַליין אָנערקענט, ווען איר האָט מיך דערזען אויפן גאַניק פון אייער הויז — געפינט איר איין, אַז ס'איז שוין צייט, איך זאָל ווידער שוואַנגער ווערן.

— אָבער איר רעדט אויסן וועג, איר רעדט שטותים!

— עס הייבט זיך ניט אָן. איך בּין אַלט דרייַסיק יאָר, און איך האָב שוין זיבן קינדער; נאָך אונזער חתונה איז עלף יאָר, האָפּט איר, אַז אַזוי אָ וועט אַריבּער נאָך אַ יאָר צען, און דאַן וועט איר שוין אויפהערן צו זיין אייפערזיכטיק איבּער מיר.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט בּיי דער האַנט און, פּעסט זי צונויפדריקנדיק, אַרויסגעשטאַמלט:

— איך וועל אַייך מער ניט דערלויבּן צו ריידן מיט מיר אין אַזאַ טאָן.

— און איך וועל דווקא ריידן, בּיז איך וועל ניט ענדיקן, בּיז איך וועל ניט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס איך האָב אַייך צו זאָגן. און אויבּ איר וועט פּרובן מיך שטערן, וועל איך אויפהייבּן דעם קול, עס זאָלן די דינער דערהערן, וואָס זיצן אויף דער קעלניע. טאַקע דערפאַר האָבּ איך אַייך דערלויבּט צו זעצן זיך מיט מיר אין דער קאַרעטע, ווייל איך האָב דאָ צוויי עדות, וואָס וועלן אַייך צווינגען זיך אַייבּצוהאַלטן און מיך אויסצוהערן. אַלזאָ הערט מיך אויס. איר זייט מיר אַלע מאָל געווען ניט אַיינגענעם, און איך האָב עס אַייך אַרויסגעוויזן, וואָרים איך האָב קיינמאָל ניט געלייגט פאַר אַייך. איר האָט מיט מיר חתונה געהאַט קעגן מיין ווילן, מיינע עלטערן, וואָס זיינען געווען אין אַ געדריקטער לאַגע, געצוואונגען, זיי זאָלן אַייך מיך אויסגעבּן, וואָרים איר זייט זייער רייך. זיי האָבּן מיך איבּערגערעדט, און איך האָבּ מיט טרערן נאָכגעגעבּן.

אַלזאָ, איר האָט מיך געקויפט; קוים בּין איך געווען אין אַייער רשות, קוים בּין איך געוואָרן אַייער בּאַגלייטערין, גרייט זיך צוצובּינדן צו אַייך, פאַרגעסן אייער געוויינלעכע סיסטעם פון אָנשרעקן און נייטן און געדענקען בּלויז, אַז איך דאַרף זיין אַ געטרייע ווייב און אַייך ליב האָבּן, ווי ווייט מיינע כוחות דערלויבּן מיר, — האָט איר מיך אָנגעהויבּן צו אייפערן, ווי קיינער אין דער וועלט, אייפערן ווי אַ שפּיאָן מיט געמיינער אומווערדיקער אייפערזוכט, וואָס דערנידעריקט אַייך, וואָס בּאַליידיקט מיך. ס׳איז ניט אַריבּער קיין אַכט חדשים, ווי איר האָט מיך שוין חושד געווען אין כּלערליי געמיינהייטן. איר האָט עס מיר אַפילו

געגעבן צו פילן! ווי שענדלעך! און [illegible]ייי ווי ס׳איז ניט געווען
אין אַייער מאַכט צו שטערן מיר זיין שיין און געפעלן, ניט גע=
ווען אין אַייער מאַכט צו פאַרווערן רופן מיך אין די סאַלאָנען
און די צייטונגען אייבע פון די שענסטע פרויען אין פאַריז, האָט
איר אָנגעהויבן זוכן מיטלען צו באַזייטיקן פון מיר אַלע פאַר=
ערונגען; אַייך איז אַיינגעפאַלן דער מיאוסער געדאַנק צו בייטן
מיך, אַז איך זאָל מיין גאַנץ לעבן אָפּקומען אין שוואַנגערשאַפט,
ביז יענעם מאָמענט, ווען איך וועל אויפהערן צו געפעלן מענער.
אַך, לייקנט עס ניט! איך האָב עס לאַנג ניט פאַרשטאַנען, אָבער
נאָכדעם האָב איך זיך אָנגעשטויסן! איר האָט זיך אַפילו דער=
מיט באַרימט פאַר אַייער שוועסטער, און זי האָט עס מיר איבער-
געגעבן, ווייל זי האָט מיך ליב, און איז אויפגעבראַכט אויף
אַייער פויערישער גראָבקייט.

אַך! דערמאָנט זיך אונזער גאַנצן קאַמף, מיטן אויפברעכן
טירן און שלעסער! אויף וואָס פאַר אַ לעבן האָט איר מיך אָפּ=
געמשפּט אין משך פון אָט די עלף יאָר — אויף אַ לעבן פון
אַ ראַסנקליאַטשע, וואָס מ׳לאָזט ניט אַרויס פון דער פערדנאַנ-
שטאַלט: ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן שוואַנגערן, פלעגט איר
אויך אָנהייבן זיך מיאוסן מיט מיר, און אין משך פון לאַנגע
חדשים פלעג איך אַייך אויפהערן צו זען. מ׳פלעגט מיך אַוועק-
שיקן אין דאָרף אַריין, אין דעם פאַמיליענשלאָס, אויפן
גראָז, אויף די לאָנקעס — אויסטראָגן דאָס קינד, און ווען
איך פלעג ווידער ערשיינען, אַ בליענדיקע און אַ שיינע,
אַ אומצעשטערלעכע, אַזוי ווי פריער אַ רייצנדיקע און אַרומ-
גערינגלט מיט אויפמערקזאַמקייט, אין דער האָפענונג, אַז ענדלעך
וועל איך קענען אַ ביסל אַ לעב טאָן מיט דעם לעבן פון אַ רייכער
וועלטלעכער פרוי, —פלעגט איר ווידער באַהערשן די אייפערזוכט,
און איר פלעגט מיך אָנהייבן צו פאַרפאָלגן מיט אייער פחדנישער
און פון שנאה דורכגעזאַפּטער ליבע, פון וועלכער איר ליידט אויך
אין דערדאָזיקער מינוט, זיצנדיק לעבן מיר. דאָס איז ניט ליבע,
ניט דער פאַרלאַנג צו באַזיצן מיך — איך וואָלט אַייך [illegible]ן
קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט—דאָס איז דער פאַרלאַנג מיך מי[illegible] צו מאַכן!

עס איז געווען נאָך אַ עקלהאַפּטיקע און אומפאַרשטענדלעכע זאַך, וואָס איבער איר האָב איך לאַנג זיך געבראָכן דעם קאָפּ (אַצונד בין איך קליגער געוואָרן, פאָרשנדיק אײַערע מעשים און מחשבות): איר האָט זיך צוגעבונדן צו די קינדער מיט דער גאַנצער קראַפט פון יענער זיכערקייט, וועלכע זיי האָבן אײַן פאַרשאַפט, כל־זמן איך האָב זיי געטראָגן אין מײַן טראַכט. איר האָט די ליבע צו זיי געשאַפן פון דעם עקל, וואָס איר האָט געפילט צו מיר, פון אײַער נידערטרעכטיקער, אויף אַ ווײַלע אײַנגעגעשטילטער מורא, פון דער פרייד בײַ דעם אָנבליק פון מײַן שוואַנגערשאַפט!

אָ, ווי אָפט האָב איך געפילט אין אײַך דידאָזיקע פרייד, וויפיל מאָל האָב איך זי געזען, געלייענט אין די אויגן אײַערע! די קינדער האָט איר ליב ניט ווי אײַער פלייש און בלוט, נאָר ווי אײַערע נצחונות. דאָס זײַנען די נצחונות איבער מיר, איבער מײַן יוגנט, איבער מײַן שיינקייט, איבער מײַן רייץ, איבער די ליבנסווערדיקייטן, וואָס מ׳האָט געשאָטן פאַר מיר אָדער אַרויסגעפליסטערט אין דער שטיל אַרום מיר. מיט די קינדער האַלט איר זיך גרויס, שטעלט זיי אַרויס פאַר דער וועלט, פירט זיי שפּאַצירן איבער דעם בולאָנער וואַלד, פירט זיי אויף אייזלען קיין מאָנמאָראַנסי. איר נעמט זיי מיט אויף די בײַטאָגיקע טעאַטער-פאָרשטעלונגען, מען זאָל אײַך זען מיט זיי און מ׳זאָל כסדר איבערחזרן: „וואָס פאַר אַ גוטער פאָטער...”

מיט דער גראָבקייט פון אַ ווילדן האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַזוי שטאַרק צונויפגעפּרעסט, אַז די יונגע פרוי איז שטיל געבליבן, אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

— איך האָב מײַנע קינדער ליב, האָט ער אַרויסגעפליסטערט, איר הערט! דאָס, וואָס איר האָט איצט געזאָגט, איז שענדלעך פאַר אַ מוטער. אָבער איר געהערט צו מיר. איך בין—האַר... איך בין אײַער האַר... איך קען פון אײַך פאָדערן אַלץ, וואָס און ווען איך וויל... און דאָס געזעץ... איז אויף מײַן זײַט!

— האָט געוואָלט צעקוועטשן אירע פינגער, צונויפדריקנדיק אַנגען מיט זײַן גרויסער מוסקלדיקער האַנט. בלאַס

ווי טויט פאַר ווייטאָג, האָט זי אומזיסט געפּרובט אַרויסבאַ־פרייען איר האַנט פון דער קלעם; זי האָט ניט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אויף אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— זעט איר, אַז איך בין האַר און שטאַרקער, האָט ער געזאָגט.

ער האָט עטוואָס אָפּגעלאָזט די פינגער. זי האָט געזאָגט:

— האַלט איר מיך פאַר אַ פרומע?

— פאַרשטייט זיך, האָט ער מיט פאַרוואונדערונג אַרויסגע־שטאַמלט.

— איר האַלט, אַז איך גלייב אין גאָט?

— אַוודאי.

— האַלט איר, אַז איך קען זאָגן אַ ליגן, שווערנדיק ביים אַלטאַר, וואָס אַנטהאַלט אין זיך קריסטוסעס לייב?

— ניין.

— אפשר וואָלט איר מיט מיר צוגעפאָרן אין קלויסטער אַריין?

— נאָך וואָס?

— איר וועט דאָרטן זען. ווילט איר?

— אויב איר פאָדערט עס—ביטע.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קול און אַ געשריי געגעבן: פיליפ!

דער קוטשער האָט עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפ, אָבער ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון די פערד, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער מאַדאַם בלויז מיט די אויערן, דאַכט זיך; די גרעפין האָט געזאָגט:

— פאָרט צום קלויסטער סען־פיליפ־די־רול!

די קאַרעטע, וואָס איז שוין געווען באַלד ביים בולאָנער וואַלד, האָט זיך אויסגעקערעוועט צוריק קיין פאַריז.

פאָרנדיק, האָבן מאַן און ווייב ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ווען די קאַרעטע איז שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג צום טעמפּל איז מאַדאַם דע מאַסקאַרע אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד ··· אַהינצו; דער גראַף איז איר נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריי

זי איז, ניט [illegible]לנדיק זיך, דורכגעגאַנגען ביז צו די גראַ-טעס, וואָר[illegible]ען אָפּ דעם כאָר, איז געפֿאַלן אויף די קני, פֿאַר-דער[illegible]אָס פּנים מיט די הענט און גענומען מתפּלל זיין. לאַנג [illegible]ט זי מתפּלל געווען, און דער גראַף, וואָס איז געשטאַנען הינטער איר, האָט ענדלעך באַמערקט, אַז זי וויינט. זי האָט גע-וויינט אָן אַ קול, אַזוי ווי עס וויינען פֿרויען אין מינוטן פֿון שאַרפֿן אומדערטרעגלעכן ווייטאָג. איבער איר גאַנצן קערפּער איז דורכגעלאָפֿן אַ ציטער, וואָס איז אַריבער אין אַ שטילן כליפּען, פֿאַרטויבט דורך די פֿינגער פֿון אירע הענט.

גראַף דע מאַסקאַרע האָט איינגעפֿונען, אַז דאָס געדויערט צו לאַנג און האָט אָנגערירט איר אַקסל.

דידאָזיקע באַרירונג האָט זי אַזוי ווי אָפּגעבריט און אומ-געקערט צו דער וואָר. זיך אויסגעגלייכט, האָט זי שטאַר אים אָנגעקוקט.

— אָט וואָס איך דאַרף אייך זאָגן. איך האָב פֿאַר גאָרנישט קיין מורא ניט, און איר מעגט טאָן, וואָס איר ווילט. טויט מיך, אויב איר האַלט עס פֿאַר נייטיק. איין קינד — בלויז איינס פֿון אונזערע קינדער, איז ניט אײַערס. איך שווער אײַך דאָס פֿאַר גאָט, וועלכער הערט מיך דאָ. דאָס איז די איינציקע נקמה, וואָס איך האָב געקענט אַקעגנשטעלן אײַער עקלהאַפֿטיקער טיראַניע פֿון אַ זכר און די צוואַנגאַרבעטן פֿון קינדלערײַ, אויף וועלכע איר האָט מיך אָפּגעמשפּט. ווער איז מײַן ליב האָבער? דאָס וועט איר קיינמאָל ניט געוואָר ווערן! איר מעגט חושד זיין די וועלט די גאַנצע. בשום אופֿן וועט איר עס ניט דערגיין. איך האָב זיך אים אָפּגעגעבן אָן ליבע, אָן פֿרייד, מיט איין ציל בלויז: אָפּצונאַרן אײַך. און ער האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ מוטער... ווער איז זיין קינד? דאָס וועל איך אײַך קיינמאָל ניט זאָגן. איך האָב זיי זיבן, זוכט! איך האָב דאָס אײַך געוואָלט אויסזאָגן, אָבער אַ סך שפּעטער; בוקם זיין זיך אין אַ מאַן, אָפּנאַרנדיק אים, קען מען נאַטירלעך נאָר דאַן, ווען ער ווייס עס. איר האָט מיך געצוואונגען, אַז איך [illegible]אַל הײַנט זיך פֿאַר אײַך מודה זיין. איך האָב געענדיקט.

[illegible]האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דורכן קלויסטער צו דער טיר,

וואָס האָט געפירט דרויסן, און געוואַרט, [illegible]טער איר וועלן אָפּהילכן די איילנדיקע טריט פון דעם באַליידיקטן און אַז זי וועט פאַלן אויפן ברוק אונטער די שווערע קלעפּ פון זיין [illegible]

אָבער זי האָט גאָרנישט דערהערט. צוגעקומען צו איר קאַרעטע, האָט זי מיט איין שפּרונג זיך אַריינגעזעצט און ציטערנדיק פון נאָגנדיקער אומרו און שווער אָטעמענדיק פאַר שרעק, האָט זי אַ געשריי געטאָן צום קוטשער! — אַהיים.

די פערד האָבן זיך געלאָזט מיט גרויסן טראָט.

II.

זיך פאַרשפּאַרט אין איר צימער, האָט גרעפין דע מאַסקאַרע געוואַרט אויף דער מיטאָג-שעה, ווי אַ פאַרמשפּטער וואַרט אויף דער עקזעקוציע. וואָס וועט דער מאַן טאָן? איז ער שוין אַהיים געקומען? וואָס האָט צוגעטראַכט, צוגעגרייט, וואָס האָט באַשלאָסן דערדאָזיקער הערשערישער, הייס-געבאָדענער, וואָס איז יעדן אויגנבליק גרייט אויף געוואַלט? אין הויז האָט זיך ניט געהערט דער מינדסטער גערויש אַפילו, און זי האָט אַלע ווײַלע אַ קוק געגעבן אויף די ווייזערס פון איר זייגער. ס׳איז אַריינגעקומען דאָס קאַמערמיידל העלפן איר אָנטאָן זיך צו מיטאָג, דאַן איז זי צוריק אַוועקגעגאַנגען.

עס האָט געשלאָגן אַכט אַ זייגער און אין דער רגע האָבן זיך דערהערט צוויי קלעפּ אין טיר.

— אַריין!

ס׳איז אַריינגעקומען דער דינער און געמאָלדן:

— דאָס עסן איז דערלאַנגט.

— דער גראַף איז צוריקגעקומען?

— יאָ. דער גראַף וואַרט אין עסצימער.

אויף איין אויגנבליק איז איר איינגעפאַלן מיטצונעמען אַ מיניאַטור-רעוואָלווער, וואָס זי האָט אַנומאָלט געהאַט געקויפט אין דער ערוואַרטונג פון דער דראַמע, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין איר האַרצן. אָבער זיך דערמאָנט, אַז דאָרטן וועלן זיין אַלע קינדער, האָט זי גאָרנישט מיטגענומען מיט זיך אַחוץ אַ פלאַקאָן.

אַז זי איז אַריי... עסצימער, איז דער מאַן געשטאַנען ...פון שטול און האָט געוואַרט. זיי האָבן זיך הינטער דעם ...גט איינס פאַרן אַנדערן און זיך געזעצט. דערנאָך עטוואָ... זיך די קינדער אויסגעזעצט. דריי זין מיט זייער דערציער, אַבאַט מאַרען, האָבן זיך געזעצט דער מוטער צו דער רעכטער האַנט; דריי טעכטער מיט דער גווערנאַנטין, דער ענגלענדערין מיס סמיט, האָבן זיך געזעצט לינקס. דאָס ייִנגסטע קינד, פון דריי חדשים, איז געבליבן אין קינדערצימער מיט דער אַם.

די דריי מיידעלעך, אַלע בלאָנד, פון זיי די עלטסטע צען יאָר אַלט, אָנגעטאָן אין העלבלויע קליידער, מיט שמאָלע ווייסע שפּיצן, האָבן אויסגעזען ווי שיינע ליאַלקעס. דער ייִנגסטער איז נאָך ניט געווען קיין דריי יאָר. אַלע פול חן, האָבן צוגעזאָגט צו ווערן אַזעלכע שיינהייטן ווי די מוטער.

די דריי זין, צוויי שאַטענען און דער עלטסטער, ניין יאָר אַלט, אַ ברונעט, האָבן צוגעזאָגט אויסצוואַקסן הויכע, שלאַנקע, ברייטפּלייציקע מענער. די גאַנצע פאַמיליע האָט אויסגעזען פון איין בלוט, געזונט און לעבנספּעאיק.

דער אַבאַט האָט געבענטשט, ווי דער מנהג איז געווען, בשעת מ'פלעגט עסן אָן איינגעלאַדענע; וואָרים אין דער געגנוואַרט פון געסט פלעגן די קינדער בכלל ניט קומען צום טיש. דערנאָך האָבן זיך אַלע גענומען פאַרן עסן.

די גרעפין, באַהערשט פלוצלונג פון אויפרעגונג, איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, בשעת ווען דער גראַף האָט אומזיכער און פאַראומערט געקוקט דאָ אויף די ייִנגעלעך דאָ אויף די מיידעלעך, איבערלויפנדיק מיטן בליק פון קעפל צו קעפל. פלוצלונג, אַוועקשטעלנדיק צוריק אויפן טיש דאָס קריסטאָלענע גלאָז, האָט ער עס צעבראָכן, און דאָס רויטע וואַסער, האַלב מיט ווייַן, האָט זיך צעגאָסן איבערן טישטעך. דער קליינער טומל, וואָס די דאָזיקע אומבאַדייטנדיקע פּאַסירונג האָט אָנגעמאַכט, האָט געצוואונגען די גרעפין אַ ציטער צו טאָן און אַ כאַפּ טאָן זיך פון אָרט. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. דערנאָך, קעגן ווי... טראָץ דעם פיזישן און גייסטיקן ציטער, וואָס די באַגעגעניש

פון זייערע בליקן האָט זיי פאַרשאַפּט, האָ‑ אויפגעהערט צו קרייצן די בליקן, אַזוי ווי די רערן ‑לע ווײַלע ניט

פילנדיק די פאַרלעגנהייט, וואָס די סיבה דערפון אין ‑ווילן. געווען אומבאַקאַנט, האָט דער אַבאַט געפּרובט אָנקניפּן אַ שמועס. ער האָט באַרירט פאַרשיידענע טעמעס, אָבער זיינע פּרוכטלאָזע באַמיאונגען האָבן אין קיינעם ניט דערוועקט קיין איין געדאַנק, ניט אַרויסגערופן קיין איין וואָרט.

די גרעפין, אַדאַנק דעם טאַקט פון אַ פרוי און נאָכגעבנדיק דעם אינסטינקט פון אַ וועלטלעכער דאַמע, האָט אים אַ פּאָר מאָל געפּרובט ענטפערן, אָבער אומזיסט. אין איר פאַרלוירנקייט האָט זי ניט געפונען קיין ווערטער, און דער קלאַנג פון איר שטים האָט זי געשראָקן אין דער שטילקייט פון דעם גרויסן צימער, וואו עס האָט זיך בלויז געהערט דער לייכטער קלונג פון זילבערוואַרג און דאָס קלאַפּן פון די טעלער.

פלוצלונג האָט איר מאַן, אויסשטרעקנדיק זיך פאָראויס מיטן גאַנצן קערפּער, געזאָגט:

— אָט דאָ, אין דער געגנוואַרט פון די קינדער, וועט איר מיר שווערן, אַז אַלץ, וואָס איר האָט מיר פריער פאַרזיכערט, איז אמת?

דער גאַנצער האַס, וואָס האָט געברויזט אין אירע אָדערן, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן אין איר, און ענטפערנדיק אויף דער פראַגע מיט דערזועלבער אויסדריקלעכקייט, מיט וועלכער זי האָט געענטפערט אויף זיין בליק, האָט זי אויפגעהויבן ביידע הענט, די רעכטע אין דער זייט פון אירע זינס קעפּ, די לינקע — אין דער זייט פון אירע טעכטערס קעפּ, און פעסט, אַנטשלאָסן, ניט געקווענקלט, אַרויסגערעדט:

— איבער די קעפּ פון מיינע קינדער שווער איך, אַז איך האָב אַייך געזאָגט דעם אמת.

ער איז אויפגעשטאַנען, מיט אַ ווילדער באַוועגונג אַ וואָרף געטאָן דאָס סערוועטל אויפן טיש, זיך אויסגעדרייט, אָפּגעשליידערט דעם שטול צו דער וואַנט און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

און זי, טיף אָפּגעזיפצט, ווי נאָך אַ אָפּגעהאַלטענעם נצחון, האָט רואיק געזאָגט:

— באַאומרואיקט זיך ניט, מיינע טייערע, דער פּאַפּאַ האָט נאָר־וואָס אַריבערגעטראָגן אַ גרויסן אומגליק. אים איז נאָך איצט אויך זייער שווער. אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער קומען צו זיך.

דערנאָך האָט זי געשמועסט אַ ביסל מיטן אַבאַט; געשמועסט מיט מיס סמיט; פאַר יעטווידער קינד האָט זי געהאַט אַ צערטלעך וואָרט, אַ קוש, אַ ליבלעכע מוטערלעכע פאַרצויגנקייט, פון וואָס די קינדערישע הערצעלעך עפענען זיך ווי קנאָספּן.

געענדיקט דאָס מיטאָג־עסן, איז זי מיטן גאַנצן געזינד אַריבער אין גאַסטצימער. האָט אַרויסגערופן אויף אַ פּלוידעריי די עלטערע קינדער, דערציילט מעשהלעך די ייִנגערע, און ווען ס׳איז געקומען די צייט צו גיין שלאָפן, האָט זי זיי זייער לאַנג געקושט, און אָפּגעשיקט זיי אין קינדערצימער אַריין, אַליין אַוועק אין איר שלאָפצימער.

זי האָט געוואַרט, ווייל זי האָט ניט געצווייפלט, אַז דער מאַן וועט קומען. די קינדער זיינען געווען ווייט, און זי האָט באַשלאָסן צו שיצן איר מענטשישע פעל, אַזוי ווי זי האָט געשיצט איר פעל פון אַ ווילטלעכער דאַמע; האָט באַהאַלטן אין קעשענע דעם קליינעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט געקויפט מיט עטלעכע טעג צוריק.

די שעהן זיינען געגאַנגען, דער זייגער האָט געשלאָגן. אַלע קלאַנגען אין הויז האָבן זיך אויסגעלאָשן. עס האָט זיך נאָר געהערט דורך די וואַנט־טאַפּעטן דאָס אומקלאָרע, ווייכע און ווייטע קלאַפּן פון פאָרנדיקע עקיפּאַזשן אויף דער גאַס.

זי האָט געוואַרט אַן אַנטשלאָסענע און אויפגעשרויפטע, שוין ניט מורא געהאַט פאַר אים, גרייט אויף אַלץ און שיִר ניט טריאומפירנדיק, וואָרים זי האָט פאַר אים אויסגעטראַכט אַ שטראָף אויף יעדער רגע און אויפן גאַנצן לעבן.

די ערשטע שטראַלן פון דער זון זיינען שוין אַדורכגעדרונגען דורך די פרענז פון די פאָרהאַנגען, און ער איז ניט

געקומען. דאַן האָט זי אַן איבעררײַשטע פאַרשטאַנען, אַז ער וועט ניט קומען. פאַרשלאָסן די טיר און פאַרריגלט מיטן פאַררוקער, וואָס זי האָט געלאָזט צושלאָגן, האָט זי ענדלעך זיך געלייגט אין בעט אַרײַן, און איז אַזוי אָפּגעלעגן די גאַנצע צײַט מיט אָפענע אויגן, פאַרזונקען אין מחשבות, ניט פאַרשטייענדיק, ניט קענעדיק טרעפן, וואָס ער האָט בדעה געהאַט פאָרצונעמען.

דאָס קאַמערמיידל, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגן טיי, האָט איר דערלאַנגט אַ בריוו פון דעם מאַן. ער האָט געשריבן, אַז ער האָט בדעה צו מאַכן אַ ווײַטע נסיעה, און אין דעם פּאָסטסקריפּטום האָט ער איר מודיע געווען, אַז זײַן נאָטאַריוס וועט איר צושטעלן די געלט-סומען, וואָס זי האָט נייטיק צום לעבן.

.III

אין דער אָפּערע, בשעת אַן אַנטראַקט פון „ראָבערט דער טײַוול", זײַנען פאַרן אָרקעסטער געשטאַנען מענער אין צילינדערס מיט ברייט אויסגעשניטענע וועסטן, מיט שפּאָנקעס, וואָס האָבן געפינקלט מיט גאָלד און בריליאַנטן אויף דער ווייסער ברוסט פון די העמדער. זיי האָבן באַטראַכט די לאָזשעס, וואָס זײַנען געווען פול מיט דאַמען אין אָפענע קליידער, בריליאַנטן און פערל, אַזוי ווי בלומען, וואָס האָבן זיך צעלאָזט אין דערדאָזיקער באַלויכטענער אָראַנזשעריע, וואו די שיינקייט און דער בלענדנדיקער גלאַנץ פון די אַקסלען זײַנען, דאַכט זיך, געשאַפן געוואָרן פאַר די בליקן, צווישן מוזיק און רויש פון מענטשלעכע שטימען.

שטייענדיק מיטן רוקן צום אָרקעסטער און שמועסנדיק צווישן זיך, האָבן צוויי פרײַנד לאָרנירט אַ גאַלעריע פון עלעגאַנץ, אַן אויסשטעלונג פון אמתער און געפעלשטער שיינהייט, צירונג, לוקסוס און דאָרשט צו געפעלן, אַן אויסשטעלונג, וואָס האָט מיט אַ האַלב רינג אַרומגענומען דעם גרויסן טעאַטער-זאַל.

איינער פון זיי, ראָזשער דע סאַלען, האָט געזאָגט צו זײַן חבר, בערנאַר גראַנדען:

— גיב אַ קוק, ווי שיין עס איז נאָך גרעפין דע מאַסקאַרע.

יענער האָט אויך גענומען באַטראַכטן דורכן לאָרנעט די הויכע נאָך יונגע פרוי, וואָס איז געזעסן אין איינער פון די לאָזשעס פון פּאַרטער. איר בלענדנדיקע שיינקייט האָט עפּעס ווי צוגעצויגן די בליקן פון אַלע עקן זאַל. איר בלאַס פּנים מיט אַ אָפּגלאַנץ פון עלפנביין האָט איר צוגעגעבן דאָס אויסזען פון אַ סטאַטוע; די דינע דיאַדעמע אין דער פאָרם פון אַ רעגנבויגן, באַשאָטן מיט ברילִיאַנטן, האָט אין אירע נאַכטשוואַרצע האָר געפינקלט אַזוי ווי דער מילכוועג.

אָנגעקוקט אַ געווויסע ווײַלע די גרעפין, האָט בערנאַר גראַנדען געזאָגט מיט אַ שפּאַסיקן ניואַנס פון פולקומער איבערצייגונג:

— יאָ, זי איז שיין, מ׳מוז מודה זיין!

— ווי אַלט קען זי איצטער זיין?

— וואַרט אַ ווײַלע. כ׳וועל עס דיר זאָגן גענוי. איך קען זי פון קינדווייז אויף. האָב זי געזען נאָך, בשעת זי האָט דעבויטירט אין דער געזעלשאַפט אַלס יונגע מיידל. זי איז... זי איז... דרייסיק... דרייסיק — זעקס יאָר אַלט.

— עס קען ניט זיין!

— איך פאַרזיכער דיך!

— זי זעט אויס פון פינף און צוואַנציק.

זי האָט זיבן קינדער.

— אומגלויבלעך.

— אַלע זיבן קינדער לעבן, און זי אַליין איז אַ מוסטערהאַפטע מוטער. איך קום צו זיי אַמאָל אַריין — זייער אַן איינגענעמע, פרידלעכע און געזונטע אַטמאָספערע. דאָס איז אַ וואונדערלעכער ביישפּיל פון אַ פאַמיליענהיים אין דער העכערער געזעלשאַפט.

— איז עס ניט מערקווירדיק? און מ׳האָט אויף איר קיינמאָל גאָרנישט גערעדט?

— קיינמאָל ניט.

— און דער מאַן? אַ נאַרעלע, מסתמא?

— אי יאָ אי ניט. צווישן זיי האָט זיך, ווייזט אויס, אָפּ־געשפּילט איינע פון יענע קליינע דראַמען, וואָס מ׳ווייס פון זיי קיין זאַך ניט, אָבער מ׳אַנט זיי און אומגעפער טרעפט מען צו, אין וואָס עס גייט.

— וואָס אַזוינס אַלזאָ?

— איך ווייס ניט. מאַסקאַרע איז בײַ היינטיקן טאָג אַ גרויסער לעביונג, הגם פריער איז ער געווען אַ געטרייער מאַן; ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכן כאַראַקטער, אַ פינסטערן, אַ קרי־גערישן. זינט ער הוליעט און לעבט אַ טאָג, איז ער געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלעם; אָבער עפּעס האָט ער אַ זאָרג אויף זיך, עפּעס נאָגט אים אַ ווייטאָג, און ער ווערט שטאַרק געעלטערט.

דאָ האָבן בײדע פרײַנד עטלעכע מינוט אָפּגעפילאָסאָפירט וועגן די געהיימע פאַרבאָרגענע יסורים, וואָס טרעפן זיך אַמאָל אין פאַמיליענלעבן צוליב די פאַרשיידענע כאַראַקטאָרן פון מאַן און ווייב, אָדער אפשר צוליב פיזישע אַנטיפּאַטיעס, וואָס לכתחילה באַמערקט מען זיי ניט.

ראָזשער דע סאַלען, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו לאָר־נירן מאַדאַם דע מאַסקאַרע, האָט ווידער געזאָגט:

— עס גלייבט זיך ניט, אַז די דאָזיקע פרוי זאָל האָבן זיבן קינדער!

— פאַר עלף יאָר צייט. און דערנאָך, צו דרײַסיק יאָר, האָט זי פאַרענדיקט דעם פעריאָד פון פרוכפּערקייט און איז אַרײַן אין דעם גלענצנדן פעריאָד פון רעפּרעזענטאַנץ, וועלכער וועט זיך, ווייזט אויס, ניט אַזוי גיך ענדיקן.

— אָ, אומגליקלעכע פרויען!

— פאַרוואָס באַדויערסטו זיי עפּעס?

— פאַרוואָס? אַך, מײַן ליבער, שטעל זיך נאָר פאָר! עלף יאָר שוואַנגערשאַפט פאַר אַזאַ מין פרוי, וואָס פאַר אַ גיהנום דאָס איז! די גאַנצע יוגנט, די גאַנצע שיינקייט, די גאַנצע האָ־פענונג אויף ערפאָלג, אַלע פּאָעטישע טרוימען וועגן אַ גלענצנדן לעבן, — דאָס אַלץ ווערט געבראַכט אַ קרבן דעמדאָזיקן מיאוסן געזעץ פון קיום המין, אַ געזעץ, וואָס פאַרוואַנדלט די נאָרמאַלע

פרוי אין אַ איינפאַכער מאַשין צו פּראָדוצירן מענטשלעכע
בּרואים!

— פאַרפאַלן! אַזוי איז די נאַטור!

— יאָ, אָבער איך זאָג: די נאַטור דאָס איז אונזער שונא,
מיט דער נאַטור דאַרף מען תּמיד קעמפן, וואָרים אַלע ווילע
קערט זי אונז אום צום צושטאַנד פון אַ חיה. אַלץ, וואָס איז
פאַרהאַן אויף דער וועלט עכטס, שיינס, עלעגאַנטס, איז פאַר=
פלאַנצט ניט פון גאָט, נאָר פון דעם מענטשן און דעם מענטש=
לעכן שכל. אין דערדאָזיקער וועלט, וואָס מיר בּאַזינגען זי און
בּאַגייסטערן זיך פון איר אַלס פּאָעטן, אידעאַליזירן זי אַלס
קינסטלער, דערקלערן זי אַלס פאָרשער, וואָס הגם זיי זײַנען זיך
אויך טועה, אָבער פּאָרט אַנטדעקן זיי אין די נאַטור-ערשיינונגען
שאַרפזיניקע סיבּות, — אין דערדאָזיקער וועלט האָבן מיר אַריינ-
געבּראַכט אַ געוויסע גראַציע, שיינקייט, עפּעס אַ אומדערקלער-
לעכן חן, און אַ סוד. גאָט האָט בּלויז בּאַשאַפן די פּרימיטיוו=
מגושמדיקע וועזנס, מיט די עמבּריאָנען פון כּלערליי קראַנקהייטן,
בּאַשעפעגישן, וואָס נאָך עטלעכע יאָר פון ריין בּהמישן אויפ=
בּליען, ווערן זיי געעלטערט אין שלאַפקייטן — אין דער העס=
לעכקייט און מאַכטלאָזיקייט פון מענטשלעכער זקנה. די נאַטור
האָט זיי בּאַשאַפן בּלויז דערצו, אַז זיי זאָלן אויף אַ שמוציקן
אופן אַרויסבּרענגען אַ דור, און זאָלן דערנאָך שטאַרבּן אַזוי ווי
די איינטאָגיקע אינסעקטן פון די זומערדיקע אָוונטן. איך האָב
געזאָגט אויף אַ „שמוציקן אופן אַרויסבּרענגען אַ דור" און בּאַ=
שטיי דערויף! וואָס קען דען באמת זיין שענדלעכער און העס=
לעכער פון אָט דעם אומריינעם און קאָמישן אַקט פון אַרויס=
בּרענגען מענטשלעכע בּרואים, אַן אַקט, וואָס בּאַליידיקט אַזוי
און וועט אַלעמאָל בּאַליידיקן אַלע צאַרטע נשמות. היות ווי אַלע
אָרגאַנען, וואָס די שפּאָרזאַמע און בייזע נאַטור האָט בּאַשאַפן,
דינען פאַר צווייערליי צוועקן, פאַרוואָס-זשע האָט מען ניט אויס-
געקליבּן אַנדערע אָרגאַנען, ניט אַזעלכע אומריינע און פאַר=
שוועכטע, אָנצוטרויען זיי די הייליקסטע מיסיע, די איידלסטע
און העכסטע פון די מענטשלעכסטע פונקציעס? דאָס מויל, וואָס

בערט דעם גוף, דינט צו גלייכער צייט אַלס דורכפירער פון וואָרט און געדאַנק. מיט דער הילף פון דעם מויל, ווערט באַנייט דער גוף און אין דערזעלבער צייט ווערן פאַרשפרייט געדאַנקען. דער חוש-הריח, וואָס שטעלט צו די לונגען די באַלעבנדיקע לופט, גיט איבער דעם מוח אַלע דופטן: די ריחות פון בלומען, וועלדער, ביימער, ים. דאָס געהער, וואָס העלפט דעם מענטשן צו פאַרשטענדיקן זיך מיט זיינס גלייכן, האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוגעפינען די מוזיק, מיט דער הילף פון קלאַנגען צו שאַפן טרוים, גליק, אומענדלעכקייט און אַפילו פיזישן תענוג!

אָבער פון דער אַנדערער זייט, קען מען מיינען, אַז די פיגסטערע און ציינישע נאַטור האָט געוואָלט אויף אייביק באַרויבן דעם מענטשן פון דער מעגלעכקייט צו פאַראיידלען, באַשיינען און אידעאַליזירן זיין באַהעפטונג מיט דער פרוי. דער מענטש האָט פונדעסטוועגן אויסגעטראַכט די ליבע — ניט קיין שלעכטער ענטפער דער חוזק-מאַכערין נאַטור, און האָט זי אַזוי באַפוצט מיט ליטעראַרישער פּאָעזיע, אַז די פרוי פאַרגעסט אָפטמאָל, אויף וועלכער באַציאונג זי איז אָפּגעמשפּט. די-יעניקע מענטשן, וואָס זיינען ניט פעאיק פאַרבלענדט צו ווערן פון אויפרעגונג, האָבן צוגעטראַכט און ראַפינירט דעם זנות, וואָס דאָס איז אויך איינס פון די מיטלען לוסטיק צו מאַכן זיך איבער דער נאַטור און בוקן זיך — גאַנץ אומצניעותדיק בוקן זיך — דער שיינהייט.

אַ נאָרמאַלער מענטש ברענגט דאָך אַרויס קינדער פונקט אַזוי ווי חיות, וואָס באַהעפטן זיך צוליב דעם געזעץ פון דער נאַטור.

גיב אַ קוק אויף אָט דער פרוי. איז עס ניט אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן, אַז אַזאַ דימענט, אַזאַ פערל, וואָס איז געבוירן צו גלענצן, אָנצונעמען התפעלות, פאַרערונג און פאַרגעטערונג — האָט עלף יאָר פאַרבראַכט קינדלענדיק יורשים פאַר גראַף מאַסקאַרע?

בערנאַר גראַנדען האָט געענטפערט לאַכנדיק:

— פאַרהאַן אַ סך אמת אין דעם, וואָס דו זאָגסט; אָבער נאָר ווייניקע וועלן דיך פאַרשטיין.

סאַלען איז לעבעדיקער געוואָרן.

— דו ווייסט, ווי אַזוי איך שטעל זיך פֿאָר די נאַטור, האָט ער געזאָגט;—ווי אַ פון אונז פאַרהוילענעם גיגאַנטישן אָרגאַן, וואָס שאַפט אין רוים מיליאַרדן וועלטן, אַזוי ווי למשל, אין זיין מין איינאונאיינציקער פיש וואָלט געוואָרפן רויגן אין ים. ער שאַפט, וואָרים דאָס איז זיין פונקציע; בלינד, אָבער פרוכטבאַר, ווייס ער ניט, וואָס ער שאַפט, גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון פון די אַלע קאָמבינאַציעס, וואָס זייגע זאָמען בילדן. דער מענטש-לעכער שכל איז אַ גליקלעכער ביישפיל אין דער ריי פון אירע צופעליקע באַפרוכפּערונגען, אַ לאָקאַלע, פאַרבייגייענדיקע אומ-געריכטע צופעליקייט, וואָס איז פאַרמשפט אויף אונטערגאַנג צו-זאַמען מיט דער גאַנצער ערדקויל, און אויף אויפצולעבן ווידער דאָ אָדער אויף יענער וועלט, אין אַן אַלטער אָדער נייער פאָרם, אין נייע קאָמבינאַציעס פון די אייביקע באַנייאונגען. דעמדאָזיקן קליינעם צופעליקן פאַקט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר פילן זיך שלעכט אין דערדאָזיקער וועלט, וואָס איז געשאַפן ניט פאַר אונז, וואָס איז ניט פאָרגעגרייט אויפצונעמען, איינצואָרדענען דערנערן און באַפרידיקן דענקענדיקע וועזנס; אים האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען אונזער אומאויפהערלעכן קאַמף (אויב מיר זיינען נאָר באמת אויפגעקלערטע און ראַפינירטע וועזנס), אַ קאַמף קעגן דעם, וואָס הייסט ווידעראַמאָל די באַשערטקייט פון דער השגחה.

גראַנדען, וואָס האָט צוגעהערט אויפמערקזאַמערהייט, ווייל איז לאַנג געווען באַקאַנט מיט די אומגעריכטע ווענדונגען פון זיין פאַנטאַזיע, האָט געפרעגט:

— אַלזאָ דענקסטו, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק איז אַ צופעליקער פּראָדוקט פון דער בלינדער געטלעכער קראַפט?

— אַוודאי אַזוי! אַ צופעליקע פונקציע פון די נערוונצענ-טערס פון אונזער מוח, ענלעך אויף די אומגעריכטע כעמישע רעאַקציעס, וואָס ווערן געבילדעט פון נייע פאַרבינדונגען, אָדער אויף אַ פּראָדוקט פון עלעקטריע, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אומפאָראויסגעזעענער רייבונג אָדער נאָענטקייט, ענלעך סוף-כל-סוף אויף די אַלע פענאָמענען, וואָס ווערן געבוירן דורך דער

אומענדלעכער און אומאויסשעפלעכער יוירונג פון דער לעבעדיקער מאַטעריע.

אָבער, מיין פריינד, צי איז עס דען ניט קלאָר יעדן איינעם, וואָס וויל זיך אַרומקוקן אַרום זיך? ווען דער מענטשלעכער שכל וואָלט פאַרטראַכט געוואָרן באַוואוסטזיניק, ווען ער וואָלט לכתחילה באַשטימט געווען צו ווערן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן, אַזוי ניט ענלעך אויף דעם שכל און דער הכנעה פון די חיות, אַזוי פיל צו פאָדערן, צו פאָרשן, צו רעגן זיך, צו פייניקן זיך,—וואָלט דען די וועלט, וואָס איז געשאַפן אויפצונעמען אַזעלכע בּרואים ווי מיר זיינען איצטער, געווען אַזאַ אומבאַקוועמער פאַרק פאַר פי, אַזאַ ירקות=פעלד, אַזאַ וואַלדיקער, פעלזיקער און קיילעכדיקער גאָרטן, וואו אייער אומפאָראויסזעענדיקע נאַטור האָט אונז פאַר=משפט צו לעבן נאַקעטערהייט אין היילן אָדער אין דעם שאָטן פון ביימער, צו נערן זיך מיט דעם פלייש פון אונזערע ברידער, פון געטויטע בהמות אָדער מיט רויע גרינסן, וואָס זיינען אויס=געוואַקסן אונטער זון און רעגן?

ס'איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן איין מינוט, כּדי צו קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן ניט פאַר מענטשן. דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס איז אויפגעקו=מען און אויסגעוואַקסן עפּעס דורך אַ נס פון די נערוונקעמערלעך פון אונזער מוח, פאַרוואַנדלט אונז אַלעמען, ד. ה. די אַלע וועזנס מיט פאַרשטאַנד, אין אייביקע און שלימזלדיקע גלות-קינדער אויף דערדאָזיקער ערד, ביי דער גאַנצער מאַכטלאָזיקייט, אומ=וויסנהייט און מטושטשקייט, אין וועלכער דער דאָזיקער געדאַנק געפינט זיך און וועט זיך אייביק געפינען.

באַטראַכט נאָר די ערד, ווי זי איז, ווי די נאַטור האָט זי באַשאַפן פאַר די, וואָס באַוואוינען זי. איז דען ניט קלאָר באַשיינ=פערלעך, אַז זי איז געבויט און פאַרפלאַנצט בלויז פאַר חיות? וואָס האָבן מיר אויף דער ערד? קיין זאַך ניט. און זיי האָבן אַלץ: היילן, ביימער, בלעטער, קוואַלן, באַהעלטענישן, עסן און טרינקען מענטשן, וואָס פאָדערן אַ סך, ווי איך למשל, פילן זיך דערפאַר קיינמאָל ניט גוט אויף דער ערד. בלויז די=יעניקע, וואָס זיינען

נאָענט צו דער חיה, זײַנען צופרידן און גליקלעך. און די רעשט. בעלי־חלומות, פּאָעטן, פּײַנשמעקער, זוכער, וואָס ווייסן ניט קיין רו... אַך, אומגליקלעכע מענטשן!

איך. עס קרויט און מערן — צו אַלדי טײַוול! — ציבעלע, ברוקווע און רעטעכלעך, וואָרים מיר האָבן זיך געמוזט צוגעווייגען צו זיי און אַפילו ליב זיי באַקומען און אויך דערפאַר, ווייל קיין אַנדער זאַך אַחוץ דאָס וואַקסט ניט, אָבער דאָס איז דאָך אַ שפּייז פאַר קיניגלעך און ציגן, פּונקט ווי גראָז און קלעווער איז אַ שפּייז פאַר פערד און קי. קוקנדיק אין פעלד אויף די זאַנגען צייטיקן קאָרן, בין איך אַ האָר אַפילו ניט מסופּק, אַז זיי זײַנען דורכגעוואַקסן פון באָדן, אויסן זײַענדיק די שנאָבלען פון די לאַרכן און שפּערלען, אָבער בשום אופן ניט מײַן מויל. קײַענדיק אַלזאָ ברויט, נעם איך עס אַוועק בײַ די פייגל, פּונקט ווי פּרעסנדיק הינער, באַגנבע איך די ווייזלען און די פוקסן. איז דען די וואַכטל, די טויב און די וואַלדהון ניט די נאַטירלעכע רויב פון דעם שפּאַרבער? איז דען דער ציגנבאָק, די ווילדע סאַרנע און דער אָקס גיכער ניט די רויב פאַר די גרויסע וואַלד־חיות, ווי דער אָפּגעשטאָפּטער און צוגעפּרעגלטער מאכל, וואָס מ׳דערלאַנגט די מענטשן צוגעריכט מיט שוואָמען, וואָס חזרים האָבן ספּעציעל פאַר זיי אויסגעגראָבן?

אָבער, מײַן פרײַנד, די חיות דאַרפן גאָרנישט ניט טאָן צו לעבן אויף דער וועלט. זיי זײַנען בײַ זיך אין דערהיים, געפינען אומעטום אַ מקום־מנוחה און שפּייז, זיי דאַרפן מער גאָרנישט ווי פיטערן זיך, פאַרצוקן, פרעסן איינס דאָס אַנדערע, לויט זייערע אינסטינקטן, וואָרים די נאַטור האָט ניט אויסגערעכנט אויף מילדקייט און פרידלעכע זיטן; זי האָט פאָרגעזען בלויז דעם טויט פון די ברואים, וועלכע שטרעבן מיט אַ פאַרביסנקייט צו פאַרלענגערן און אויפצופרעסן איינס דאָס אַנדערע.

וואָס אָבער אונז איז נוגע, וויפיל האָבן מיר עס באַדאַרפט אַרבעט. אָנשטרענגונג, געדולד, המצאות, פאַנטאַזיע, קונסט, טאַלאַנט און גאונות, כדי אַ ביסל צו פאַרלײַטישן אונזער ערד און מאַכן זי כאָטש וויפיל ניט איז באַקוועם צום וואוינען, דידאָזיקע

ערד, וואָס באַשטייט בלויז פון וואַ[illegible] און שטיינער. גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס אונז איז אויסגעקומען אָפּצוטאָן מחוץ דער נאַטור און אַפילו איר אויף להכעיס, כדי זיך איינצואָרדענען אויף דער ערד גאַנץ שלעכט, מיט פּראָבלעמאַטישער ריינקייט, פּראָבלעמאַטישער באַקוועמלעכקייט, פּראָבלעמאַטישער פיינקייט, אויף אַן אופן, וואָס פּאַסט קוים פאַר אַ מענטשן.

און וואָס אויפגעקלערטער, קליגער און ראַפינירטער מיר זיינען, אַלץ מער קומט אונז אויס צו באַקעמפן און אונטערדריקן דעם בהמישן אינסטינקט, וואָס ענטפערט אונז איבער אויפן באַראָט פון דער נאַטור.

באַדענק נאָר, מיר האָבן דאָך געמוזט אויסטראַכטן די גאַנצע קולטור, וואָס איז כולל אין זיך אַזויפיל אַלמעגלעכסטע זאַכן, אָנהייבנדיק פון שקאַרפּעטן און אויסגעלאָזט מיט טעלעפאָנען. באַדענק נאָר, וואָס דו זעסט אַלע טאָג און וואָס דינט אונז אויף די פאַרשיידנסטע אופנים.

מיט דעם צוועק צו באַשיינען אַ ביסל אונזער בהמיש לעבן, האָבן מיר אַנטדעקט און אויסגעפונען כלערליי זאַכן, אָנהייבנדיק פון הייזער און אויסגעלאָזט מיט געווירציקע מאכלים, יאַייכלעך, קאָנפעקטן, קוכנס, משקאות, ליקערן, געוועבן, קליידער, היט, בעטן, ווייכע פערענעס, עקיפּאַזשן, אייזנבאַנען און מאַשינען אָן אַ שיר; דערצו נאָך האָבן מיר אַנטדעקט די וויסנשאַפט און די קונסט, די שריפט און די פערזן. יאָ, מיר האָבן געשאַפן די קונסט, פּאָעזיע, מוזיק און מאָלעריי. אַלץ, וואָס אין לעבן איז פּאָעטיש און שיין, האָבן מיר געשאַפן; די טואַלעטן פון די פרויען און די טאַלאַנטן פון די מענער האָבן סוף־כל־סוף אַ ביסל שענער געמאַכט אין אונזערע אויגן דאָס נאַקעטע, איינטעניקע און האַרבע לעבן פון פּראָסטע קינדלער, וואָרים נאָר צוליבן קינדלען בלויז האָט אונז אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט די געטלעכע נאַטור.

גיב אַ קוק אויף אָט דעם טעאַטער. איז עס ניט קיין גאַנץ וועלטל, פון אונז געשאַפן, ניט פאָראויסגעזען פון די אייביקע מזלות, פאַרהוילן פון זיי, פאַרשטענדלעך נאָר אונזערע מוחות, אַ שיינער פיזישער און גייסטיקער פאַרגעניגן, וואָס בלויז דאָס

קליינע אומצופרידענע און אומרואיקע חיהלע — דער מענטש — האָט עס אויסגעטראַכט און טאַקע בלויז פאַר זיינטוועגן?

גיב נאָר אַ קוק אויף דערדאָזיקער פרוי, אויף גרעפין דע מאַסקאַרע. די נאַטור האָט זי באַשאַפן צום לעבן אין אַ הייל, אַ נאַקעטע, אָדער אין אַ מלבוש פון פעלן פון ווילדע חיות. צי איז זי אָבער אַזוי ניט בעסער? — אַ פראָפּאָ, איז עס אומבאַקאַנט, ווי אַזוי און פאַרוואָס איר מאַן, באַזיצנדיק אַזאַ ווייב און זייענדיק אויף אַזויפיל חיה, צו מאַכן זי זיבן מאָל פאַר אַ מוטער, האָט זי פלוצלונג אַוועקגעוואָרפן און גענומען נאָכלויפן נאָך לייכטזיניקע פרויען?

גראַנדען האָט געענטפערט:

— אַך, מיין פריינד, דאָס מסתמא איז טאַקע די איינציקע סיבה. סוף-כל-סוף האָט ער איינגעפונען, אַז גערכטיקן תמיד אינדערהיים איז אים צו טייער. באַוואויגן פון שפּאָרזאַמקייט, איז ער געקומען צו דיזעלביקע פּרינציפּן, וואָס דו שטעלסט פעסט אַלס פילאָסאָף.

ס'האָט זיך דערהערט אַ דריימאָליקער קלאַפּ, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אָנהייב פון לעצטן אַקט. די פריינד האָבן זיך אומגעווענדט, געצויגן די היט און פאַרנומען זייערע ערטער.

.IV

זיצנדיק איינס לעבן אַנדערן אין דער קאַרעטע, וואָס האָט זיי נאָכן ספּעקטאַקל אין דער אָפּערע געפירט אַהיים, האָבן גראַף און גרעפין דע מאַסקאַרע געשוויגן; מיט אַמאָל האָט דער מאַן זיך געווענדט צו דער ווייב און געזאָגט:

— גאַבריעל!

— וואָס ווינטשט איר?

— אפשר איז שוין צייט צו מאַכן דערמיט אַ סוף!

— מיט וואָס?

— אָט מיט די עקלהאַפטע עינויים, אויף וועלכע איר האָט מיך אָפּגעמשפּט שוין זעקס יאָר צייט.

— איך קען דאָ גאָרנישט ניט מאַכן.

— זאָגט מיר שוין אַמאָל אויס: וועלכער?

— קיינמאָל אין לעבן ניט!

— באַדענקט נאָר, איך בין ניט אימשטאַנד צו זען די קינדער, צו פילן זיי לעבן זיך, אַז דאָס האַרץ זאָל מיר דערביי ניט צעריסן ווערן פון ספקות. זאָגט מיר, וועלכער פון זיי, און איך וועל אים מוחל זיין און זיך פאַרהאַלטן צו אים אַזוי ווי צו די איבעריקע.

— איך האָב ניט קיין רעכט אייך דאָס צו זאָגן.

— איר זעט אַלזאָ ניט, אַז איך בין מער ניט בכוח אַריבערצוטראָגן אַזאַ לעבן, די דאָזיקע נאָגנדיקע מחשבה, די פראַגע, וואָס איך שטעל זיך אָן אויפהער און וועלכע מאַטערט מיך יעדעס מאָל, ווען איך קוק אויף די קינדער. איך גיי דערפון פון זינען אַראָפּ.

זי האָט געפרעגט:

— איר האָט אַלזאָ שטאַרק געליטן?

— שרעקלעך. אַניט וואָלט איך דען מסכים געווען אויף אַזאַ פיין, ווי לעבן נאָענט פון אייך, און נאָך אויף דער גרעסערער פיין צו פילן, אַז צווישן די קינדער איז דאָ אַ ווען, וואָס איז מיר פרעמד, און לאָזט מיך ניט ליב צו האָבן די איבעריקע.

זי האָט איבערגעחזרט:

— האָט איר אַלזאָ באמת שטאַרק געליטן?

ער האָט געענטפערט אײַנגעהאַלטן, אָבער מיט אַ ווייטאָג אין קול:

— איך חזר עס דאָך אייך איבער אַלע טאָג, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ אומדערטרעגלעכע פיין. ווען ניט דאָס, וואָלט איך דען צוריקגעקומען? וואָלט איך דען געבליבן וואוינען אין דעם דאָזיקן הויז, לעבן אייך און לעבן זיי, ווען איך וואָלט זיי ניט ליב געהאַט? אָ וויי, בנוגע צו מיר האָט איר געהאַנדלט זייער מיאוס. די קינדער זיינען מיין איינציקע צוגעבונדנקייט; איר ווייסט דאָס. איך בין זיי אַ פאָטער פון אַמאָליקע צייטן, אַזוי ווי

אײך בין איך געווען אַ מאַן, וואָס אַזאַ פּלעגט זיך טרעפן נאָר אין די פּאַרצײיטיקע פאַמיליעס, וואָרים, איך בין אַ מענטש פון אינסטינקט, אַ מענטש פון נאַטור, אַ מענטש פון אַלטן שניט. יאָ, איר האָט אין מיר דערוועקט אַ שרעקלעכע אײפערזוכט, וואָרים איר זײַט אַ פרוי פון אַן אַנדער ראַסע, מיט אַן אַנדער נשמה, מיט אַנדערע באַדערפעניש. אָ, דאָס, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, וועל איך קײנמאָל ניט פאַרגעסן. פון יענעם טאָג איבעריקנס האָב איך אויפגעהערט צו טראַכטן פון אײַך. איך האָב אײַך ניט געטויט, וואָרים דערמיט וואָלט איך בײַ זיך אַוועקגערויבט אַלע מעגלעכקײטן צו דערגײן ווען־עס־איז, וועלכעס פון אונזערע... פון אײַערע קינדער איז ניט מײַנס. איך האָב געוואַרט, אָבער געליטן האָב איך שטאַרקער, ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָרים איך קען זײ שוין מער ניט ליב האָבן, אַחוץ אפשר די עלטערע צוויי; איך וואַג ניט צו קוקן אויף זײ, איך וואַג זײ ניט אַ קוש צו טאָן; איך קען קײנעם פון זײ ניט אַוועקזעצן צו זיך אויף די קני, ניט צו פרעגן דערבײַ זיך אַלײן: „אפשר איז עס טאַקע ד ע ר“. בנוגע צו אײַך בין איך די גאַנצע צײַט געווען גאַנץ קאָרעקט, און אַפילו ווייך און העפלעך. זאָגט מיר אויס דעם אמת און איך שווער אײַך — איך וועל אײַך קײן שום בייז ניט טאָן.

אין דער פינסטערניש פון דער קאַרעטע האָט ער ווי געטראָפן איר אויפרעגונג און פילנדיק, אַז זי וועט באַלד אָנהײבן צו ריידן, האָט ער געזאָגט:

— איך בעט אײַך, איך בעט אײַך זײער.

זי האָט אַרויסגעפליסטערט:

— איך בין אפשר שולדיק נאָך מער, ווי איר מײנט. אָבער איך האָב ניט געקענט, ניט געקענט ווײַטער לעבן אין דער דאָזיקער עקלהאַפטיקער אײביקער שוואַנגערשאַפט. איך האָב ניט געהאַט קײן אַנדער מיטל צו פאַרמאַכן אײַך דעם צוטריט צו מײַן שלאָפצימער. איך האָב געזאָגט אַ ליגן פאַר גאָט, איך האָב געזאָגט אַ ליגן, שווערנדיק איבער די קעפּ פון מײַנע קינדער, וואָרים איך בין אײַך קײנמאָל ניט פאַלש געווען.

אין דער פינסטער האָט ער אָנגעכאַפּט איר האַנט, און דריקנדיק זי אַזוי ווי ער האָט זי געדריקט אין דעם שרעקלעכן טאָג פון זייער שפּאַציר צום בולאָנער וואַלד, האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— איז דאָס אמת?

— אמת.

אָבער געמאַטערט פון אומרו, האָט ער אַרויסגעפּליסטערט

— אַך, איצטער טרינק איך זיך אין נייע ספקות, צו וועלכע עס וועט קיין סוף ניט נעמען! ווען האָט איר געלייגט, דאַמאָלסט אָדער איצט? קען איך דען אייך איצטער גלייבן? קען מען דען גלייבן אַ פרוי נאָך דעם אַלעם? איך וועל קיינמאָל ניט וויסן, ווי זיך דערצו צו פאַרהאַלטן. מיר וואָלט זיין גרינגער, ווען איר זאָלט געווען זאָגן: „דאָס איז זשאַק, אָדער — דאָס איז זשאַנע".

די קאַרעטע איז אַריינגעפאָרן אין דעם הויף פון האָטעל. ווען זי איז שטיין געבליבן ביים גאַניק, איז דער גראַף אַרויס דער ערשטער און ווי געוויינלעך דערלאַנגט דער ווייב די האַנט, אַרויפצוגיין אויף די טרעפּ.

און אַרויפגעשטיגן אויפן ערשטן שטאָק, האָט ער געזאָגט:

— קען איך מיט אייך ריידן עטלעכע מינוט?

זי האָט געענטפערט:

— מיט פאַרגעניגן.

זיי זיינען אַריין אין דעם קליינעם גאַסטצימער, וואו דער לאַקיי, אַ ביסל פאַרוואונדערט, האָט אָנגעצונדן די ליכט.

ווען זיי זיינען געבליבן אַליין, האָט דער גראַף געזאָגט:

— ווי אַזוי וועל איך דערגיין דעם אמת? טויזנטער מאָל האָב איך זיך געבעטן ביי אייך, איר זאָלט מיר עס אויסזאָגן, אָבער איר זייט געבליבן שטום, האַרט, אומבּרחמנותדיק, ניט איבערצוריידן, און פּלוצלונג היינט טוט איר מיר אַ זאָג, אַז דאָס איז געווען אַ ליגן. זעקס יאָר האָט איר געקענט דערלאָזן, איך זאָל גלייבן אין אַזאַ זאַך! ניין, אויב איר לייגט, לייגט איר איצטער, איך ווייס ניט צוליב וואָס, אפשר — אויס רחמנות אויף מיר!

זי האָט געענטפערט אויפריכטיק און מיט איבערצייגונג:

— אָבער ווען איך וואָלט עס ניט געטאָן, וואָלט איך געהאַט נאָך פיר קינדער פאַר די לעצטע זעקס יאָר.

ער האָט אויסגערופן:

— און אָט אַזוי רעדט אַ מוטער?

— אָ, האָט זי געזאָגט, איך פיל זיך אַבסאָלוט ניט ווי אַ מוטער פון נאָך ניט געבוירענע קינדער; פאַר מיר איז גענוג צו זיין אַ מוטער צו קינדער, וואָס איך האָב שוין און צו ליבן זיי מיטן גאַנצן האַרצן. איך... מיר, זייגען פרויען פון דער ציוויליזירטער וועלט, מיר זיינען ניט קיין איינפאַכע „זיען", וואָס באַפעלקערן אויף דאָס ביי די ערד, און זאָגן זיך אָפּ עס צו זיין.

זי איז אויפגעשטאַנען; אָבער ער האָט זי אָפּגעהאַלטן פאַר דער האַנט.

— איין וואָרט, בלויז איין וואָרט, גאַבריעל. זאָגט מיר דעם אמת?

— איך האָב אייך געזאָגט דעם אמת. איך בין אייך קיינמאָל ניט פאַלש געווען.

ער האָט איר געקוקט גלייך אין פנים אַריין — אַזאַ שיין פנים מיט גרויע אויגן, ווי קאַלטע הימלען. אין אירע שוואַרצע האָר, אין דער שטאָקפינסטערער נאַכט פון אירע האָר האָט די דיאַדעמע, באַשאָטן מיט ברילליאַנטן, געפינקלט אַזוי ווי דער מילכוועג. דאָ האָט ער ווי דורך עפּעס אַ אינטואיציע פּלוצלונג דערפילט, אַז אָט דאָס ווען איז ניט בלויז אַ פרוי, וואָס איז באַשטימט צו פאַרלענגערן דעם קיום פון זיין מין, נאָר אַן אויסטערלישער סודותפולער פּראָדוקט פון אַלע קאָמפּליצירטע שטרעבונגען אונזערע, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין אונז אין משך פון דורות, אָפּגעווייכט פון זייער לכתחילהדיקן געטלעכן ציל, זוכן אָבער די מיסטישע, פאָרגעזעענע און אומדערגרייכלעכע שיינהייט. אַזוי זיינען געוויסע פרויען, וואָס בליען אויסשליסלעך פאַר אונזערע טרוימען, זיינען באַצירט מיט דער גאַנצער פּראַכט פון דער פּאָעזיע, מיט דער גאַנצער קונסט און עסטעטישן חן, וואָס די נאַטור האָט אַריינגעלייגט אין דער פרוי, אין דערדאָזי־

קער לעבעדיקער סטאַטוע, וועלכע דערוועקט דערהויבענע גייסטיקע שטרעבונגען ניט ערגער ווי זינלעכע תאוות.

דער מאַן אירער איז געשטאַנען פאַר איר, איבערראַשט פון דערדאָזיקער פאַרשפּעטיקטער און שווער׳מוטיקער אַנטדעקונג, טונקל אַנענדיק די סיבה פון זיין פריערדיקער אייפערזוכט און שלעכט פאַרשטייענדיק דאָס אַלץ.

ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— איך גלייב אייך. איך פיל, אַז אין דערדאָזיקער מינוט ליגט איר ניט; פריער האָט זיך מיר טאַקע אַלעמאָל אויסגעדאַכט, אַז איר האָט געליגט.

זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— מיר זיינען אַלזאָ גוטע פריינד?

ער האָט גענומען דידאָזיקע האַנט און האָט זי אַ קוש געטאָן מיט די ווערטער:

— מיר זיינען גוטע פריינד. איך דאַנק אייך, גאַבריעל.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען, ניט אויפהערנדיק צו קוקן אויף איר, פאַרוואונדערט, וואָס זי איז אַלץ נאָך אַזוי שיין, און שפּירנדיק, ווי אין אים האָט אויפגעוואַכט אַ נייער געפיל, אפשר אַ שרעקלעכער, ווי די פריערדיקע אומגעקינצלטע ליבע.

* * *

די נאָוועלע „אומניצלעכע שיינקייט“ איז געווען געדרוקט אין די פּעליעטאָנען פון דער צייטונג — Echo de Paris פון 2־טן ביזן 7־טן אַפּריל 1890.

מאָפּאַסאַן האָט זיך, ווייזט אויס, לאַנג געקווענקלט, ווי ער זאָל די נאָוועלע אָנרופן. תּחילת האָט זי געהייסן: „וועלכער?“ זיין פאַרלעגער האָט אים פאָרגעלייגט דעם נאָמען „מאַן און ווייב“, האָט אים מאָפּאַסאַן געענטפערט: „דער טיטל, וואָס איר האָט מיר פאָרגעלייגט, הייבט מיר ניט אָן צו געפעלן, איך קען אים ניט אָננעמען. איך בין אין גרויס פאַרלעגנהייט“. ענדלעך האָט ער זיך אָנטשלאָסן און שרייבט דעמדאָזיקן פאַרלעגער: „ד י א ו מ נ י צ ל ע כ ע ש י י נ ק י י ט“ וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, שטעלן אַלס די ערשטע אין דעם באַנד, וועלכער וועט טאַקע הייסן מיט דעמדאָזיקן טיטל, וואָס אַלע גראַטולירן מיר מיט אים“.

וועגן דער נאָוועלע גופא שרייבט ער אים:

„זייט זיכער, אַז „די אומניצלעכע שיינקייט“ איז הונדערט מאָל בעסער פאַר דעם „איילבערטפעלד“. „דאָס איילבערטפעלד“ וועט מער זיין אין געשמאַק פון דער בורזשואַזער סענטימענטאַליטעט, אָבער די בורזשואַזע סענטימענטאַליטעט האָט אָנגעטאָט מיינונגען — נערוון“. „די אומניצלעכע שיינקייט“ איז די זעלטנסטע נאָוועלע פון די אַלע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן. דאָס איז ניט מער ווי אַ סימבאָל... שיקט מיר צו וואָס גיכער קיין פּאַריז די אויסגעזוכטע בויגנס. די אויגן זייגען מיר גאָר קראַנק און איך קאָרעקטיר זייער לאַנגזאַם“...

די שטול־פלעכטערין.

דער מיטאָג, וואָס מאַרקיז דע בערטראַן האָט אַלע יאָר געגעבן לכבוד דער עפענונג פון דעם געיעג, האָט געהאַלטן ביים סוף. עלף יעגער, אַכט יונגע דאַמען און דער דאָקטאָר פון דעם שטעטל זיינען געזעסן אַרום דעם גרויסן, העל באַלויכטענעם, מיט בלומען און פרוכט רייך געגרייטן טיש.

ס'איז געקומען צו רייד וועגן ליבע און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסע מחלוקה, די אייביקע מחלוקה איבער דער פראַגע, צי מ'קען ליב האָבן באמת עטלעכע מאָל אין לעבן אָדער נאָר איין מאָל. מ'האָט געבראַכט ביישפילן פון מענטשן, וואָס האָבן אין זייער לעבן ערנסט ליב געהאַט נאָר איינאיינציק מאָל; מ'האָט דערציילט פון אַנדערע, וואָס האָבן געליבט און שטאַרק געליבט אַ סך מאָל. די מענער בכלל האָבן געטענהט, אַז די ליידנשאַפט, אַזוי ווי יעדע קראַנקהייט, קען טרעפן דעם מענטשן עטלעכע מאָל און טרעפן אַזוי שווער, אַז ווען זי באַגעגנט אַ וועלכע עס איז מניעה, קען זי מיטברענגען דעם טויט.

הגם קעגן דער ריכטיקייט פון אַזאַ קוק האָט מען זיך ניט געקענט אַמפערן, האָבן די פרויען, באַגרינדנדיק זייער מיינונג מער מיט פּאָעזיע, ווי מיט פאַקטן, פונדעסטוועגן געהאַלטן, אַז צו דער ליבע, דער אמתער ליבע, דער גרויסער ליבע קען דער בשר־ודם זוכה זיין נאָר איינמאָל, אַז דידאָזיקע ליבע איז געגליכן צו אַ בליץ און דאָס האַרץ, וואָס איז פון איר געטראָפן, בלייבט אַזוי וויסט און לער און פאַרברענט, אַז אין אים קען שוין מער קיינמאָל ניט אויפבליען קיין שום אַנדער גרויסער געפיל, אַפילו קיין טרוים ניט פון ליבע.

דער מאַרקיז, וואָס האָט אַ סך געליבט, האָט זייער ענערגיש אָפּגעפרעגט דידאָזיקע מיינונג:

— און איך זאָג אײַך, אַז מ׳קען עטלעכע מאָל ליב האָבן און טאַקע מיט אַלע כּוחות, מיט דער גאַנצער נשמה. איר בּרענגט מיר ראיות, אַז אַ צווייטע ליידנשאַפט קען ניט געמאָלט זיין, אַז מענטשן האָבן זיך דאָס לעבן גענומען אויס ליבע. איך קען אייך דערויף נאָר ענטפערן, אַז ווען זיי זאָלן ניט געווען טאָן די נאַ־רישקייט צו טויטן זיך, פאַרלירנדיק אַזוי־אַרום די מעגלעכקייט פון אַ צווייטער ליבע, וואָלטן זיי זיך זיכער אויסגעהיילט. זיי וואָלטן ווידער אָנגעהויבן פון אָנהייב און אזוי כּסדר, כּסדר געליבּט ביז אין טויט אַריין. די ליבּהאָבער זיינען ווי די שיכּורים. ווער ס׳האָט אַמאָל געטרונקען, וועט ווידער טרינקען; ווער עס האָט געליבּט, וועט ווידער ליב האָבן. דאָס איז אַ זאַך פון טעמפּע־ראַמענט.

אַלס בּורר האָט מען אָנגערופן דעם דאָקטאָר, אַן אַלטן פּאַריזער מעדיקער, וואָס האָט זיך בּאַזעצט אויפן ישוב, און מ׳האָט אים געבּעטן אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג.

ליידער האָט ער ניט געהאַט אין דעם ענין קיין בּאַזונדערע מיינונג.

— ווי דער מאַרקיז האָט געזאָגט — האָט ער זיך ענדלעך אָפּגערופן, — איז דאָס אַ זאַך פון טעמפּעראַמענט. אָבער איך האָבּ גראָד יאָ געקענט אַ ליידנשאַפט, וועלכע האָט זיך געצויגן פינף און פופציק יאָר כּסדר, אַ טאָג זאָל פעלן, און ערשט דער טויט האָט צו איר אַ סוף געמאַכט.

די מאַרקיזע האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענט:

— ווי שיין דאָס איז! און וואָס פאַר אַ טרוים דאָס איז אַזוי געליבּט צו ווערן! וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פינף און פופ־ציק יאָר נאָכאַנאַנד צו זיין אַרומגערינגלט מיט אַזאַ הייסער בּאַ־שטענדיקער ליבשאַפט! עס איז דאָך פּשוט מקנא צו זיין דעם, וואָס איז אַזוי געליבּט געוואָרן, ער האָט דאָך געדאַרפט תּמיד דאָס לעבן בּענטשן!

דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איר האָט קיין טעות ניט, מאַרקיזע, — האָט ער גע־ענטפערט,— אָננעמענדיק אַז די געליבּטע פּערזאָן איז געווען

אַ מאַנספאַרשוין. איר קענט אים אַגב; דאָס איז מאָסיע שוקע, דער אַפּטייקער פון שטעטל. און אויך זי, די פרוי, האָט איר געקענט, די אַלטע שטול-פלעכטערין, וואָס פלעגט קומען אין שלאָס אַריין אַלע יאָר. אָבער כ׳וועל פרווון ריידן דייטלעכער.

די התפעלות פון די דאַמען איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן, און זייערע אַנטטוישטע פּנימער האָבן ווי גערעדט: „פע!" גלייך די ליבע איז נאָר פאַר די פיינע און עלעגאַנטע מענטשן, און נאָר דידאָזיקע מענטשן זייגען ראוי דעם אינטערעס פון אַ אָנשטענדיקער געזעלשאַפט.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן:

— מיט אַ חדשים דריי צוריק האָט מען מיך גערופן צו דער אַלטער פרוי, וועלכע האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. זי איז מיט אַ טאָג פריער געהאַט אָנגעקומען אַהער אין דעם וואָגן, וואָס האָט איר געדינט פאַר אַ דירה, געשפּאַנט אין דער רויטבּרוינער קליאַטשע, וואָס איז אייך באַקאַנט, און באַגלייט פון די ביידע גרויסע שוואַרצע הינט, אירע איינציקע פריינד און היטער. דער גלח איז שוין געווען דאָרטן. זי האָט אונז געבעטן זיין די אַפּוטרופּסים פון איר צוואה און, כדי מיר זאָלן בעסער באַנעמען איר לעצטן ווילן, האָט זי אונז דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון איר לעבן. איך ווייס ניט קיין אויסטערלישערע און רירנדערע געשיכטע.

דער פאָטער אירער איז געווען אַ שטול-פלעכטער, און די מוטער — אַ שטול-פלעכטערין. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פעסטן דאַך איבערן קאָפּ.

נאָך גאָר אַ קליין מיידעלע, האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט מיט אירע עלטערן איבערן ישוב, קרוע-בלוע, פאַרוואָרלאָזט און פאַרברודיקט.

דער וואָגן פלעגט זיך אָפּשטעלן ביים אַריינפאָר אין דאָרף אַריין, ביי שאָסיי-גראָבנס. מ׳פלעגט אויסשפּאַנען דעם פערד און אים געלאָזט זיך פיטערן, דער הונט פלעגט שלאָפן מיט דער נאָז אויף די לאַפּעס, און די קליינע האָט זיך געוואַלגערט אין גראָז, בשעת ווען איר טאַטע-מאַמע פלעגן אין דעם שאָטן פון די

בוקנביימער וואָס ביים וועג פאַרריכטן אַלע צעריסענע שטולן פון דעם דאָרף.

אין דערדאָזיקער באַוועגלעכער דירה האָט מען זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט. נאָך די פּאָר ווערטער, וואָס זיינען געווען נייטיק, כדי אָפּצורײדן, ווער עס זאָל גיין איבער די הייזער מיט דעם באַקאַנטן רוף: „שטו=ו=ול-פלעכטער! שטו=ו=ול=פלעכטער!" פלעגן די עלטערן זיך זעצן אײנס לעבן אַגדערן אָדער אַנטקעגנאיבער און זיך געמען צו דער אַרבעט. ווען דאָס קינד פלעגט אַמאָל אַ ביסל צו ווייט פאַרגיין אָדער פּרווון צוגיין נענטער צו די דאָרפישע שקצימלעך, האָט די שטים פון דעם פאָטער מיט אַ געבייזער זי באַלד צוריקגערופן: „קום אַהער, די מינוט, חצופה דו!" דאָס זיינען געווען די איינציקע ווערטער, וואָס זי האָט געהערט.

אַז זי איז אונטערגעוואַקסן, פלעגט מען זי שיקן צונויפצוקלייבן די צעלעכערטע שטולן. דאַן פלעגט איר אַמאָל אָפּגליקן צו שליסן וואו=ניט=וואו אַ באַקאַנטשאַפט מיט די גאַסניינגלעך, אָבער דאָ האָבן שוין די עלטערן פון אירע נייע פריינד זיך גראָב געבייזערט אויף זייערע קינדער: „קום אַהער, דו באַדיונג איינער! איך זאָל דיך נאָכאַמאָל ניט זען חברן זיך מיט די שלעפערס!"

אָפט פלעגן די קליינע ייִנגלעך וואַרפן אויף איר שטיינער.

אַז די באַלעבאָסטעס פלעגן איר אַמאָל שענקען אַ פּאָר סו, פלעגט זי זיי גוט באַהאַלטן.

איינמאָל—זי איז שוין דאַן אַלט געווען עלף יאָר—ווען אירע עלטערן זיינען ווידער געקומען אין דידאָזיקע מקומות, האָט זי הינטער דעם צווינטער געטראָפן דעם קליינעם שוקע. ער האָט געוויינט, ווייל זיינער אַ חבר האָט אים באַגנבעט אויף צוויי גראָשן. דידאָזיקע טרערן האָבן זי שטאַרק אויפגערודערט. דאָס אָרימע פאַרוואָרלאָזטע קינד נעבעך האָט געגלייבט ביזאַהער, אַז די באַלעבאַטישע קינדער זיינען אַלעמאָל גליקלעך און פריילעך. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אַז זי איז געוואָר געוואָרן די סיבה פון זיין אומגליק, האָט זי אים אַריינגערוקט אין האַנט אַריין אַלע אירע אָפּשפּאָרונגען—זיבן סו. ער האָט זיי, פאַרשטייט

זיך, צוגענומען און אָפּגעווישט די טרערן. ממש משוגע פאַר פרייד, האָט זי צוגויפגענומען איר גאַנצן מוט און אים אַ קוש געטאָן. פאַרנומען מיט ציילן דאָס געלט, האָט ער זיך געלאָזט. זענדיק, אַז ער האָט זי ניט אָפּגעשטויסן און ניט געשלאָגן, האָט זי אים אַ קוש געטאָן נאָכאַמאָל, אַרומגענומען אים און ווידער־אַמאָל אַ קוש געטאָן פון גאַנצן האַרצן. דערנאָך איז זי אַנטלאָפן.

וואָס איז פאָרגעקומען אין איר אָרימען מוח? האָט זי זיך צוגעבונדן צו דעם קליינעם ייִנגל דערפאַר, ווייל זי האָט אים אַוועקגעשענקט איר גאַנצן בעטלערישן קאַפּיטאַל, אָדער דערפאַר ווייל זי האָט אים געגעבן איר ערשטן צערטלעכן קוש? דער סוד, פאַרוואָס מ׳האָט ליב, איז ניט צום פאַרשטיין ביי די קינדער ווי ביי די גרויסע.

חדשים לאַנג האָט זי געטרוימט פון דעם עק צווינטער און פון דעם קליינעם ייִנגל. אין דער האָפענונג צו זעען אים ווידער פלעגט זי באַגנבענען די עלטערן אירע, פאַרדינענדיק דאָ אַ סו, דאָרט אַ סו, ביים אָפּגעבן די פאַרריכטע שטולן אָדער ביים איינקויפן עסנוואַרג.

אַז זי איז צוריקגעקומען ווידער, האָט זי געהאַט איר אייגנס צוויי פראַנק, אָבער זי האָט דעם קליינעם אַפּטייקער־ייִנגל געזען נאָר איינמאָל פונדערווייטנס, הינטער די שויבן פון דעם פאָטערס געשעפט, אַ שיין אָנגעטאָנענעם זיצנדיק צווישן צוויי גרויסע גלעזערנע כלים, אָנגעפילט מיט אַ רויטער פליסיקייט.

זי האָט אים ליב באַקומען נאָך שטאַרקער, אַנטציקט, נתפּעל, מיטגעריסן פון דער פּראַכט פון רויטן וואַסער, פון דעם גלאַנץ פון דעם פינקלענדיקן גלאָז.

זי האָט די דערמאָנונג וועגן דעם באַהאַלטן שטיל אין איר האַרצן, ניט אויסצומעקן, און אַז זי האָט אים אין אַ יאָר אַרום געטראָפן הינטער דער שול, וואו ער האָט מיט זיינע חברים געשפּילט אין פּילקע, האָט זי אים אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס און געקושט אַזוי הייס, אַז ער האָט געמאַכט קולות פאַר שרעק. צו באַרואיקן אים האָט זי אים אַוועקגעגעבן איר געלט: דריי פראַנק צוואַנציק סאַנטים, אַ גאַנצער אוצר, וואָס ער האָט באַטראַכט מיט ברייט געעפנטע אויגן.

ער האָט אויך גיך צוגענומען דאָס געלט און דערפאַר געלאָזט, זי זאָל אים האַלטן און צערטלען.

אין משך פון די פיר יאָר נאָכדעם זיינען אַלע אירע אָפּשפּאָרונגען אַריינגעגאַנגען אין זיין האַנט. ער האָט זיי געלאַסן איינגעקאַסירט און זיך דערפאַר געלאָזט קושן. איינמאָל איז דאָס געווען דרייסיק סו, איינמאָל — צוויי פראַנק, איינמאָל צוועלף סו, זי האָט געוויינט, ווייל די קליינע סומע האָט זי נידערגעשלאָגן, אָבער ס'איז געווען אַזאַ שלעכטער יאָר! דערפאַר דאָס לעצטע מאָל האָט זי אים געגעבן פינף פראַנק, אַ שיינע גרויסע קיילעכדיקע מטבע, און אָנקוקנדיק די דאָזיקע מטבע, האָט ער צופרידן געלאַכט.

זי האָט געטראַכט נאָר וועגן אים, און אויך ער האָט שוין געוואַרט אויף איר מיט אַ געוויסער אומגעדולד און, דערזעענדיק זי, געלאָפן איר אַנטקעגן, פון וואָס איר האַרץ האָט געצאַפּלט פאַר פרייד. דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן. מ'האָט אים אָפּגעגעבן אין גימנאַזיע. זי איז עס דערגאַנגען דורך פאָרזיכטיקע פראַגן און האָט אָנגעווענדט טויזנט קונצשטיקלעך צו ענדערן דעם לכתחילהדיקן מאַרשרוט פון אירע עלטערן און עס אַזוי אויסקאָמבינירן, אַז זיי זאָלן גראָד בשעת וואַקאַציעס קומען אין די קאַנטן. עס האָט זיך איר איינגעגעבן, אָבער אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד האָט זי געדאַרפט דערצו אָנווענדן איר גאַנצע ערמה. צוויי יאָר צייט האָט זי אים ניט געזען און האָט איצט אים קוים דערקענט, אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן, אַזוי שיין, אַזוי מעשה מענטש האָט ער אויסגעזען אין זיין מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ. ער האָט זיך געמאַכט זי ניט זעענדיק און איז שטאָלץ איר פאַרבייגעגאַנגען.

זי האָט געוויינט צוויי טעג נאָכאַנאַנד און פון דאַן אָן האָט זי געליטן אָן אַ סוף.

אַזוי ווי פריער פלעגט זי אַלע יאָר צוריקקומען אַהער; זי איז געגאַנגען אים פאַרביי, ניט האָבנדיק דעם מוט אים צו גריסן, און ער האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אין איר זייט. זי האָט אים ליב געהאַט אָן אַ מאָס. אויף איר גסיסה־בעט האָט זי מיר מודה געווען: „ער איז דער איינציקער מאַן, וואָס איך האָב געזען אויף

דער ערד. איך ווייס ניט, צי איז פאַרהאַן נאָך איינער אַחוץ אים!"

די עלטערן אירע זיינען געשטאָרבן. זי האָט געפירט ווייטער זייער געשעפט, אָבער אָנשטאָט איין הוגט האָט זי מיטגעפירט צוויי שרעקלעכע כלבים, פאַר וועלכע אַלע האָבן מורא געהאַט.

אַז זי האָט איינמאָל זיך ווידער צוריקגעקערט אין דעם דאָרף, וואו איר האַרץ איז געבליבן אויף אימער און אייביק, האָט זי דערזען, ווי איר געליבטער איז אַרויס פון דער אַפּטייק מיט אַ יונגער פרוי אונטער דער האַנט.

דאָס איז געווען זיין פרוי. ער האָט חתונה געהאַט.

אין דעם אייגענעם אָוונט האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין. אַ שיכור, וואָס האָט זיך שפּעט אומגעקערט אַהיים, האָט זי אַרויסגעצויגן פון וואַסער און געבראַכט זי אין אַפּטייק. דער יונגער שוקע איז אַראָפּ אונטן אין כאַלאַט, האָט זיך געמאַכט ניט דערקענענדיק זי, האָט זי אויסגעטאָן, אויסגעריבן און דער־נאָך געזאָגט מיט אַ האַרטן קול: „איר זייט משוגע צי וואָס אַזעלכע נאַרישקייטן טאָר מען ניט טאָן!"

דאָס איז געווען גענוג, כדי זי זאָל געזונט ווערן. ער האָט צו איר גערעדט! זי איז געווען גליקלעך אויף אַ לאַנגע צייט.

ער האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געצאָלטס פאַר זיין טרחה, הגם זי האָט עס ענערגיש געפאָדערט.

אַזוי איז פאַרגאַנגען איר גאַנץ לעבן. זי האָט געפלאָכטן שטולן און געטראַכט וועגן שוקע. אַלע יאָר האָט זי געקוקט אויף אים דורך די שויבן און איינגעקויפט ביי אים אַ פאַרגרייט פון קליינע מעדיקאַמענטן. אויף אַזאַ אופן האָט זי אים לכל־הפחות געזען פון דער נאָענט, גערעדט מיט אים און אים געלט געגעבן, אַזוי ווי פריער.

ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז זי געשטאָרבן היינ־טיקן פרילינג. אַז זי האָט מיר אויסדערציילט די גאַנצע טרויעריקע געשיכטע, האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל די אָפּשפּאָרונגען פון איר גאַנצן לעבן איבערגעבן דעם, וועמען זי האָט אַזוי גע־

טריי געליבט, וואָרים נאָר פאַר אים האָט זי געאַרבעט, געליטן דחקות, אַבי נאָר צו פאַראיבעריקן אַ פּאָר סו, כּדי זי זאָל קענען זיין זיכער, אַז נאָך איר טויט וועט ער זי כאָטש איינמאָל דערמאָנען.

און זי האָט מיר איבערגעגעבן 2327 פראַנק. די זיבן און צוואַנציק פראַנק האָב איך איבערגעלאָזט דעם גלח אויף קבורה־הוצאות און די רעשט געלט האָב איך צוגענומען צו זיך.

אויף צומאָרגנס נאָך איר טויט בין איך אַוועק צו שוקע. ער האָט גראָד געגעסן אָנבייסן מיט זיין ווייב. זיי זיינען געזעסן איינס אַנטקעגן אַנדערן, דיקע און רויטע, דורכגעזאַפּטע פון די אַפּטייק־ריחות, צופרידענע און סאָלידע.

מ׳האָט מיך געבעטן זיצן, מכבד געווען מיט אַ ביסל קאַרשנבראָנפן און מיט אַ ציטערדיקן קול האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן, זייענדיק זיכער, אַז די געשיכטע וועט זיי רירן ביז טרערן.

אָבער ווי נאָר שוקע האָט דערהערט, אַז די דאָזיקע דאָרפסשלעפערין, די דאָזיקע שטול־פלעכטערין, די דאָזיקע בעטלערין האָט אים ליב געהאַט, איז ער אויפגעשפרונגען אויסער זיך פאַר כּעס, גלייך ווי זי האָט אים זיין מערכה קאַליע געמאַכט, די אַכטונג פון אָנשטענדיקע מענטשן אַוועקגענומען, זיין ערע באַגנבעט צעשטערט אים עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים טייערער ווי דאָס לעבן.

זיין פרוי, אויפגעבראַכט ניט ווייניקער פאַר אים, האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „אַזאַ געמיינע שלעפערין! אַזאַ געמיינע שלעפערין!” און ניט געקענט געפינען קיין אַנדערע ווערטער.

ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און גענומען שפּאַנען מיט גרויסע שריט הין און צוריק אין זיין גריכישער מיץ, וואָס האָט זיך אים אַראָפּגערוקט אויפן אויער. ער האָט געשטאַמלט: „קען מען דאָס דען פאַרשטיין, דאָקטאָר! איז דען פאַרהאַן נאָך אַ אומאיינגענעמערע זאַך פאַר אַ מאַנסביל! ווען איך זאָל דאָס געווען וויסן, בשעת זי האָט געלעבט, וואָלט איך געפאָדערט פון דער פּאָליציי, מ׳זאָל זי אַריינזעצן אין תּפיסה. און זי וואָלט ביי מיר פון דאָרט שוין ניט אַרויסגעגאַנגען, דערין מעגט איר זיין זיכער!”

אויף אַזאַ רעזולטאַט פון מיין גוט געמיינטער שליחות האָב איך זיך ניט געריכט. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך זאָל זאָגן אָדער טאָן. אָבער איך האָב דאָך פאָרט געמוזט אויספירן מיין אויפטראָג ביזן סוף און האָב ווידער אָנגעהויבן:

— זי האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן אייך אירע אָפּשפּאָרונגען, וואָס באַטרעפן 2300 פראַנק. היות אָבער אייך איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך נאָר וואָס דערציילט, אַזוי דערווידער, איז אפשר די גלייכסטע זאַך צו צעטיילן דאָס אָרימעלייט?

זיי האָבן מיך ביידע אָנגעקוקט, ווי דאָס לשון וואָלט זיי אָפּגענומען.

איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס געלט, אָרים, שלימזלדיק געלט, מטבעות פון אַלע לענדער און אַלע סאָרטן. גאָלד, זילבער, ניקל. דערנאָך האָב איך געפרעגט:

— וואָס זשע טראַכט איר צו טאָן?

מאַדאַם שוקע האָט די ערשטע געפונען צוריק דאָס לשון:

— אָבער וויבאַלד דאָס איז דער לעצטער ווילן פון דער דאָזיקער פרוי... וועט אונז שווער זיין זיך אָפּצוזאָגן דערפון.

דער מאַן אירער, אַ ביסל פארלוירן, האָט געזאָגט:

— אַלנפאַלס קענען מיר דערפאַר קויפן עפּעס פאַר די קינדער.

איך האָב טרוקן געענטפערט:

— ווי איר פאַרשטייט.

ער האָט ווידער געזאָגט:

— גיט אַהער דאָס געלט, וויבאַלד זי האָט דאָס געוואָלט. ס'וועט זיך שוין געפינען אַ געלעגנהייט אויסצוגעבן עס אויף אַ גוטן צוועק.

איך האָב אים אָפּגעגעבן דאָס געלט, געזאָגט אַ גוטן טאָג און בין אַוועק.

אויף מאָרגן איז שוקע אַריינגעקומען צו מיר און געפרעגט אָן שום מחזקות:

— זי האָט דאָך נאָך איבערגעלאָזט דאָ איר וואָגן... די... דאָזיקע פרוי. וואָס וועט איר דען טאָן מיט דעם וואָגן?

— גאָרנישט. נעמט אים זיך צו, אַז איר ווילט.

— ער וועט מיר גראָד איצט שטאַרק צוניץ קומען. איך וועל דערפון מאַכן אַביידל פאַרן גאָרטן.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען. איך האָב אים אַ רוף געטאָן צוריק:

— זי האָט אויך איבערגעלאָזט איר אַלט פערד און די צוויי הינט. אפשר דאַרפט איר זיי אויך האָבן?

ער איז געבליבן שטיין אַ איבערראַשטער:

— אָבער ניין, וואָס דאַרף איך זיי? איר קענט מיט זיי טאָן וואָס איר ווילט.

ער האָט זיך צעלאַכט און דערלאַנגט מיר די האַנט, און איך האָב זי אַ דריק געטאָן. וואָס קען מען מאַכן? אַ דאָקטאָר און אַן אַפטייקער, וואָס וואוינען אין איין מקום, טאָרן זיך ניט קריגן.

די הינט האָב איך איבערגעלאָזן פאַר זיך. דער גלח, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע סטאָדאָלע, האָט צוגענומען דאָס פערד, דער וואָגן איז אַריבער צו שוקע און פאַר דעם געלט האָט ער זיך געקויפט פינף אָבליגאַציעס פון די אייזנבאַנען.

דאָס איז די איינציקע אמתע ליבע, וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט.

דער דאָקטאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן.

די מאַרקיזע האָט געהאַט טרערן אין די אויגן און האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— אַוודאי! נאָר די פרויען קענען ליב האָבן אויף אַן אמת!

מאַדאַם באַטיסט.

אַרייַנגעקומען אין דעם פּאַסאַזשיר־זאַל פון לובענער וואָקזאַל, האָב איך קודם־כל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. איך האָב נאָך געהאַט צו וואַרטן צוויי שעה מיט צען מינוט אויף דעם עקספּרעס קיין פּאַריז.

איך האָב זיך פּלוצלונג דערשפּירט זייער מיד, אַזוי ווי נאָך צען מייל צו פוס גיין. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן גלייך ווי כ'האָב געוואָלט פון די ווענט אַראָפּלייענען אַ מיטל צו פאַרקירצן די צייט, ביז דער צוג וועט אָפּגיין. דאַן בין איך אַרויס און שטיין געבליבן אויף דער וואָקזאַל־פּלאַטפאָרם, אַלץ פאַרנומען מיטן אייגענעם געדאַנק אויסצוטראַכטן עפּעס וואָס צו טאָן.

די גאַס, אַ מין אַלעע, פאַרפלאַנצט מיט מאָגערע אַקאַציען־ביימלעך, האָט זיך געצויגן אַרויפצו איבער אַ היגל צווישן צוויי שורות הייזער, ניט גלייכע און פאַרשיידנאַרטיקע הייזער פון אַ קליין שטעטל; און גאָר אין עק האָט זיך געזען אַ גרופּע ביימער, גלייך ווי זי וואָלט זיך דאָרט פאַרלאָרן אין אַ פּאַרק.

פון צייט צו צייט איז אַ קאַץ אַריבער די גאַס, פאָרזיכטיק שפּרינגענדיק איבער די רינשטאָקן. אַ הונט האָט אייַלנדיק גע־שנאַפּט אַרום די וואָרצלען פון די ביימער, זוכנדיק די קיך־שיריים. איך האָב ניט באַמערקט קיין מוטער־מענטש.

אַ מרה־שחורהדיקע מוטלאָזיקייט האָט מיך באַהערשט. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? איך האָב שוין געטראַכט פון דעם אומענדלעכן און אומפאַרמיידלעכן זיצן אין אַ קליינעם אייַזנבאַן־קאַפע פאַר אַ גלאָז ביר ניט צום טרינקען און פאַר דער אָרטיקער צייטונג ניט צום לייענען, — ערשט פּלוצלונג האָב איך באַמערקט אַ לוויה, וואָס האָט פון אַ זייטיק געסל זיך פאַרקערעוועט אין דער גאַס, איבער וועלכער איך בין געגאַנגען.

דער אָנבליק פון דעם אָרון און דער טרויער־פּראָצעסיע איז פֿאַר מיר געווען אַ שטיקל טרייסט. זיי האָבן באַטייט אַ צייט־פֿאַרטרייב לכל־הפּחות אויף אַ מינוט צען.

פּלוצלונג אָבער האָט מיין אויפמערקזאַמקייט זיך פֿאַרטאָפּלט. די גאַנצע לוויה איז באַשטאַנען נאָר פון אַכט מענער, וואָס איינער פון זיי האָט געוויינט. די איבעריקע האָבן פריינדלעך געשמועסט צווישן זיך. קיין גלח איז ניט געווען. „אַ ציווילע לוויה!" האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אַ שטאָט ווי לובען האָט געמוזט געוויס האָבן אַ הונדערט פריידענקער, וואָס וואָלטן געדאַרפט האַלטן פֿאַר זייער חוב עפנטלעך אַרויסצווייזן זייערע אָנשויאונגען ביי אַזאַ געלעגנהייט. אָבער פון דער איילעניש, מיט וועלכער דער אָרון און די לוויה האָבן זיך באַוועגט, האָט מען פּאָרט דייטלעך געקענט דערקענען, אַז מ'האָט דעם מת געבראַכט צו קבורה אָן שום צערעמאָניע, אַלזאָ אָן דעם אָנגענומענעם רעליגיעזן ריטואַל.

מיין אומבאַשעפטיקטע נייגעריקייט האָט געבויט נאָך אַנדערע קאָמפּליצירטע השערות. און אַז דער אָרון איז אָנגעפאָרן פֿאַרביי מיר, איז מיר איינגעפאַלן אַ מאָדנער פֿאַרלאַנג — מיטצוגיין מיט די אַכט הערן. איך וואָלט דאַן אויסגעבראַכט ווייניקסטנס אַ שעה צייט, און אַנטשלאָסענערהייט האָב איך מיט אַ טרויעריקער מינע זיך געלאָזט גיין נאָך דער לוויה.

דיביידע הערן, וואָס זיינען געגאַנגען די לעצטע, האָבן מיך פֿאַרחידושט אָנגעקוקט און זיך דאַן איבערגעוואָרפן שטילערהייט מיט אַ פּאָר ווערטער. זיי האָבן זיך אַוודאי געפרעגט, צי איך בין אַ היגער. דערנאָך האָבן זיי זיך געווענדט צו די צוויי, וואָס זיינען געגאַנגען פֿאַר זיי, און יענע האָבן זיך אויך אומגעקוקט אויף מיר. די דאָזיקע פֿאָרשנדיקע אויפמערקזאַמקייט איז מיר געווען אומאַיינגענעם, און צו מאַכן דערמיט אַ סוף, בין איך צוגעגאַנגען צו די הערן, וואָס זיינען געגאַנגען פֿאַר מיר, און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, מיינע הערן, וואָס איך שטער אייך. אַז איך האָב דערזען די דאָזיקע ציווילע לוויה, האָט מיך אָנגענומען אַ פֿאַרלאַנג נאָכצוגיין, הגם איך קען אַפילו ניט דעם טויטן, וואָס איר באַגלייט צו קבורה.

איינער פון די הערן האָט געענטפערט:

— דאָס איז אַ טויטע.

איך האָב זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט:

— דאָס איז דאָך אָבער אַ ציווילע לוויה, ניט אמת?

דער אַנדערער הער, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען צופרידן מיך אויפצוקלערן די זאַך, האָט געזאָגט:

— אי יאָ אי ניין. די גייסטלעכקייט האָט ניט געוואָלט אָנטייל נעמען אין דער קבורה.

אַ פאַרוואונדערטער „אַך!" האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן; איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.

מיין פריינדלעכער שכן האָט מיר דאַן פאַרטרויט מיט אַ שטילן קול:

— דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע! די יונגע פרוי האָט זיך אַליין דאָס לעבן גענומען, און דערפאַר האָט מען זי ניט געוואָלט מקבר זיין לויט דעם קריסטלעכן דין. דער הער אָט דאָרט פאָרנט, וואָס וויינט, איז דאָס איר מאַן.

אַ ביסל אומזיכער און זיך קווענקלענדיק האָב איך געזאָגט:

— דאָס, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אינטערעסירט מיך זייער, מיין הער. וועט עס זיין אפשר צו אומדיסקרעט פון מיין זייט, ווען איך זאָל אייך בעטן דערציילן מיר די דאָזיקע געשיכטע. אויב דאָס איז אָבער אייך אומאיינגענעם כאָטש אויף אַ האָר, דאַן נעמט גאָר ניט אין אַכט די בקשה מיינע.

דער הער האָט פריינדלעך מיך גענומען אונטער דער האַנט.

— עס איז מיר לחלוטין ניט אומאיינגענעם, לחלוטין ניט,— האָט ער געזאָגט. — וואַרט נאָר איין ווײַלע... לאָמיר אַ ביסל אָפּשטיין, וועל איך אייך דערציילן די גאַנצע זאַך... אַגב זייער אַ טרויעריקע געשיכטע. מיר האָבן נאָך גענוג צייט, ביז מיר וועלן קומען צום בית־עלמין. דער בית־עלמין איז אָן דאָרט אויפן היגל, וואו די ביימער, און דער וועג באַרג־אַרויף געדויערט גאַנץ לאַנג.

און ער האָט אָנגעהויבן:

„די יונגע פרוי, מאַדאַם פּאָל האַמאָ, איז געווען אַ טאָכטער פון אַ היגן רייכן סוחר, ה׳ פּאָנטאַנעל. נאָך גאָר אַ יונג קינד, פון אַ יאָר עלף, איז איר אַ שרעקלעך אומגליק געשען: איר פּאָטערס אַ דינער האָט זי פאַרגוואַלטיקט. זי איז אויף טויט קראַנק געוואָרן צוליב דער ברוטאַליטעט פון דערדאָזיקער חיה, און אויף דעם שרעקלעכן פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס אָרימע קינד, אָנגעשראָקן פון די מוראדיקע דראָאונגען פון דעם אוממענטש און געצוואונגען צו שווייגן, איז אין משך פון דריי־חדשים געווען אַ קרבן פון זיין מאוימדיקער תאווה. דער דינער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו אייביקער צוואַנגסאַרבעט.

דאָס קליינע מיידעלע איז געוואַקסן, אַזוי ווי קין געצייכנט מיט דעם שאַנד־חותם אויפן שטערן, איינזאַם אַליין, אָן חברטעס, און אַפילו די דערוואַקסענע האָבן געווייכט פון איר, גלייך ווי מורא האָבנדיק אַיינצוריכטן די ליפּן, ווען זיי וועלן זי אַ קוש טאָן אין שטערן.

די גאַנצע שטאָט האָט זי באַטראַכט ווי עפּעס אַ בייז וואונדער. ווען מ׳פלעגט זי זען, פלעגט מען זיך געמען שושקען: „איר קענט די קליינע פּאָנטאַנעל?" און ווען זי פלעגט דורכגיין די גאַס, האָבן זיך אַלע אָפּגעקערט און זי נאָכגעקוקט. סוף־כל־סוף האָט מען שוין ניט געקענט געפינען פאַר איר אַ באָנע, וואָס זאָל זי פירן שפּאַצירן, ווארים די גובערנאַנטינס פון די אַנדערע פאַמיליעס האָבן געווייכט פון דער קליינער און פון איר באַגלייטערין, גלייך ווי דאָס קינד וואָלט פאַרשפּרייט עפּעס אַ מגפה, וואָס קען ווערן געפערלעך פאַר זיי און די קינדער.

עס איז באמת אַ צער געווען צו קוקן אויף דער אָרימער, ווען זי פלעגט קומען אויף דעם שפּילפּלאַץ. דאָס יונגוואַרג פון שטעטל האָט דאָרט געשפּילט אַלע נאָכמיטאָג, און זי איז געשטאַנען אַליין לעבן איר באָנע און טרויעריק געקוקט אויף די אַנדערע קינדער, וואָס האָבן אַזוי פריילעך פאַרבראַכט. טיילמאָל האָט זי ניט געקענט ביישטיין דעם פאַרלאַנג אויסצומישן זיך מיט זיי, און מיט ציטערדיקע באַוועגונגען און אומזיכערע טריט, גלייך ווי זי וואָלט אַליין זיך געהאַלטן פאַר טמא, פלעגט זי צוגיין בעענטער

צו אַ גרופּע קינדער. אָבער תּיכּף האָבן זיך פון אַלע בענק אַ לאָז געטאָן די מאַמעס, די באָבעס, די מומעס, אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט די קליינע מיידעלעך, וואָס זיינען אָנגעטרויט געוואָרן אונטער זייער השגחה, און זיי גראָב אַוועקגעשלעפּט פון דאָרט. און די קליינע פאָנטאַנעל איז ווידער געשטאַנען אַליין, אַ פאַראומערטע און פאַרלוירענע, און זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען, וואָרים דאָס האַרץ האָט איר שיר ניט געפּלאַצט פאַר ווייטאָג. כּליפּענדיק פלעגט זי צולויפן צו איר אויפזעערין און באַהאַלטן איר פּנים אין איר גרויסן פאַרטעך.

זי איז אונטערגעוואַקסן און עס איז געוואָרן אַלץ ערגער. מ׳האָט ניט צוגעלאָזט די יונגע מיידלעך אין אירע ד׳ אַמות, גלייך ווי זי וואָלט געהאַט די פּעסט. מ׳האָט שוין צו אָפט געהאַלטן עס פאַר קלאָר, אַז די דאָזיקע יונגע באַשעפעניש האָט שוין מער ניט וואָס צו לערנען, לחלוטין גאָרנישט! אַז זי האָט שוין מער קיין רעכט ניט אויף דעם סימבאָלישן מירטנקראַנץ, אַז איידער זי האָט נאָך געקענט לייענען און שרייבן, איז זי שוין געוואָר געוואָרן דעם שרעקלעכן סוד, פון וועלכן די מוטערס גיבן מיט אַ ציטער אָנצוהערן זייערע טעכטער ערשט אין דעם אָוונט פון דער חופּה.

ווען זי פלעגט דורכגיין די גאַס, שטענדיק באַגלייט פון איר באָנע, גלייך ווי זי וואָלט נאָך געלעבט אין דער מורא, איר זאָל נאָך אַמאָל ניט געשען אַזאַ שרעקלעכער אומגליק, האָט זי אַלעמאָל געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן ווי אונטער דער לאַסט פון דער סודותפולער חרפּה, וואָס איז געלעגן אויף איר. די יונגע מיידלעך, וואָס זיינען אַ סך ווייניקער נאַאיוו, ווי מען מיינט, פלעגן, דערזעענדיק זי, אָנהייבן שעלמיש זיך צו סודען, אַפילו צו לאַכן, און פלעגן מיט געמאַכטער נאַכלעסיקייט זיך אָפּקערן, אַז זי האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן.

מ׳האָט זי כּמעט ניט געגריסט. נאָר געציילטע מענער האָבן פאַר איר אַראָפּגענומען דעם הוט. די מוטערס האָבן זיך מייסטנטיילס געמאַכט, אַז זיי זעען זי ניט. מאַנכע קליינע שטיפער האָבן זי גערופן „מאַדאַם באַטיסט". באַטיסט האָט געהייסן דער

דינער, וואָס האָט זי פאַרגוואַלדיקט און אומגליקלעך געמאַכט!

קיינער האָט ניט געוואוסט פון אירע פאַרבאָרגענע יסורים, וואָרים זי האָט כמעט ווי ניט גערעדט און קיינמאָל ניט געלאַכט. אַפילו אירע עלטערן זיינען געווען צו איר קאַלט און ווי אין פאַרלעגנהייט, גלייך ווי זיי וואָלטן ברוגז געווען אויף איר פאַר אַ פעלער, וואָס לאָזט זיך שוין ניט פאַרריכטן.

אַ אָנשטענדיקער מענטש וועט אַן אַרויסגעלאָזענעם פון תפיסה ניט גערן געבן די האַנט, אַפילו ווען עס זאָל זיין זיין אייגענער זון, — אמת? מאָסיע און מאַדאַם פאָנטאַנעל האָבן געקוקט אויף זייער טאָכטער, ווי מ׳וואָלט געקוקט אויף אַ זון, וואָס איז צוריקגעקומען פון תפיסה.

זי איז געווען אַ שיינע, אַ בלייכע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע. ווען ניט די דאָזיקע אומגליקלעכע מעשה, מיין הער, וואָלט זי מיר זייער געפעלן.

מיט אָנדערטהאַלבן יאָר צוריק איז צו אונז אָנגעקומען אַ נייער סופּערפּרעפעקט. ער האָט מיטגעבראַכט זיין אייגענעם סעקרעטאַר, עפּעס אַ מאָדנעם יונג, וואָס האָט קענטיק פאַרבראַכט זיין רווישיקע יוגנט אין דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל.

ער האָט געזען מאַדמואַזעל פאָנטאַנעל און האָט זיך פאַרליבט אין איר. מ׳האָט אים אַלץ אויסגעזאָגט. האָט ער דערויף געענטפערט: „שטותעריי! דאָס איז העכסטנס אַ גאַראַנטיע אויף דער צוקונפט. מיר איז דאָך ליבער, וואָס דאָס איז געשען פאַר דער חתונה איידער נאָך דעם. מיט אַזאַ פרוי וועל איך אַוודאי זיין רואיק".

ער האָט זי גענומען האַווירן, האָט געבעטן איר האַנט און מיט איר חתונה געהאַט. און אַ מענטש מיט כאַראַקטער, האָט ער מיט זיין יונגער פרוי געמאַכט וויזיטן, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט געווען. אייניקע האָבן געענטפערט אויף די וויזיטן, אַנדערע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. דאָך האָט מען ביסלעכווייז אָנגעהויבן די זאַך צו פאַרגעסן, און די יונגע פרוי האָט סוף־כל־סוף פאַרנומען איר פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט.

איך דאַרף אייך זאָגן, אַז זי האָט דעם מאַן ממש פאַרגע־

טערט. ער האָט איר אומגעקערט איר ערע, האָט זיך געשטעלט קעגן דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די באַליידיקער און געצוואונגען זיי צום שווייגן, הכלל — האָט אַרויסבאַוויזן אַ מוט, וואָס ניט אַלע מענער וואָלטן געווען פעאיק דערויף. און זי האָט אים פאַר דעם אַלעם אָפּגעדאַנקט מיט אַ הייסער פיינלעכער ליידנשאַפט.

ווען מ׳איז אין שטאָט געוואָר געוואָרן, אַז זי איז אויף דער צייט, האָבן אַפילו די סאַמע איידלגעבוירענע דאַמען געעפנט פאַר איר זייערע טירן, גלייך ווי די מוטערשאַפט וואָלט זי שוין איצט אינגאַנצן ריין געמאַכט. עס איז מאָדנע, אָבער אַזוי איז דאָס פאָרט.

אַלץ איז געגאַנגען, וואָס מ׳דאַרף ניט בעסער. נאָר אָט האָבן מיר די טעג געפייערט אין אונזער שטאָט דעם פאַטראָנאַט-יום=טוב. לכּבוד דעם איז פאָרגעקומען אַ מוזיקאַלישער קאָנקורס מיטן אָנטייל פון דעם פרעפעקט, זיינע באַאַמטע און די קונסטריכטער פון דער געגנט, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל, און נאָכדעם האָט דער סעקרעטאַר, פּאָל האַמאָ, פאַרטיילט די מעדאַילן און די פּריזן.

ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן, מישט זיך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן שטענדיק אַריין קנאה=שנאה, וואָס ברענגט אָפּט אַרויס די מענטשן פון גלייכגעוויכט.

אַלע דאַמען פון שטאָט זיינען געזעסן אויף די באַלקאָנען פון זאַל אַלס צוקוקערינס.

דער קאַפּעלמייסטער פון אַ געזאַנגפאַראיין פון מאָרמיליאָן האָט גראָד געזאָלט באַקומען אַ אויסצייכענונג. האָט מען זיין כאָר צוגעפּסקנט אַ צווייטן פּריז. מ׳קען דאָך אַלעמען ניט געבן דעם ערשטן פּריז, ניט אפשר?

ווען דער סעקרעטאַר, פּאָל האַמאָ, האָט אים איבערגעגעבן די מעדאַיל, האָט יענער זי אַ וואָרף געטאָן אים אין פּנים אַריין און אַ געשריי געטאָן:

— דו קענסט די מעדאַיל באַהאַלטן פאַר באַטיסטן. אייגנטלעך קומסטו אים אַפילו אַן ערשטן פּריז, אַזוי ווי מיר.

צווישן דעם גרויסן עולם האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. דער המון איז דאָך אומברחמנותדיק און גראָב, און אַלע האָבן אויסגעשטעלט די אויגן אויף דער אָרימער יונגער פרוי.

האָט איר אַמאָל געזען אַ פרוי, וואָס ווערט משוגע? ניין. און מיר האָבן געמוזט בייזיין ביי אַזאַ פאַל! זי איז אויפגעשטאַנען און איז דריי מאָל צוריק געפאַלן אויף איר שטול, גלייך ווי זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער געזען, אַז זי קען זיך ניט דורכקריגן דורכן עולם.

פון עולם האָט זיך דערהערט אַ קול: „האָהאָ! מאַדאַם באַטיסט!" און עס איז געוואָרן אַ גרויס געפילדער, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעמישט לוסטיקייט און .אויפרעגונג.

דער טומל איז געווען זייער גרויס, אַ רעש, אַ גערודער. אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט אין איר זייט. מ'האָט איבערגעגעבן איינס דעם אַנדערן די באַליידיקנדיקע ווערטער אויף איר אַדרעס; די מאַנען האָבן אונטערגעהאָלפן זייערע ווייבער זי אָנצוקוקן. מ'האָט געפרעגט: „וועלכע, וועלכע? די דאַמע אין בלויען?" אַ פּאָר לאָבוסעס האָבן פאַר פאַרגעניגן געקרייט ווי הענער, אַ נייער הילכיקער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן אין איין עק זאַל און זיך באַלד אַריבערגעטראָגן דורך דעם גאַנצן עולם.

זי האָט זיך מער ניט באַוועגט, איז געזעסן ווי פאַרגליווערט אין איר שטול. זי האָט זיך ניט געקענט רירן, ניט געקענט איר פּנים באַהאַלטן. אירע אויגן-לעדעלעך האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט מיט אַ מוראדיקער געשווינטקייט אָן אַ אויפהער, גלייך ווי געבלענדט פון אַ שאַרפער שיין, און זי האָט געעטעמט הויך און שווער, אַזוי ווי אַ פערד, וואָס מאַטערט זיך באַרג-אַרויף.

דאָס האַרץ האָט וויי געטאָן, קוקנדיק אויף איר.

מאָסיע האַמאָ האָט אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז דעם גראָבן יונג, וואָס האָט אָנגעמאַכט דעם גאַנצן טומל, און זיי האָבן זיך ביידע גענומען קייקלען אויף דער ערד צווישן שרעקלעכע געשרייען.

די פאָרשטעלונג איז איבערגעריסן געוואָרן.

אין אַ שעה אַרום, ווען דאָס פּאָרפאָלק האַמאָ זיינען געגאַנגען צוריק אַהיים, האָט די יונגע פרוי, וואָס האָט נאָך קיין

וואָרט ניט אויסגערעדט זינט דעם מאָמענט פון דער שרעקלעכער באַליידיקונג, נאָר געציטערט אויפן גאַנצן לייב, פלוצלונג, ווי אַ באַטעריע וואָלט אַלע אירע נערוון געבראַכט אין באַוועגונג, אַ שפרונג געטאָן איבער דעם פאַרענץ פון בריק און איז פאַרשוואונדן אין טייך, איידער דער מאַן האָט נאָך אַפילו באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר.

דאָס וואַסער אונטער די בריק־זײלן איז זייער טיף. עס האָט געדויערט צוויי שעה, ביז מ׳האָט זי אַרויסגעצויגן. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז געווען טויט.

דער דערציילער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— עס איז אפשר געווען די גליקלעכסטע זאַך, וואָס זי האָט אין איר לאַגע געקענט טאָן. פאַרהאַן זאַכן, וואָס מ׳קען פשוט ניט פאַרגעסן.

איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס די גייסטלעכקייט האָט זיך אָפּגעזאָגט זי ברענגען צו קבורה. אָ, ווען מ׳וואָלט זי מקבר געווען קירכלעך, וואָלט געוויס די גאַנצע שטאָט מיטגעגאַנגען נאָך דער לוויה. אָבער אַזוי, נאָך דערדאָזיקער געשיכטע און אַ זעלבסטמאָרד דערצו...נו, קען מען טאַקע קיינעם ניט פאַרדענקען, וואָס מ׳איז געבליבן זיצן אינדערהיים. בפרט אַז ביי אונדז אין שטאָט איז איבערהויפּט אַ שווערע זאַך צו באַגלייטן אַ לוויה אָן אַ גלח״.

אין דעם מאָמענט זיינען מיר אַריין אין דעם טויער פון בית־עלמין. שטאַרק אויפגערודערט, האָב איך געוואַרט, ביז מ׳האָט די טרונע אַראָפּגעלאָזן אין קבר, און בין דאַן צוגעגאַנגען צו דעם אָרימען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען און געכליפּעט, און האָב אים האַרציק אַ דריק געטאָן די האַנט.

איבערראַשט האָט ער מיך אָנגעקוקט דורך זיינע טרערן און האָט געזאָגט:

— איך דאַנק אייך, מיין הער.

און איך האָב ניט באַדויערט, וואָס איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך דערדאָזיקער לוויה.

.1888

ע ר?

מיין ליבער פריינד, דו קענסט מיך ניט באַגרייפן? איך פאַרשטיי עס. דו האַלטסט, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ? אפשר בין איך טאַקע אַ ביסל אַראָפּ פון זינען, אָבער ניט פון די סיבות, וואָס דו רעכנסט אויס.

יאָ, איך האָב חתונה. דאָס איז אמת.

און דאָך האָבן זיך מיינע געדאַנקען און איבערציייגונגען ניט געביטן. אַ חתונה כּדין וכדת האַלט איך נאָך אַלץ פאַר אַן אומזין. איך בין איבערציייגט, אַז פון צען באַווייבטע מענער זיינען אַכט מיט הערנער. אמת, קיין בעסערס פאַרדינען זיי טאַקע ניט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי באַנאַרישט אָנצוטאָן אויף זיך קייטן, אָפּצוזאָגן זיך פון פרייער ליבע, די איינציקע מאָראַלישע און גוטע זאַך, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, און אָפּצו־שניידן די פליגלען דער פאַנטאַזיע, וועלכע טרייבט אונז כּסדר צו אַלע פרויען א. אַז. וו. א. אַז. וו.

מער ווי ווען עס איז פיל איך זיך איצט אומפּעאיק ליב צו האָבן איין פרוי, ווייל איך האָב אַלץ נאָך צו שטאַרק ליב אַלע אַנדערע. איך וואָלט וועלן האָבן טויזנט הענט, טויזנט ליפּן און טויזנט טעמפּעראַמענטן, כּדי אַרומצונעמען פאַר אַמאָל אַ גאַנצע מחנה פון די דאָזיקע רייצנדיקע און נוצלאָזע באַשעפענישן.

און פונדעסטוועגן האָב איך חתונה.

איך מוז צוגעבן, אַז איך קען כּמעט ניט דאָס מיידל, וואָס וועט פון מאָרגן אָן זיין מיין ווייב. איך האָב זי געזען בלויז אַ פיר — פינף מאָל! איך ווייס, אַז זי איז מיר ניט דערווידער; דאָס איז מיר גענוג פאַר דעם צוועק, אויף וועלכן איך דאַרף זי האָבן. זי איז אַ קליינע, אַ דיקע, אַ בלאָנדע. איבערמאָרגן וועט זיך מיר מסתּמא גלוסטן אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ ברונעטין.

זי איז ניט רייך; זי שטאַמט פון אַ מיטלמעסיקער פאַמיליע און איז אַ מיידל, וואָס פאַרהאַן אַזעלכע אַ סך, גוט צום חתונה האָבן, אָן גרויסע חסרונות און אָן גרויסע מעלות. אויף איר זאָגט מען: „פריילין לאָזשאַל איז זייער אַ שיינע" און מאָרגן וועט מען זאָגן: „מאַדאַם ראַימאַן איז זייער אַ שיינע", הכלל, זי געהערט צום יענעם לעגיאָן יונגע אָנשטענדיקע מיידלעך, וואָס יעדער מאַן וואָלט מיט פאַרגעניגן נעמען פאַר אַ ווייב, ביז ער ווערט אין אַ שיינעם פרימאָרגן געוואָר, אַז אַלע אַנדערע פרויען געפעלן אים בעסער, ווי די, וואָס ער האָט אויסדערוויילט.

„צו וואָס-זשע אַלזאָ חתונה האָבן?" פרעגסטו.

איך וואַג קוים זיך דיר מודה צו זיין אין דעם אויסטערלישן און אומגלויבלעכן טעם, וואָס צווינגט מיך צו דעם דאָזיקן אומזיניקן שריט.

איך האָב חתונה, כדי ניט צו זיין אַליין!

איך ווייס ניט, ווי אַזוי איך זאָל עס דיר בעסער דערקלערן, געבן צו פאַרשטיין. דו וועסט מיך אָדער באַדויערן אָדער פאַראַכטן—אין אַזאַ לאַגע געפין איך זיך.

איך וויל ביינאַכט ניט זיין אַליין. איך וויל פילן לעבן זיך אַ וועזן, וואָס קען ריידן, וואָס קען מיר זאָגן עפעס, ס'מאַכט ניט אויס — וואָס.

איך וויל, אַז אויפכאַפנדיק זיך פון שלאָף, זאָל איך זי קענען וואָס עס איז פרעגן, כאָטש עפעס אַ נאַרישקייט, אַבי נאָר צו הערן אַ קול, אַבי צו פילן, אַז מיין דירה איז באַוואוינט, אַז נאָך אַ לעבעדיקער נפש איז דאָ פאַרהאַן, און אָנצינדנדיק שנעל אַ ליכט, זאָל איך דערזען אַ מענטשיש פנים, וואָרים איך... וואָרים איך (איך וואַג קוים זיך מודה צו זיין אין דעם), וואָרים איך האָב מורא, ווען איך בין אַליין.

דו פאַרשטייסט מיך נאָך אַלץ ניט.

איך האָב ניט מורא פאַר עפעס אַ סכנה. ווען עס זאָל אַריינקומען אַ רויבער, וואָלט איך אים געטויט, ניט אַ ציטער טוענדיק. איך האָב אויך קיין מורא ניט פאַר רוחות, וואָרים איך

גלייב ניט אין איבערנאַטירלעכס. איך האָב ניט קיין מורא פאַר מתים. איך גלויב אין דער ענדגילטיקער פאַרניכטונג פון יעדן וועזן, וואָס פאַרשווינדט.

אַלזאָ וואָס־זשע?... וואָס־זשע?... איך האָב מורא פאַר זיך אַליין. איך האָב מורא פאַר דער מורא; האָב מורא פאַר די קרעמפּן פון מיין גייסט, וואָס גייט אַרויס פון זיין גבול; האָב מורא פאַר דעם שרעקלעכן געשפּיר פון אַ אומבאַגרייפלעכער אימה.

לאַך, אַז דו ווילסט. עס איז מאוויימדיק, ניט אויסצוהיילן. איך האָב מורא פאַר די ווענט, פאַר דעם מעבל, פאַר די באַקאַנטע חפצים, וואָס לעבן פאַר מיר אָפּטמאָל מיט עפּעס אַ מין אַנימאַלישן לעבן, דערהויפּט האָב איך מורא פאַר דער שרעקלעכער אומרו פון מיינע מחשבות, פאַר מיין פאַרשטאַנד, וועלכער גליטשט זיך אָפּט אַרויס פון מיין שליטה, ווערט צעריבן ווי זאַמד דורך אַ געהיימענישפולן אומבאַגרייפלעכן שרעק.

צוערשט פיל איך, ווי אין מיין נשמה קריכט אַ אומבאַשטימטע אומרו און אַ שוידער גייט מיר אַריבער איבערן רוקן. איך קוק זיך אַרום. גאָרנישט! און איך וואָלט דאָך וועלן עפּעס. עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך פאַרשטיין. דען מיין גאַנצע מורא איז דאָך נאָר דערפאַר, ווייל איך פאַרשטיי ניט די סיבה פון מיין מורא.

איך רייד! האָב איך מורא פאַר מיין קול. איך גיי! און האָב מורא פאַר דאָס אומבאַקאַנטע הינטער דער טיר, הינטער די פאָרהאַנגען, אין שאַנק, אונטערן בעט... און דאָך ווייס איך, אַז אין ערגעץ איז קיין זאַך ניטאָ.

קער איך זיך האַסטיק אום, ווייל איך האָב מורא פאַר דאָס, וואָס געפינט זיך הינטער מיין רוקן, הגם עס איז גאָרנישט ניטאָ און איך ווייס עס.

איך ווער אויפגערעגטער, פיל, ווי מיין שרעק שטייגט, און פאַרשליס זיך אין מיין צימער. איך לייג זיך גיכער אַריין אין בעט, באַהאַלט זיך אונטער דער קאָלדרע און צונויפגעדרייט פאַרמאַך איך די אויגן פאַר פאַרצווייפלונג און בלייב אַזוי ליגן אומענדלעך לאַנג מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס ליכט ברענט נאָך אויף מיין נאַכט־טיש און מ׳דאַרף עס פאַרלעשן. אָבער איך וואַג עס ניט צו טאָן.

עס איז שרעקלעך אַזוי צו לעבן, ניט אמת?

פריער האָב איך עטוואָס אַזוינס קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. איך פלעג זיך תמיד רואיק קומען אַהיים, פלעג גיין אין מיין צימער הין און צוריק, און קיין שום זאַך האָט ניט געשטערט די לויטערקייט פון מיין געמיט. ווען מ׳זאָל מיר געוועז זאָגן, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט אויף מיר אָנפאַלן אַזאַ מין קראַנקהייט, אַזאַ אומבאַגרייפלעכע, נאַרישע און שרעקלעכע מורא, וואָלט איך אַזוי געלאַכט! איך פלעג רואיק עפענען די טירן אין דער פינסטערניש אַריין, פלעג זיך לייגן שלאָפן אַזוי געלאַסן, ניט פאַרריגלענדיק די טיר, און פלעג ניט אויפשטיין אינמיטן נאַכט, זיך צו איבערצייגן, אַז אַלע אַרויסגאַנגען פון מיין צימער זיינען פעסט פאַרשלאָסן.

דאָס אַלץ האָט זיך אויף אַ אויסטערלישן אופן אָנגעהויבן ערשט פאַראַיאָרן.

עס איז געווען אין אַ פייכטן האַרבסט־אָוונט. אַז מיין הויזדינערין איז נאָך אָוונטברויט אַוועק אַהיים, האָב איך זיך געפרעגט, וואָס איך זאָל איצטער טאָן. אַ ווײַלע בין איך געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער. איך האָב זיך געפילט זייער מיד, אָן שום סיבה — עפּעס אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אומפעאיק צו יעדער אַרבעט, ניט געהאַט קיין מוט אַפילו עפּעס צו לייענען. אַ דראָבנער רעגן האָט געטריפט איבער די שויבן פון מיין פענסטער. מיר איז געווען אומעטיק, איינגאַנצן פול מיט יענעם טרויער אָן שום גרונד, וואָס קען אונז ברענגען צו טרערן און וועקט אין אונז דעם פאַרלאַנג צו ריידן מיט עמעצן, ווער דאָס זאָל ניט זיין, אַבי נאָר אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די לאַסט פון אונזערע מחשבות.

איך האָב זיך געפילט אַזוי עלנט, מיין וואוינונג האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי וויסט, ווי נאָך קיינמאָל ניט. אַ אומענדלעכע ביטערע איינזאַמקייט האָט מיך אַרומגענומען. וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב זיך ווידער אַנידערגעזעצט. אַ נערוועאישע אומגעדולד איז מיר אַדורך איבער די פיס, איך בין אויפגעשטאַנען און ווידער אָנגעהויבן אַרומצוגיין. אפשר האָב איך אויך געהאַט אַ לייכטן

פיבער. מיינע הענט, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַרלייגט הינטערן רוקן, ווי מ'טוט עס, ווען מ'גייט פּאַמעלעך אַרום, האָבן געבריט איינע די אַנדערע, און איך האָב עס געפילט. פלוצלונג אָבער איז מיר אַדורכגעלאָפן אַ קאַלטער ציטער איבערן רוקן, מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז די פייכטקייט פון דרויסן איז אַריינגעדרונגען אין צימער, און איך האָב באַשלאָסן איינצוהייצן דעם קאַמין. איך האָב אָנגעצונדן דאָס האָלץ, דאָס ערשטע מאָל אין יאָר. האָב זיך ווידער אַוועקגעזעצט און שטאַר געקוקט אויפן פלאַם. אָבער באַלד האָב איך דערפילט, אַז איך קען מער בשום אופן ניט זיצן, איך מוז אויפשטיין, אַרויסגיין, זיך צעשטרייען, זיך טרעפן מיט וועמען פון מיינע פריינד.

איך בין אַרויסגעגאַנגען, אַריין צו דריי חברים, ניט געפונען זיי אין דער היים. דאַן האָב איך זיך געלאָזט גיין צום בולוואַר, פעסט אַנטשלאָסן אַזוי לאַנג צו זוכן, ביז איך וועל טרעפן עמעצן פון מיינע באַקאַנטע.

אומעטום האָט געהערשט אַן אומעט. די נאַסע טראָטואַרן האָבן געגלאַנצט און די שווערע פייכטקייט פון דעם אומדורכדרינגלעכן רעגן, וואָס פאַרגליווערט אַייך פלוצלונג מיט אַ קאַלטן ציטער, האָט געדריקט אויף די גאַסן און האָט עפּעס ווי מיד געמאַכט און פאַרטונקלט די גאַז-פלאַמען.

איך בין געגאַנגען פוילערהייט און בלויז געחזרט פאַר זיך: „וועל היינט אינאָוונט שוין קיינעם ניט טרעפן, מיט וועמען איך זאָל אַ ביסל קענען שמועסן".

איך האָב עטלעכע מאָל דורכגעזוכט אַלע קאַפעהייזער פון לאַ-מאָדעלען ביז דער פאָרשטאָט פּואַסאָניער. אומעטום האָב איך געזען אומעטיקע מענטשן זיצנדיק ביי די טישלעך, עפּעס ווי זיי וואָלטן קיין כוח ניט געהאַט אויסצוטרינקען ביזן סוף, וואָס זיי האָבן באַשטעלט.

אַזוי האָב איך אַ לאַנגע צייט אַרומגעבלאָנקעט און ערשט אום האַלבע נאַכט זיך געלאָזט צוריק אַהיים. איך בין געווען גאַנץ רואיק, אָבער עפּעס מאָדנע מיד. דער פּאָרטיער, וואָס לייגט זיך אַלעמאָל עלף אַ זייגער שלאָפן, האָט מיר, גאָרניט ווי זיין

געוויינהייט, תיכף געעפנט די טיר און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: „מסתמא איז נאָרוואָס אַהיים געקומען עמעצער פון די שכנים".

אַז איך גיי אַוועק פון שטוב, גיב איך אַלעמאָל צוויימאָל אַ דריי דעם טיר־שליסל. צו מיין איבעררעשונג האָב איך געפונען די טיר בלויז פאַרמאַכט. איך האָב משער געווען, אַז אינאָוונט האָט מען מיר אַרויפגעטראָגן ברייוו.

איך בין אַריינגעגאַנגען. דאָס פייער אין קאַמין האָט נאָך געברענט און אַ ביסל אַפילו באַלויכטן דעם צימער. איך האָב גענומען אַ ליכט און געוואָלט עס אָנצינדן ביים קאַמין, ערשט פלוצלונג, אַ קוק געבנדיק גלייך פאַר זיך, האָב איך דערזען, אַז עמעץ זיצט אין מיין שטול און וואַרימט די פיס ביים קאַמין, אַזוי אַז ער איז אויסגעקומען צו מיר מיטן רוקן.

איך האָב זיך ניט דערשראָקן, אָ ניין, אַפילו אַ האָר ניט. אַ גאַנץ וואַרשיינלעכע השערה איז מיר ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן אין מוח: מיינער אַ פריינד איז אַריין מיך געוואָר ווערן. דער פאָרטיער, וועמען איך האָב עס פאַרזאָגט פאַר מיין אַוועקגיין, האָט אים געזאָגט, אַז איך וועל באַלד קומען און האָט אים גע־געבן זיין שליסל צו מיין וואוינונג. און די אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן מיך פאַרוואונדערט ביי מיין צוריקקער, זיינען מיר פלוצלונג געקומען אויפן זכרון: די איינגאַנגס־טיר, וואָס דער פאָרטיער האָט מיר תיכף געעפנט נאָכן ערשטן קלונג, און די טיר, פון מיין וואוינונג, וואָס איך האָב געפונען אָפגעשלאָסן.

מיין פריינד (איך האָב נאָר געזען זיינע האָר) איז אַוודאי אַנטשלאָפן געוואָרן ביים קאַמין, וואַרטנדיק אויף מיר, און איך האָב געמאַכט אַ טריט צו אים, כדי אים אויפצוּוועקן. איך האָב אים געזען גאַנץ דייטלעך, די האַנט זיינע איז אַראָפגעהאַנגען אי־בערן אָנלען פון שטול און די פיס זיינען געווען פאַרלייגט איינער אויף דעם אַנדערן. זיין קאָפּ, אָנגעבויגט לינקס, איז געלעגן אויף דעם אָנלען און באַוויזן, אַז ער שלאָפט. איך האָב זיך געפרעגט: „ווער קען דאָס זיין?" אין צימער האָט מען קוים געקענט זען. איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט אים אָנצורירן פאַר אַקסל...

זי האָט געטראָפן דעם הילצערנעם ראַנד פון שטול! קיינער איז דאָ ניט געווען. דער שטול איז געווען ליידיק!

אָ, ס'אַר אַן אימה, גאָט מיינער!

איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן אויף צוריק, ווי פֿאַר אַ שרעקלעכער סכנה.

דערנאָך האָב איך זיך אָפּגעקערט, פּילנדיק, אַז עמעץ שטייט הינטער מיר; אַ ווילדער פֿאַרלאַנג נאָכאַמאָל אַ קוק צו טאָן אויפן שטול האָט מיך געצוואונגען ווידער אַמאָל זיך אומצוקוקן. און איך בין געבליבן שטיין, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, אַזוי אָנגעפילט מיט אימה, אַז איך האָב מיינע אַלע געדאַנקען פֿאַרלוירן און שיר ניט אומגעפאַלן אויף דער ערד.

אָבער איך בין בכלל אַ גאַנץ קאַלטבלוטיקער מענטש און פֿאַרליר דעם געזונטן פֿאַרשטאַנד נאָר אויף אַ ווײַלע. איך האָב מיר געזאָגט: „דאָס איז געווען אַ האַלוציניאַציע, מער גאָרנישט!" און איך האָב גענומען טראַכטן איבער דעם פענאָמען. אין אַזעלכע מאָמענטן אַרבעט דער געדאַנק זייער גיך.

איך האָב געהאַט אַ האַלוציניאַציע—דאָס איז געווען זיכער. מיין זינען איז די גאַנצע צייט געווען קלאָר און האָט געאַרבעט לאָגיש און נאָרמאַל. דער מוח איז אַלזאָ לחלוטין ניט אָנגערירט געוואָרן. נאָר די אויגן האָבן זיך פֿאַרבלענדט, האָבן די געדאַנקען מיינע פֿאַרבלענדט. מיר האָט זיך עפּעס אויסגעדוכט, איינע פון יענע ווידיעס, וואָס צווינגען לייכטגלויביקע מענטשן צו גלייבן אין וואונדער. דאָס איז געווען אַ נערוועאישע שטערונג פון אָפּטישן אַפּאַראַט, מער גאָרנישט, אפשר בלויז אַ קלייגער צופלוס פון בלוט.

איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט און האָב באַמערקט, זיך אַראָפּבייגנדיק צום פייער, אַז איך ציטער. איך האָב זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, ווייל מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז עמעץ האָט מיר אַ שטויס געטאָן אין רוקן.

איך בין אַלזאָ פאָרט ניט געווען רואיק.

איך האָב געמאַכט אַ פאָר טריט; האָב געזאָגט עפּעס אויפן קול; האָב אַ זונג געטאָן מיט אַ האַלבער שטים אַ פאָר סטראָפן.

דערנאָך האָב איך פֿאַרשלאָסן די טיר פון צימער, צוויי מאָל

איבערדרייענדיק דעם שליסל, און האָב זיך דערפילט אַ ביסל רואיקער. קיינער וועט לכל־הפחות ניט קענען אַריינגיין.

איך האָב זיך ווידער אַוועקגעזעצט און האָב נאָך לאַנג זיך געמוחט איבער דער אויסטערלישער ערשיינונג. דערנאָך האָב איך זיך געלייגט אין בעט אַריין און אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

אַ פּאָר מינוט איז אַלץ געגאַנגען גוט. איך בין בשלום געלעגן אויפן רוקן. דערנאָך האָב איך דערשפּירט אַ באַדערפעניש אַרומצוקוקן דעם צימער און האָב זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט.

דער פייער אין קאַמין האָט נאָך געטליעט בלויז אין אַ צוויי־דריי קוילן, וואָס האָבן גראָד באַלויכטן די פיסלעך פון שטול. און מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז דער מענטש זיצט ווידער אויפן שטול.

שנעל האָב איך ווידער אָנגעצונדן דאָס ליכט. איך האָב זיך טועה געווען, איך האָב קיינעם ניט געזען.

פונדעסטוועגן בין איך אויפגעשטאַנען און אַוועקגעשטעלט דעם שטול הינטערן בעט.

דערנאָך האָב איך ווידער אויסגעלאָשן דאָס ליכט און געפּרוווט איינשלאָפן. איך האָב נאָך ניט אָפּגעדרעמלט קיין פינף מינוט, האָב איך פּלוצלונג דערזען אין חלום, אָבער פּונקט ווי אויף דער וואָר, ווידער דאָס גאַנצע שרעקלעכע בילד פון דעם אָוונט. איך האָב זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אָנגעצונדן פייער, געבליבן ליגן אין בעט און ניט געוואַגט ווידער איינצושלאָפן.

צוויי מאָל אָבער בין איך טראָץ אַלע מיינע אָנשטרענגונגען פאַרזונקען ווידער אויף אַ פּאָר רגעס אין דרעמל. און צוויי מאָל האָט זיך דאָס בילד ווידער באַוויזן פאַר מיינע אויגן. איך האָב געמיינט — איך ווער משוגע.

אַז ס'איז געוואָרן טאָג, האָב איך זיך דערפילט אַ ביסל לייכטער און האָב אָפּגעשלאָפן רואיק ביז האַלבן טאָג.

דאָס איז אַריבער, אַריבער אַ גאַנצן. איך האָב מסתמא געהאַט אַ פיבער אָדער אַ קאָשמאַר, אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם מין. פונדעסטוועגן האָב איך זיך געפילט אַ ביסל פאַרשעמט.

דעם טאָג בין איך געווען זייער פריילעך. איך האָב געגעסן מיטאָג אין רעסטאָראַן, געגאַנגען אין טעאַטער, דערנאָך

אַוועק אַהיים. אַז איך האָב זיך אָבער דערנעענטערט צו מײַן וואוינונג, האָט מיך אַ מאָדנע אומרואיקייט באַהערשט. איך האָב מורא געהאַט א י ם ווידער צו דערזען. ניט מורא פאַר אים גופא, ניט מורא פאַר זײַן געגנוואַרט, אין וועלכער איך האָב ניט גע־גלייבט, נאָר איך האָב געהאַט מורא פאַר אַ נײַער פאַרבלענדונג פון מײַנע אויגן, מורא פאַר אַ האַלוצינאַציע, מורא פאַר דער אימה, פאַר וואָס וועט מיך אַרומנעמען.

איבער אַ שעה האָב איך געשפּרייזט הין און צוריק איבערן טראָטואַר; דערנאָך האָב איך אײַנגעפונען, אַז דאָס אַלץ איז צו נאַריש פון מײַן זײַט און בין אַרײַן. איך האָב געטעטעמט אַזוי האַסטיק, אַז איך בין קוים אַרויף אויף די טרעפּ, און איבער צען מינוט בין איך געבליבן שטיין פאַר דער טיר פון מײַן וואוינונג אין קאָרידאָר. פּלוצלונג אָבער האָב איך צונויפגענומען מײַן גאַנצן מוט און מײַן ווילן, אַרײַנגעשטעקט דעם שליסל אין שלאָס, זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ ליכט אין דער האַנט פאָראויס, אַ זעץ געטאָן מיטן פוס אין דער אָפּגעשלאָסענער טיר און אַ וואָרף געטאָן אַ דערשראָקענעם בליק אויפן קאַמין. איך האָב קיינעם ניט געזען.

אַך! — ווי לײַכט איז מיר געוואָרן! אַזאַ פרייד! אַזאַ אויס־לייזונג! אַ מונטערער בין איך געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך זיך אַלץ נאָך ניט געפילט אײַנגאַנצן באַרואיקט. האָב זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט. די טונקל־קייט אין די ווינקלען האָט מיך געשראָקן.

איך האָב שלעכט געשלאָפן, כסדר זיך געוועקט פון אָפּגע־דאַכטע שאָרכן. אָבער אים האָב איך ניט געזען. ניין. דאָס איז אַריבער!

פון יענעם טאָג אָן האָב איך מורא, ווען איך בלײַב אַליין בײַנאַכט.

איך פיל א י ם נאָענט לעבן זיך, אַרום זיך. איך האָב אים מער שוין ניט געזען, ניין! און וואָס מאַכט עס מיר אויס, ווײַבאַלד איך ווייס, אַז עס איז ג אָ ר נ י ש ט, ווײַבאַלד איך גלייב אין אים ניט!

און דאָך קוועלט מיך זײַן בילד, ווײַל איך מוז דערפון

תמיד טראַכטן: אײן האַנט איז אַראָפּגעהאַנגען רעכטס איבערן אָנלען פון שטול, דער קאָפּ איז געװען גענײגט אױף לינקס, װי בײ אײנעם װאָס שלאָפט... אָבער גענוג! איך װיל ניט, איך װיל דערפון מער ניט טראַכטן!

װאָס איז דאָס אָבער פאָרט, דער דאָזיקער דיבוק? און פאַרװאָס איז ער אַזױ אײנגעשפּאַרט? זײנע פיס זײנען געװען גאַנץ נאָענט צום פײער פון קאַמין.

ער פאַרפאָלגט מיך אָן אױפהער. דאָס איז אַ משוגעת! אָבער אַזױ איז דאָס. װער? ער? איך װײס זײער גוט, אַז ער עקסיסטירט ניט, אַז ער איז ניטאָ במציאות. ער לעבט בלױז אין מײן דמיון, אין מײן מורא, אין מײן אומרו! אָבער גענוג! גענוג זאָל שױן זײן!

יאָ, איך מעג ברענגען נאָך אַמאָל אַזױ פיל ראיות פון שכל, איך מעג צונױפנעמען מײן גאַנצן מוט און װילן — אָבער אַלײן זײן אין שטוב קען איך מער ניט, װײל ער איז דאָ! איך װעל אים מער ניט זען, ער װעט זיך מער ניט װײזן — דאָס װײס איך. און דאָך איז ער פאָרט דאָ, אין מײנע מחשבות. ער איז אומגעזען, אָבער דאָס שטערט אים ניט צו זײן דאָ. ער איז הינטער די טירן, אין דער פאַרמאַכטער שאַנק, אונטערן בעט, אין אַלע טונקעלע װינקלען, אין אַלע שאָטנס. אַז איך עפן די טיר, שליס אָפּ די שאַנק, לײכט אַרײן אונטערן בעט, באַלײכט די װינקלען און שאָטנס, איז ער שױן ניטאָ; דאַן פיל איך אים הינטער מיר. איך דרײ זיך אױס, הגם איבערצײגט, אַז איך װעל אים מער קײנמאָל ניט זען. אָבער ער איז דערפון ניט װײניקער דאָ הינטער מיר.

דאָס איז נאַריש, אָבער אימהדיק.

װאָס װילסטו? איך קען גאָרנישט מאַכן.

װען מיר װעלן אָבער זײן אין צימער זאַלבענאַנד, פיל איך דײטלעך, יאָ — זײער דײטלעך, װעט ער מער שױן ניט זײן דאָ. װאָרים ער איז דאָ דערפאַר, װײל איך בין אַלײן, נאָר דערפאַר, װײל איך בין אײנער אַלײן!

1883.

אינהאַלט:

זייט

גי דע מאָפּאַסאַן (ביאָגראַפיע) 3

גי דע מאָפּאַסאַן (עטיוד פון פּאָל נעווע) 6

די קליינע ראָק 25

די משוגענע 77

דער פעטער מילאָן 85

צוויי פריינד 97

דער רעגנשירעם 109

די אומגיצלעכע שיינקייט 125

די שטולפלעכטערין 157

מאַדאַם באַטיסט 169

ער? 181